STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09595

MUTER UN KIND

Nechemias Zucker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמיה צוקער

מוטער און קינד

ראָמאַן

פון אידישן אימיגראַנטן־לעבן אין ב. איירעס.

◆

בוענאָס איירעס

נאָוועמבער 1946

NECHEMIAS ZUCKER

MADRE e HIJA

NOVELA

PRINTED IN ARGENTINE
COPYRIGHT BY N. ZUCKER

אַרויסגעגעבן פון אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט אַלס מתּנה
צום פופציקסטן געבורטסטאָג פון אויטאָר.

בוענאָס איירעס, נאָוועמבער 1946

די אַקטיוויטעטן פון אונדזער יובילאַר נ. צוקער

געקומען איז נ. צוקער קיין ב. איירעס אין יאָר 1923, שוין אַלס באַקאַנטער אידישער דראַמאַטורג פון קראָקע, וועמענס ערשטע אָנערקענטע און געלויבטע דראַמע „חליצה", וואָס איז דערשינען אין קראָקע (1922), איז שוין דאָ געווען באַקאַנט, פונקט ווי צוקער איז שוין געווען באַוואוסט אַלס גרינדער און אָנפירער פון דראַמקרייזן נאָך אין זיין אַלטער היימשטאָט.

ער האָט דאָ באַלד אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין צייטונגען און זשורנאַלן און אין שפּאַנישער איבערזעצונג זיינען געדרוקט געוואָרן זיינע אַרטיקלען אין דער „מונדאָ איזראַעליטאַ". גלייכצייטיק, האָט ער אַרום זיך געשאַפן אַ סביבה פון בענקענדיקע יונגטלעכע אימיגראַנטן און ער האָט מיט דער מיטהילף פון אַנדערע געשאַפן אַ דראַמקרייז מיטן נאָמען „אַרטיסטיש ווינקעלע" מיט וועלכן ער האָט אויפגעפירט זיינע ניי־געשאַפענע איינאַקטער פון קאָלאָניסטישן אידישן לעבן און אויך עטלעכע קאָמעדיעס און סאַטירעס.

דאָס „אַרטיסטישע ווינקעלע" האָט זיך דערנאָך געשפּאָלטן אויף פאַרשידענע אידעאָלאָגישע גרופּעס, וועלכע האָבן זיך באַזונדער אָרגאַניזירט אין ליבהאָבער־קרייזן אונטער פאַרשידענע נעמען און נ. צוקער האָט כמעט אין אַלע ניי־געשאַפענע קרייזן אַקטואירט אַלס דראַמאַטורג און רעזשיסאָר און גלייכצייטיק האָט ער אויך אַקטואירט געזעלשאַפטלעך און קולטורעל און געווען פון די ערשטע מיטגרינדער פון אַ היפּשער צאָל אידישע קולטור און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

פון 1923 ביז 1930 האָט ער מיטגעאַרבעט סטאַביל אין דעם זשורנאַל „פּעניםער און פּעניםלעך", אין 1929 איז ער מיטרעדאַקטאָר פון אַ טעגלעכער אידישער צייטונג „אַרגענטינער טאָג", וועלכע עקזיסטירט בלויז

14 מאַנאַטן און דערנאָך גיט ער אַליין אַרויס אַ הומאָריסטיש וואָכנבלאַט „דער קונדאָס", וועלכעס דערגרייכט אַ היפּשע פאַרשפּרייטונג און ווערט זייער גערן געלייענט אין אַלע קרייזן פון דער אידישער געזעלשאַפט.

אין דער צייט ווערן אויך אויפגעפירט נ. צוקערס פּיעסן אין פּראָפעסיאָנעלן אידישן טעאַטער, סיי דראַמאַטישע שאַפונגען, ווי אָפּערעטע־ליברעטאָס און קאָמעדיעס. און נאָכדעם ווי ער האָט מיטן דראַמקרייז „אַוואַנגאַרד" אויפגעפירט זיין נייע פּיעסע „אין נאָמען פון גערעכטיקייט", ווערט די זעלבע פּיעסע אויפגעפירט פון קינסטלער־גאַסט יאָזעף שיינגאָלד מיט אַ גרויסער טרופּע, אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער.

אין 1932, ווען דאָס אידישע טעאַטער איז געשטאַנען אין דעקאַדענץ און צווישן אַקטיאָרן האָט געהערשט נויט און אומזיכערקייט פון עקזיסטענץ, דעמאָלט וואַרפט זיך צוקער מיט ליידנשאַפט אַריין אין דער אָרגאַניזירונג פון אידישן אַקטיאָר און במילא פון טעאַטער.

אין משך פון עטלעכע יאָר רעדאַקטירט צוקער און גיט אַרויס אַ זשורנאַל „טעאַטער", אין וועלכן אַקטיאָרן האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן זייערע מיינונגען וועגן פראַגן וואָס האָבן אַ שייכות צו זייער פּראָפעסיע.

דעם 1-טן מערץ 1932 ווערט אין צוקערס פּריוואַטער שטוב געגרינדעט דער אידישער אַקטיאָרן-פאַריין און ער בלייבט דער פאַרוואַלטער פון פאַריין ביז צום היינטיקן טאָג.

אין 1935 שטעלט צוקער אָפּ זיין אויסגאַבע „דער קונדאָס" און ער זוכט זיך אָפּ עטלעכע שותפים, שרייבער און דרוקער־אַרבעטער און עס ווערט געגרינדעט אַ קאָלעקטיוו, וואָס גיט אַרויס די טאָג־צייטונג „מאָרגנצייטונג".

אין משך פון פינף יאָר „מאָרגנצייטונג", דרוקט נ. צוקער הונדערטער אַרטיקלען, פעליעטאָנען און דערציילונגען, צווישן זיי, אויך אַ פיינע עסיי וועגן פּעפּע פּאָדעסטאַ און די גרינדונג פון נאַציאָנאַלן טעאַטער, ביז די צייטונג גייט איבער אין רשות פון אַ גרופּע אידישע קאַפּיטאַליסטן און צוקער וועלכער וויל בלייבן אומאָפּהענגיג, פאַרלאָזט די צייטונג (ענדע 1940) און באַשליסט זיך צו ווידמען אויסער זיין טאָג-טעגלעכער אַרבעט אַלס פאַרוואַלטער פון אַקטיאָרן-פאַריין, בלויז צו דער שיינער ליטעראַטור.

האָבנדיק אַ ספּעציעלע הייסע באַציאונג צום קולטור־צווייג וואָס הייסט אידיש טעאַטער, שרייבט צוקער אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן וועגן לעבן און ווירקן פון אַ באַרימטער אַקטריסע און אין אָנהויב 1944 דערשיינט זיין גרויס ווערק פון 512 זייטן: — „פיר דורות אידיש טעאַטער".

זיין טעטיקייט אין אידישן אַקטיאָרן־פאַריין לאָזט זיך לייכט אָפּ־

שאַצן, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז די לפי ערך 70 מיטגלידער צאָלן בלויז 1.25 פּעזאָס מאָנאַטלעכן אָפּצאָל און ווען דער פאַריין האָט זיך געגרינ-דעט, האָט ער קוים געהאַט צו באַצאָלן די 25 פּעזאָס אַ חודש פאַר דירה-געלט און היינט פאַרמאָגט דער פאַריין אַן אייגן הויז, שיין אויסמעבלירט און יעדן חודש ווערט אויסגעצאָלט פּענסיע-געלט צו אַ צאָל אַלטע אויס-געדינטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

ביי זיין אינטענסיווער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, זייענדיק מיט-גרינדער פון אידיש וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ), זייענדיק היפּשע יאָרן דער סעקרעטאַר פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן-פאַריין „ה. ד. נאָמבערג" און מיטווירקנדיק פאַר דער שאַפונג פון אידישע שולן, האָט צוקער נישט אויפגעהערט שאַפן אויפן ליטעראַרישן געביט, ווי דאָס באַ-ווייזן אָמבעסטן זיינע פּעריאָדיש דערשינענע ביכער, לויט פאָלגנדער רשימה:

„חליצה", דראַמע אין דריי אַקטן, דערשינען אין קראָקאָוו 1922.

צוויי איינאַקטערס. 1) „ווען די נאַכט פעלט צו..." 2) „אויפן קאַמף", דערשינען אין בוענאָס איירעס, 1924.

„רעצענזענט" (דער קריטיקער), הומאָריסטישער אַקט, דערשינען 1925.

„פאַר דראַמקרייזן" צען איינאַקטערס, (180 זייטן) דערשינען 1933.

„שפּאַס און ערנסט", לידער, פּאָעמעס און פּאַראָדיעס, 180 זייטן, דערשינען אין ב. איירעס, 1934.

„פון אַלץ צו ביסלעך", דערציילונגען און הומאָרעסקעס, דערשינען אין ב. איירעס, 1935.

„פאַבריקאַנטן", קאָמעדיע אין איין אַקט, דערשינען ב. איירעס, 1937.

„פיר דורות אידיש טעאַטער", 512 זייטן, לוקסוס-אויסגאַבע, דער-שינען אין ב. איירעס, 1944.

אויסער דעם האָט צוקער רעדאַקטירט אַ רייע ליטעראַרישע אַלמאַ-נאַכן און די לעצטע יאָרן אויך רעדאַקטירט און אַליין צוזאַמענגעשטעלט דאָס גיגאַנטישע ווערק „פּנקס גאַליציע", 640 גרויסע זייטן, דערשינען ב. איירעס 1945; „זכרונות פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אידיש טעאַטער", מעמוארן פון אַרטיסט בנציון פּאָלעפּאַדע, רעדאַקטירט פון נ. צוקער, דער-שינען אין בוענאָס איירעס, 1946 (480 זייטן און „יאָר-בוך" פון אַרגענ-טינער אידישן ישוב, פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכקייט, אַרויסגע-געבן אויף צוקערס איניציאַטיווע און רעדאַקטירט פון אים, דערשינען פון פאַרלאַג „יידיש" אין ב. איירעס, 1945-46. 320 גרויסע זייטן.

און איצט, ענדע 1946, ווען מיר פייערן נ. צוקערס פופציקסטן גע־בורטסטאג, דערשיינען זיינע צוויי ביכער: 1) „צווישן נעכטן און מארגן" (דערציילונגען און א דראמע) און 2) „מוטער און קינד" א ראמאן, פאס־מיש דער ערשטער ראמאן פון אידישן אימיגראנטן-לעבן אין בוענאס איי־רעס. (דעם ראמאן האט צוקער צוליב מאטעריעלע טעמים געשריבן אויף באשטעלונג פאר א צייטונג און די טעמע האט צוקער גענומען פון אן אמתער פאסירונג וואס האט זיך אנגעהויבן אין 1926. דער ראמאן איז געדרוקט געווארן אין א היגער צייטונג אונטער דעם נאמען „רחלע" און דערנאך איבערגעדרוקט געווארן אין מאנטעווידעא אונטער איצטיקן טיטל). די צוויי ביכער האט אונדזער קאמיטעט דעם כבוד ארויסצוגעבן אלס מתנה פאר דעם ארבעטזאמען אויטאר, צו זיין געבורטסטאג־פייערונג, וואס מיר פירן דורך מיט א באנקעט לכבוד דעם פארדינסטפולן שריפט־שטעלער, שבת דעם 30-טן נאוועמבער 1946.

אין נאמען פון בארונגס-קאמיטעט.

שמואל ביאלי
סעקרעטאר

סאלאמאן קוועלער
פרעזידענט

מוטער און קינד

קאפּיטל 1

אין רעסטאָראַן „בריסטאָל"

אויב מען וויל ביי היינטיקער צייט געפינען אַ פּלאַץ וואו עס מערקט זיך נישט אַזוי שטאַרק די דיסטאַנץ צווישן אַרבעטער און באַלעבאַס, דאַרף מען זיך אַריינכאַפּן מיטיק-צייט פון אַ געוויינלעכן אַרבעטס-טאָג אין רעסטאָראַן „בריסטאָל", וואָס געפינט זיך אין דער צענטער-גאַס פון ווזשאַ קרעספּאַ, אויף קאָריענטעס צווישן די גאַסן קאַנינג און מאַלאַביאַ.

די אַנדערהאַלבן שעה פון האַלב צוועלף ביז איינס אַזייגער, איז די פּראָספּעריטי-צייט פון דעם רעסטאָראַן; אין דער צייט איז דער רעסטאָראַן פול געפּאַקט און די געסט ריידן און לאַכן פּונקט אַזוי געשמאַק ווי זיי עסן און די פאַרשידענע קולות מישן זיך אויס און שאַפן אַ געטומל ווי אויף אַ יריד, וועלכער ווערט נאָר כסדר איבערגעשריגן פון אַ קעלנערישן אויסרוף: — „אַ יויך מאַנדלען!" אָדער — „אַ היים שטיקעלע געפילטע פיש!" אָדער פלוצלינג רייסט זיך גאָר דורך דעם געטומל אַן אויסרוף פון אַ קוויטשיק שטימעלע פון איין קעלנער: — „מאַרטשע און ביפע אַ קאַבאַזשאַ!"...

דער אויסרוף אויף שפּאַניש קלינגט פרעמד און ווי שאַרף ער האָט זיך נאָר-וואָס אַריינגעשניטן און דורכגעלאָפן איבער דעם געטומל פון רייד, לייזט ער זיך באַלד אויף און פאַרלירט זיך צווישן די אַנדערע אויסרופן אין ריינעם מאַמע-לשון וואָס הערט זיך פון אַלע זייטן.

דער רעסטאָראַן „בריסטאָל" איז אַ אידישער רעסטאָראַן און די געסט זיינען דאָרט ניין און ניינציק פּראָצענט אידישע.

נאָך איידער עס הויבט זיך אָן די אָפיציעלע מיטיק-צייט, כאַפּן

זיך שוין אריין מאנכע פון די שטריקער-פאבריקאנטן און פאבריקאנטלעך, טאַזשער-אייגנטימער און סוחרים, ביי וועמען עס האָט שוין אַ צופּ-געטאָן אונטערן „האַרץ-לעפּעלע" און זיי ווילן עפּעס „איבערכאַפּן".

שטייען זיי נעבן דעם גרויסן בופעט-טיש פון וועלכן עס ווינקען אַנטקעגן מיט אַזויפיל רייך גרויסע פולימעשאָקעס מיט פאַרשידענע מאכלים, אַלט-היימישע אידישע מאכלים, ווי פּופּיקלעך מיט לעבערלעך, געפילטע העלדזלעך, פערטעלעך פון פריש-געבראָטענע עופות און פאַרשידענע אַנדערע אַלט-היימישע מאכלים וואָס רייצן דעם אַפּעטיט און ווען מען ברענגט פון קיך אַ גרויסן פולימישאָק מיט הייסע געפילטע פיש און מען גיט אים אַזוי אַ שטעל אַוועק אויפן טיש און די פאַרע שלאָגט פון אים, צעעפענען זיך ברייטער די נאָזלעכער ביי די אַרומשטייענדיקע און זיי הויבן אָן פראַווען אַ שטייענדיקן יום-טוב...

ווען די ערשטע געסט האַלטן נאָך אין בעסטן „איבערכאַפּן", הויבן זיך שוין אָן באַווייזן אַנדערע געסט, עס קומען שוין אַרבעטער און אַרבעטערינס, יונגערע און עלטערע פוןביידע געשלעכטער און צו די ריחות פון די פאַרשידענע מאכלים, וואָס שוועבן אַרום און פילן אויס אַלע ווינקלען פון דעם געניג גרויסן רעסטאָראַן, קומט אויך צו דער ריח פון שוויים וואָס דעמפּט זיך אויס פון די מידע אַרבעטער-קערפּערס נאָך אַ האַלבן טאָג שווערער אַרבעט.

די אָריינקומענדיקע אַרבעטער זוכן באַלד אויס פּלעצער וואו זיך אַוועקצוזעצן. זיי קומען נישט בלויז „איבערכאַפּן", נאָר טאַקע אויף שנעל אָפּעסן אַ מיטיק, אָדער ווי מאַנכע פון זיי דריקן זיך אויס — „אָנשמירן די רעדער, כדי דער וואָגן זאָל קענען ווייטער פאָרן דעם אַנדערן האַלבן טאָג און די רעדער זאָלן נישט סקריפּען"...

די פרויען-אַרבעטערינס וואָס קומען אַריין, גייען גלייך לענגאויס דעם פראָנט-סאַלאָן צום הינטערגרונט, וואו עס געפינט זיך אַ ווייטערדיקע שטוב, די אַזוי-גערופענע „רעזערוואַדאַ". ווען אָן אַרבעטערין דאַרף זיך דורכשפּאַרן דורך דעם ענגן דורכגאַנג פאַרביי דעם בופעט-טיש, מאַכן די שטייענדיקע „איבערכאַפּער" נעבן בופעט דעם דורכגאַנג נאָך ענגער און ווען עמיצן פון די באַלעבאַטים וואָס האַלט אין קייען אַ פּופּיקל אָדער לעבערל, פאַרווילט זיך מאַכן אַ שפּאַס מיט דער פאַרבייגייענדיקער אַרבעטערין, הערט זי אים אפילו נישט, די צייט איז נישט אירע, זי דאַרף פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ און שנעל אָפּעסן, ווייל שנעל לויפט פאַרביי די אָפּרו-צייט פון מיטיק און מען דאַרף צוריקלויפן צו דער אַרבעט.

די באַלעבאַטים וואָס שטייען אַרום דעם בופעט-טיש בייטן זיך; מאַנכע גייען באַלד נאָך זייער שנעלן איבערכאַפּן אַוועק און אַנדערע קומען אויף זייער אָרט און מאַנכע, פּעט-לייביקע, וואָס באַקלאָגן זיך בסדר אויפן געזונט, און זיי ריידן וועגן די שטרענגע דיעטעס וואָס די דאָקטוירים האָבן זיי פאַרגעשריבן, דווקא זיי קענען זיך גאָר-נישט אָפּרייסן פון דעם בופעט-טיש, זיי קוקן זשעדנע אויף די מאכ-לים און שלינגען אַלץ מיט די אויגן און זיי כאַפּן אַריין נאָך אַ פּור-פּיקל, נאָך אַ לעבערל און נאָך אַ הערינגל, גלייך ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז אָט-אָט, און עס קומט אָן אַ הונגער-צייט און מען דאַרף אַריינכאַפּן ווי לאַנג עס איז צייט...

אָבער פּלוצלינג, ווי דער גאַנצער גערויש און געטומל וואָלט זיך אָפּגעשטעלט, און אַלעמענס בליקן און אַלעמענס אויפמערקזאַם-קייט איז געווענדעט געוואָרן צום פראַנט, וואו עס איז נאָר-אָט אַריינגעקומען אַן אַרבעטער-מיידל, אַנגעטאָן כמעט אַזוי ווי אַלע אַנ-דערע אַרבעטער-מיידלעך, נאָר מיט אַזאַ שיין ליכטיק פּנים, מיט אַזעלכע פינקלענדיקע שוואַרצע אויגן און מיט אַזאַ בויגעוודיקער פיגור, אַז עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט נישט געגאַנגען, נאָר פאַרבייגעשוועבט לענג אוים דעם סאַלאָן ביז צו דער שטוב אין הינ-טערגרונט און די באַלעבאַטים נעבן בופעט, האָבן זיך ווי אינסטינק-טיוו אָפּגערוקט פעסטער צום בופעט-טיש, שאַפנדיק אַ וואָרע, אַז דאָס מיידל זאָל קענען באַקוועם פאַרביישוועבן.

ערשט ווען דאָס אַרבעטער-מיידל איז פאַרשוואונדן אין דער רע-זערווירטער אָפּטיילונג פאַר פאַמיליעס, האָט זיך אויפסניי דערהערט דער געמיש פון פאַרשידענע קולות, אַ ווײַלע האָבן צענדליקער פּאָר אויגן נאָכגעגאַפט ביז דאָס מיידל איז פאַרשוואונדן, מאַנכע האָבן זיך עפּעס דורכגעשושקעט אויף איר חשבון, איינער פון די באַלע-באַטים האָט אַפילו אַוועקגעלייגט דעם גאָפּל מיט אַ טייל פון אופגע-שטאָכענעם פּופּיקל אויפן בופעט-טיש און זיך געלאָזן צום הינטער-גרונט כדי צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם וואונדערלעך שיינעם מיידל וואָס האָט נאָר-וואָס פאַרבייגעשוועבט, אָבער דער גערויש און גע-טומל איז שוין ווידער געווען אַזוי הילכיק, אַז ער האָט באַהערשט דעם גרויסן סאַלאָן פון דעם אידישן רעסטאָראַן.

קאַפּיטל 2

אַ ברכה וואָס איז ווי אַ קללה

אין אַלט פּוילן, אין די צייטן ווען די פּריצים האָבן געהערשט איבער די אידישע שטעטלעך, ווען אַזאַ פּריץ איז געקומען צו גאַסט אין זיינס אַ שטעטל, האָבן די פרומע אידישע מאַמעס אויף שנעל אַרויסגעכאַפּט סאַזשע פון די קוימענעס און איינגעשמירט די שיינע פּנימער פון זייערע צניעותדיקע טעכטער, כדי דעם פּריץ זאָל זיך נישט פאַרגלוסטן איינע פון זיי...

דאָס מיידל וואָס האָט נאָר-וואָס פאַרבייגעשוועבט דעם פראָנט-סאַלאָן פון רעסטאָראַן „בריסטאָל", האָט שוין נישט איינמאָל געטראַכט, אַז זי וואָלט זיך באַדאַרפט אויסשמירן מיט סאַזשע, כדי זי זאָל נישט דאַרפן פילן ווי עס נעמען זי דורך די שפּיזיקע זשעדנע בליקן פון די מענער.

אַז מענער זאָלן איר נאָכקוקן אין גאַס און אַפילו פּרוּוון זי פאַרטשעפּען מיט די שאַבלאָנע וואוּליונגערישע קאָמפּלימענטן, ווי „פּרעסיאָסאַ", „קיע פּאַפּאַ" און אַזוי ווייטער, דאָס איז פאַר איר נישט געווען קיין נייעס; נאָר אין גאַס האָט זי זיך נישט געמאַכט דערפון קיין וועזן, זי איז זיך געגאַנגען איר וועג און נישט געבנדיק קיינעם קיין געלעגנהייט און נישט שענקענדיק קיין אויפמערקזאַמקייט, האָט מען נישט געוואָגט זי צו באַלעסטיקן.

אַנדערש איז עס אָבער געווען אין רעסטאָראַן.

דורך די עטלעכע טעג זייט איר מוטער ליגט קראַנק אין אידישן שפּיטאָל און זי מוז גיין עסן אין רעסטאָראַן, פילט זי אויף זיך יעדן טאָג די זעלבע דורכנעמענדיקע בליקן, וואָס יעדעם אַנדערע מיידל אין אירע יאָרן וואָלט זיך געפילט שטאָלץ דערמיט, נאָר זי ליידט דערפון זייער שטאַרק, ווייל כאָטש זי איז ערשט ניינצן יאָר אַלט, האָט אָבער דאָס לעבן איר שוין געגעבן צו פילן ווער און וואָס עס זיינען אַזוינס די מענער.

דורך די עטלעכע טעג זייט זי עסט מיטיק אין רעסטאָראַן בריסטאָל, איז זי געוואָרן דער ציל פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און עס האָבן איר ווי-געטאָן די אייפערזיכטיקע בליקן פון די פרויען וואָס האָבן געגעסן אין דער פאַמיליען-אָפּטיילונג, ווען זיי האָבן געזען ווי זייערע מענער אָדער חתנים שלינגען זי מיט די אויגן.

די עטלעכע טעג זייט איר מוטער ליגט אין שפּיטאָל, איז איר זייער שלעכט; זייענדיק געוואוינט אַלעמאָל צוזאַמען מיט דער מוטער, פילט זי זייער שטאַרק איר היינטיקן עלנט, פונדעסטוועגן, איז

זי צופרידן וואָס זי האָט באַקומען אין זיך איר ליבשאַפט און גע־טריישאַפט צו דער מאַמען און זי האָט זי געלאָזן אינטערנירן אין שפּיטאָל.

— אַז גאָט וועט וועלן, האָט זי אין שפּיטאָל דאָקטוירים און מעדיצין וויפל זי באַדאַרף און זי וועט נאָך גיכער געזונט ווערן ווי אין דער היים און ערשט דעמאָלט, ווען די מאַמע וועט שוין זיין געזונט און צוריק אין דער היים, וועט זי איר דערציילן וועגן דעם גרויסן נסיון וואָס זי האָט איבערגעלעבט, איידער זי האָט באַשלאָסן די מאַמען צו אינטערנירן אין שפּיטאָל...

אַזוי האָט רחלע, די העלדין פון אונזער אמתער געשיכטע, גע־טראַכט, ווען זי האָט פאַרבייגעשוועבט דעם פראַנט-סאַלאָן פון רעס־טאָראַן און זי האָט זיך דערפרייט זעענדיק אַ טישל ביי וועלכן עס איז געזעסן אַ באַקאַנט אַרבעטער-מיידל און זי האָט זיך צוגעזעצט צו איר טישל.

דאָס באַקאַנטע מיידל, אסתר — ווי רחלע האָט זי אָנגערופן, האָט זי אַרומגעכאַפּט קושן און אַרויסגעוויזן איבערגעטריבענע פרייד וואָס זי וועט זיצן מיט איר צוזאַמען, זי האָט שוין לאַנג געוואָלט האָבן די געלעגנהייט זיך מיט איר דורכצושמועסן, אוי, עס זיינען דאָך פאַראַן אַזויפיל וויכטיקע זאַכן וועגן וואָס צו ריידן!...

און אסתר האָט אַוועקגעלייגט אַ גאַנצן מענה-לשון וועגן איר אַרבעט אין טאַזשער, וועגן די אינגלעך וואָס טשעפּען זיך צו איר, נאָר וועגן חתונה האָבן ווילן זיי נישט ריידן, ווייל טאַקע אַזוי, פון וואַנען וועט מען נעמען אויף אַ דירה, מעבל, אַ ווירטשאַפט... זעסטו, רחלע, ווען איך בין אַזוי שיין ווי דו, אָ, דאַן וואָלט איך שוין גע־וואוסט ווי אַזוי צו נעמען דאָס לעבן; ווען איך האָב דיין ליכטיק פּנים, וואָלט איך זיכער נישט באַדאַרפט אַרבעטן אין קיין טאַזשער און קריגן אַ הויקער פון זיצן מיטן איינגעבויגענעם רוקן אויפן ני־דעריקן ניי-בענקעלע...

רחלע האָט זיך כמעט נישט צוגעהערט צו אסתרס רייד; זיי זיינען איר דורך איין אויער אַריין און דורך דעם אַנדערן אַרויס; אָבער די לעצטע ווערטער האָט זי געהערט און זיי האָבן זי ווידער דערמאָנט אָן דעם גרויסן נסיון וואָס זי האָט איבערגעלעבט ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק און זי האָט אויפגעשוידערט.

— אסתר, זאָג מיר דעם אמת, צי מיינסטו טאַקע אַז מיט אַזאַ שיין פּנים קאָן מען זיין גליקלעך אויף אַן ערלעכן אופן?

נישט לאַנג צו טראַכטן, האָט אסתר שנעל אָפּגעענטפערט: — זיכער, אויב מען האָט נאָך צו דעם שיינעם פּנים כאָטש אַ קליין ביסעלע שכל, קאָן מען שוין איינמאָל זיין גליקלעך! אַזאַ ליכטיק־

שיינע צורה ווי דו האָסט, דאָס איז דאָך אַ באַזונדערע ברכה פון גאָט!...

ביי רחלען האָבן זיך די אויגן אָנגעפולט מיט טרערן: — אַ ברכה, זאָגסטו? און איך זאָג דיר, אַז אַ קללה!...

אויף אַ ווײַלע איז אסתר שטיל געבליבן. זי האָט געזען רחלעס פאַרטערטע אויגן און זי האָט זיך פאַרטראַכט, אָבער באַלד, ווי טרייבנדיק פון זיך די געדאַנקען, האָט זי אויסגערופן:

— און איך זאָג דיר רחלע, אַז נאָר ביי שיינע מיידלעך וואָס האָבן נישט קיין שכל ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט, ווערט גאָטס ברכה פאַרוואַנדלט אין אַ קללה!...

קאַפּיטל 3

רחלס קינדהייט

רחלע האָט איר פאָטער אַפילו נישט געקענט.

נאָך פאַר איר געבורט האָט איר פאָטער צוליב פּאָליציייאישע רדיפות געמוזט אַנטלויפן פון פּוילן און זי איז געבוירן געוואָרן דריי חדשים נאָך זיין אָפּפאָרן קיין אַרגענטינע.

אַ ביטערע קינדהייט האָט רחלע מיטגעמאַכט. זעלטן ווען האָט זי אַלס קינד געהאַט דאָס שטיקל ברויט צו דער זעט. דער פאָטער האָט פון אַרגענטינע נישט געשיקט קיין געלט און געשריבן האָט ער אויך גאַנץ ווייניק און ווייל קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט, אַז אַ מענטש קאָן זיין אין אַמעריקע און נישט האָבן אַפילו אויף אַ פּאָסט-מאַרקע, האָט מען דעריבער אָנגעהויבן מורמלען, אַז נישט אַנדערש, נאָר מאַטעלע האָט זיך דאָרט געמוזט אָפּזוכן אַן אַנדערע און ער וועט באַלד אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיין ווייב און קינד און אין שטעטל האָט מען שוין אָנגעהויבן קוקן אויף שיינדלען ווי אויף אַן עגונה און אויף דער קליינער רחלע, ווי אויף אַ לעבעדיקער יתומה.

נאָר דער פאָטער האָט זיי נישט פאַרגעסן. ער האָט אין בוענאָס איירעס געאַרבעט שווער און ביטער. אַן אַ פאַך, האָט ער זיך גע־כאַפּט צו וואָס עס האָט זיך געלאָזן; ער האָט געאַרבעט אַלס פּעאָן, גענומען זיך צום פּעקל און געוואָרן אַ „קלאַפּער“, געפּרואווט ווערן אַ הויזן-נייער, אַ היטל-מאַכער, אַ לוסטראַדאָר, אָבער צו די אַלע אַרבעטן האָט ער זיך נישט אויסגעטויגט און צווישן איין אַרבעט און דער אַנדערער האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ הונגעריקער און געמוזט אָנקומען צום הכנסת אורחים נאָך אַן אומזיסטן מיטיק און

אהיימשרייבן וועגן זיין עלנט אין דער ווייטער מדינה האָט ער אויך נישט געוואָלט, צו וואָס זאָל ער דאָרט זיין ליבע שיינדעלע מצער זיין?...

אָבער די ליבע און די בענקשאַפט נאָך זיין פרוי און דער מעכ-טיקער פאַרלאַנג צו זען זיין קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן נאָך זיין אַוועקפאָרן, האָט אים געגעבן מוט און ענדלעך האָט ער זיך גענו-מען צו פּרעסערייִ, צוגעוואוינט זיך צו הויבן דאָס שווערע פרעס-אייזן און איינזויגן אין זיך די גרויסשפּאַרנדיקע היץ צוזאַמען מיטן קוילן-גאַז און אַזוי איז ער געבליבן אַ פּרעסער.

קיין כסדרדיקע אַרבעט האָט ער נישט געהאַט און אַהיימשיקן פון צייט צו צייט צו עטלעכע פּעזעס האָט ער געמוזט און ער האָט דאָך נישט פאַרדינט אַזויפיל, אַז ער זאָל אי האָבן אויף זיינע טעג-לעכע כאָטש מינימאַלע הוצאות, אי אויף צו שיקן כאָטש אַפילו ווייניק געלט און אי אויף אָפּשפּאָרן אויף רייזע-הוצאות פאַר זיין ווייב און קינד.

האָבן זיך אַזוי געצויגן זעקס לאַנגע יאָר, ביז ער האָט מיט דער מיטהילף פון צוויי אינסטיטוציעס צונויפגעקלאַפּט די נויטקע סומע און אַוועקגעשיקט שיפסקאַרטן מיט עטלעכע פּעזעס.

שיינדעלע האָט קיינמאָל נישט געגלויבט די אַלע מורמלערייען אין שטעטל וועגן איר מאַן; זי האָט געוואוסט ווי שטאַרק ליב ער האָט זי און זי האָט געפילט ווי גרויס עס מוז דאָרט זיין זיין בענק-שאַפט, האָט זי שטיל געליטן און געבענקט און ווען זי האָט נישט געהאַט מיט וואָס רחלען צו דערנערן, איז זי אַוועק דינען צו לייב-טשע דעם ראש-הקהל און זי האָט נישט אויפגעהערט האָפן, אַז מאָטעלע וועט זי מיטן ליכטיקן קינד אַריבערנעמען קיין אַמעריקע.

און ווי אויף להכעיס די אַלעליידן, איז רחלע געוואַקסן אַזוי שיין, און זי איז געווען אַזאַ קלוג קינד, אַז דעם ראש-הקהלס טאָכ-טער האָט געבערענט פון אייפער, פאַרוואָס אירע צוויי מיידעלעך זיינען מיאוסקייטן און אַט אַ דער עגונהס ממזר זעט אויס ווי אַן אמת פּריציש קינד...

עס איז גאָרנישט שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי גרויס עס איז געווען שיינדעלעס פרייד, ווען זי האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַ-קומען פון בריוו-טרעגער אַ גאַנצן פּאַקעט מיט גרויסע לאַק-סטעמ-פּלען, דאָס האַרץ האָט איר באַלד געזאָגט, אַז אין דעם פּאַקעט ליגן אירע לאַנג-דערוואַרטע האָפענונגען.

די קליינע רחלע האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען די מאַמען אַזוי פריילעך; דער מוטערס טרערן זיינען איר שוין געווען גוט באַקאַנט, נאָר טרערן זאָלן קומען באַגלייט פון אַזוי פיל פרייד, דאָס האָט דאָס

שיינע קינד געזען צום ערשטן מאָל און זי האָט זיך מיטגעפרייט און מיטגעוויינט.

אין פּאַקעט זיינען געווען די אָנווייזונגען אויף די אַנדערהאַלבן שיפסקאַרטעס פאַר מוטער און קינד און די נייעס האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל און ערשט איצט האָט זיך דאָס שטעטל געכאַפּט, אַז מען דאַרף שיינדעלען העלפן, מען דאַרף זי און דאָס קינד אַביסל אויסקליידן, כדי זיי זאָלן נישט קומען אין דעם ווייטן לאַנד אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע און זעענדיק ווי עס יאָ־ווען זיך ווייבער מיט פאַרשידענע מתנות צו שיינדעלען, האָט שוין דעם ראש־הקהלס ווייב אויך אויסגעזוכט אַביסל זאַכן וואָס טויגן שוין נישט פאַר איר און אַפילו איר טאָכטער, וואָס האָט שיינדעלען און נאָך מער די קליינע רחלע אַזוי פיינט געהאַט, האָט אויך אויס־געזוכט עטלעכע אַלטע קליידעלעך און אַביסל וועש פון אירע קינ־דער, וועלכע האָבן זייער שיין געפּאַסט אויף רחלען.

די צוגרייטונגען האָבן נישט לאַנג געדויערט און אַט זיינען שוין מוטער און קינד געווען אויף דער שיף און אַט האָבן זיי זיך שוין געפונען צווישן הימל און וואַסער, געשוואומען צו דעם ווייטן אומבאַ־קאַנטן ברעג, וואו עס געפינט זיך זייער מאַן און פאָטער.

איבערן גאַנצן וואָכן־לאַנגן וועג פון זייער רייזע, האָט די מו־טער דערציילט רחלען וועגן דער גוטסקייט פון איר טאַטן, ווי שיין ער איז און ווי שיין ער האָט אַלעמאָל געזונגען און אַז די אַלע לידער מיט וועלכע זי האָט זי איינגעשלעפערט, האָט דער טאַטע זי אויס־געלערנט און רחלע האָט איבערן גאַנצן וועג געחלומט וועגן דער גליקלעכער מינוט, ווען זיי וועלן אָנקומען קיין אַרגענטינע און דער פאָטער וועט זי אויפכאַפּן אין זיינע אָרעמס.

דאָס גליק איז זיי אָבער נישט באַשערט געווען; מוטער און קינד זיינען אָנגעקומען בשלום אין דעם ווייטן פרעמדן לאַנד, נאָר קיינער האָט זיי ביים פּאָרט נישט אָפּגעוואַרט.

שוין פון ווייטנס האָט רחלע געהערט פריידיקע קולות פון פּאָרט און וואָס נעענטער די שיף איז צוגעקומען, האָבן זיך די קולות געהערט דייטלעכער און זי האָט געהערט אויסשרייען פאַרשידענע נעמען, נאָר איר נאָמען אָדער דער מאַמעס האָט זי נישט געהערט.

רחלע איז געווען געשפּאַנט. אַ פּאַרגעפיל פון עפּעס מוראַדיקס האָט געדריקט איר יונג הערצל און אירע שיינע שוואַרצע אייגעלעך האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

און אַט איז שוין די שיף ביים פּאָרט, מען גייט שוין אַראָפּ, מענ־טשן קושן זיך, פרייד־געשרייען און רחלע שטייט מיט דער מאַמען נעבן פּאַרענטש פון שיף נישט ווייט פון הענג־בריקל צום אַראָפּגיין,

רחלע הערט ווי די מאַמע רופט מיט אַלע כוחות: — מאַטעלע! מאַ־טעלע! אָבער פון אַלע קולות וואָס הערן זיך פון אונטן צווישן די אַפּוואַרטנדיקע, הערט זי נישט נישט דער מאַמעס נאָמען און נישט אירן.

שטייט רחלע אַזוי נעבן דער מאַמען און קלאַמערט זיך אַרום איר און זי פילט ווי עמיץ וואָלט איר געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אי־בערן קעפּל און עפּעס ווערט איר פינצטער פאַר די אויגן און עפּעס הערט זי נאָך קוים־קוים איר מוטערס אַנגסטלעכע אויסרופן: — מאַטעלע! רחלע וויל צוהעלפן שרייען, זי וויל אויסשרייען פון דער טיפסטער טיפקייט פון איר יונג קינדיש הערצל — טאַטע! טאַטע־ניו!... נאָר עפּעס ווערט איר דאָס הערצל פאַרקלעמט און דאָס קול ווערט אין איר דערשטיקט...

קאַפּיטל 4

אימיגראַנטן־שוץ

אויף דעם ראָג פון די גאַסן באַעדאַ און פּאַוואָן, נישט ווייט פון פּאַרקע פּאַטריסיאָס, האָט זיך דעמאָלט געפונען דאָס געשעפט און היטל־מאַכעריי־טאַזשער פון אברהם פרידמאַן.

די טיר פון דעם געשעפט האָט קיינמאָל נישט גערוט.

פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אָוונט, זיינען געקומען און גע־גאַנגען מענטשן, אָבער דאָס זיינען מערסטנס נישט געווען קיין קו־נים וואָס זיינען געקומען קויפן אָדער פאַרקויפן, נאָר קהל־מענטשן. אידישע שרייבער וואָס זיינען געווען די אָפטע געסט פון אברהם פרידמאַן, געזעלשאַפטלעכע טוער, לאַנדסלייט וואָס האָבן זיך גע־קהלט אין פּויליש־אידישן פאַרבאַנד פון וועלכן אברהם פרידמאַן איז געווען פּרעזידענט און נישט זעלטן האָט אברהם פרידמאַן געלאָזן שטיין אַ וויכטיקן קליענט, צוליב אַ געזעלשאַפטלעכן ענין.

זיין ווייב, אַ פּראָסטע פרוי, נאָר אַ האַרציקע מכנים־אורחטע, האָט הנאה געהאַט פון איר מאַנס אַרבעט לטובת הכלל און זי האָט אים קיינמאָל נישט פאַרגוואַרפן פאַרוואָס ער פאַרנאַכלעסיקט זיין געשעפט און זי איז שוין געווען צוגעוואוינט, אַז ער זאָל פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג צוליב פרעמדע צרות.

אָבער דאָסמאָל האָט זי אים שוין נישט געקענט מוחל זיין; שוין דריי טעג ווי ער שווימט אַרום און דערזיצט נישט קיין פינף מינוט אין געשעפט און דאָס גראָד אין סאַמע סעזאָן־צייט, ווען מען דאַרף אויסנוצן דעם מאָמענט... ניין, אַזאַ פאַרנאַכלעסיקן די אייגענע שטוב,

דאָס איז שוין אַביסל צופיל און זי האָט זיך געגרייט אים צו געבן די אמתע פּאַרציע.

נאָר ווען אברהם איז שפּעט אין אָוונט געקומען אַ פאַרחושכ־טער און פערעלע האָט געזען ווי ער זוכט צו באַהאַלטן פון איר זיי־נע טרויעריקע בליקן, האָט זי שוין פאַרגעסן אָן איר כעס און נישט פרעגנדיק אים אפילו וואו ער איז געווען, האָט זי שטיל גענומען גרייטן דעם טיש, טאַקע אין געשעפט, און מיט דעם וואַרימסטן שמייכל האָט זי אים דערלאַנגט דעם טעלער זופּ, וואַרטנדיק מיט הכנעה און דרך־ארץ, ביז ער אַליין וועט אָנהויבן ריידן.

און אַברהם פרידמאַן האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן.

ער האָט געפילט אַז ער איז שולדיק זיין ווייב אַ פאַרענטפער־רונג, אָבער ער האָט נישט געוואוסט ווי אָנצוהייבן, ערשט ווען ער האָט שוין געהאַלטן דעם לעפל אין האַנט, נאָך איידער ער האָט אים גענומען צום מויל, האָט ער אַ זאָג געטאָן אַזוי ווי סתם אין דער וועלט אַריין:

— און אַזוי זיצן זיך טויזנטער אידן און עסן זייערע וועטשע־רעס און זיי ווייסן גאָרנישט וואָס פאַראַ צרות און אומגליקן עס קו־מען פאָר אויף דער וועלט!...

און אַבי אָנגעהויבן, האָט ער שוין גערעדט ווייטער און ביז ער האָט געהאַט אָפּגעגעסן, האָט פערעלע שוין געוואוסט, אַז אַן עלנ־טער אַרבעטער, אַ פרעסער, וואָס האָט ענדלעך דערלעבט צו קענען שיקן שיפסקאַרטן נאָך זיין ווייב און קינד, האָט צוויי טעג פאַר זייער אָנקומען, געליטן פון אַן אַקצידענט, אַן אויטאָ איז אים איבערגע־פאָרן און זיינע ביינער רוען שוין אויפן בית־עולם אין סיודאַדעלאַ...

נישט וואַרטנדיק אויף דער פאַרזעצונג פון דער שוידערלעכער געשעעניש, האָט פערעלע שוין געווישט מיטן פאַרטוך אירע טרערן, אברהם פרידמאַן האָט געמאַכט אַ פויזע און ענדלעך האָט ער פאַר־געזעצט: — היינט שטעל דיר פאָר, פערעלע, די פרוי איז געקומען מיט אַ שיין ליכטיק מיידעלע, קיינער האָט זיי נישט אָפּגעוואַרט, האָט מען זיי פאַרהאַלטן אין אימיגראַנטן האָטעל, דאָרט האָב איך געזען די מוטער מיטן קינד, זיי זיינען געווען פאַרצווייפלט פאַרוואָס דער מאַן און פאָטער האָט זיי נישט אָפּגעוואַרט, די פרוי האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס צום מאַן אויף לאַוואַזשע אין די 32 הונדערטער און דאָרט האָב איך זיך דערוואוסט וואָס מיט דעם אומגליקלעכן איז געשען...

— פאַרוואָס האָסטו זיי נישט אַהערגעבראַכט? — האָט שוין פערעלע נישט אויסגעהאַלטן און זיך ווייטער געווישט די אויגן מיטן פאַרטוך.

— און דו וואָלסט זיך אונטערגענומען צו דערציילן דער פרוי וועגן דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן מיט איר מאַן פונקט פאַר איר אָנקומען? איך נישט. די דריי טעג בין איך געווען פאַרנומען מיט נאָכזוכן עפּעס אַ פריינט, אַ פאַמיליאַנט פון דעם פרעסער און היינט האָב איך ערשט באַקומען אַ ידיעה, אַז אין לאַנוס וואוינט אַ איד אַ קלאַפּער, וואָס איז פון דעם זעלבן שטעטל און דעם גאַנצן טאָג בין איך געפאָרן הין און צוריק קיין און פון לאַנוס, ביז איך האָב די עלנטע פרוי מיטן קינד איינקוואַרטירט ביי איר לאַנדסמאַן אין הויז.

פּערעלע איז אַרויס אויפן הויף, און ווישנדיק זיך די טרערן, האָט זי שוין באַדויערט פאַרוואָס זי האָט זיך געגרייט פאַרצו־וואָרפן איר מאַן פאַרוואָס ער פאַרנאַכלעסיקט דאָס געשעפט. די פרוי מיטן קינד זיינען איר שוין געשטאַנען פאַר די אויגן און זי האָט געזען זייער עלנט און קומענדיק אין קיך, האָט זי זיך ערשט גוט פונאַנדערגעוויינט אויף דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט גע־טראָפן די עלנטע מוטער מיטן קינד...

קאַפּיטל 5

מוטער און קינד

עס האָט נישט לאַנג געדויערט ביז שיינדעלע האָט זיך דער־וואוסט וועגן איר מאַנס גרויסן אומגליק און עס זיינען שוין לאַנג אַריבער די טעג און נעכט, ווען מען האָט געמוזט אויף איר אַכטונג געבן און זי אָפּהיטן, אַז זי זאָל נישט אָן זיך אַ מעשה אָנטאָן.

וואָכן לאַנג האָט עס אויסגעזען, אַז שיינדעלע וועט נישט אי־בערלעבן די גרויסע פאַרצווייפלונג, אָבער דער אינסטינקט וואָס זוכט אויפצוהאַלטן דאָס לעבן צומאָל קעגן דעם מענטשנס ווילן, זוכט און געפינט אַלעמאָל אַן אָנהאַלטס־פונקט און אַזוי האָט די אומגליקלעכע מאַמע זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף לעבן צוליב איר שיין און קלוג קינד.

וואָלט שיינדעלע באַלד באַקומען עפּעס אַן אַרבעט, קאָן זיין, אַז זי וואָלט שנעלער געקומען צו זיך און זיך איינגעאָרדנט דאָס לעבן ביי די שווערסטע באַדינגונגען; אָבער אין לאַנוס האָבן דע־מאָלט געוואוינט ווייניק אידן און מערסטנס, קליינע סוחרים, קוענ־טעניקעס און קלאַפּערס אויף פּראָצענטן און עס זיינען נאָך נישט געווען דאָרט אַזעלכע אידן וואָס זאָלן זיך קענען פאַרגינען אַריינצו־נעמען זי אַלס דינסט, און נאָך דערצו מיט אַ קינד אינאיינעם.

איינזעענדיק אַז אַזוי איז נישט קיין תכלית, האָט זיך דער לאַנדסמאַן באַראָטן מיט עטלעכע באַלעבאַטים, האָבן זיי באַלד דורכגעפירט אַ שטיקל זאַמלונג, דער אימיגראַנטן־שוץ־פאַראיין האָט אויך ביישגעשטייערט און מען האָט פאַר שיינדעלען מיט איר קינד געדונגען אַ דירה אין אַוועזשאַנעדאַ, און דער פאַראיין „עזרה" אין אַוועזשאַנעדאַ האָט באַדאַרפט זוכן די מיטל ווי אַזוי זיי צו העלפן.

שיינדעלע מיט דער קליינער רחלע האָבן זיך ביידע געפילט ווי אין אַ קאַשמאַר.

זיי האָבן ביידע איבערגעלעבט אַזוינס, וואָס האָט די מוטער געמאַכט פונקט אַזוי קינדיש ווי איר קינד און ביידע האָבן זיך געפילט ווי פאַרבלאָנדזשעטע ערגיץ ווייט, צווישן פרעמדע מענטשן, וואָס כאָטש די מענטשן זיינען אַזוי גוט צו זיי, אָבער פרעמדע זיינען זיי און זיי ריידן צווישן זיך אין אַ שפּראַך וואָס זיי פאַרשטייען נישט און כסדר זעען זיי נייע מענטשן, מען פירט זיי אַרום און זיי זעען ווי מען שושקעט זיך וועגן זיי און אַ סך מאָל גיט שיינדעלען דאָס בלוט אַ שלאָג אין קאָפּ אַריין און זי וויל פּלוצלינג אַרויסשרייען פון זיך איר גרויסע פאַרצווייפלונג און זי פילט דעמאָלט, אַז אַמבעסטן וואָלט געווען, ווען זי האָט דאָ אַ פלעשל סם, וואָלט זי עס אויסגעטרונקען און אַ סוף צו די צרות...

און אין איר גרעסטער פאַרצווייפלונג, דערפילט זי פּלוצלינג ווי די קליינע רחלע קלאַמערט זיך אַרום איר, ווי די טיפע שוואַרץ־סאַמעטענע אייגעלעך קוקן אויף איר אַזוי צעשראָקן און אַזוי בעטנדיק, אַזוי ווי דאָס קינד וואָלט פאַרשטאַנען וואָס די מאַמע טראַכט און זי וויל זי אָפּראַטעווען, פאַרהיטן פון אַ נייעם אומגליק און די מוטער כאַפּט רחלען אויף די הענט, דריקט זי פעסט צו זיך, און קושט זי און וואַשט דעם קינדס פּנימל מיט אירע טרערן און זי זעט נישט ווי די מענטשן דרייען זיך אַוועק זיי זאָלן נישט זען די טרויעריקע סצענע, זי זעט איצט איבערהויפּט נישט קיין מענטשן, זי זעט קיינעם נישט, קיינעם, אויסער איר קינד, איר אומגליקלעך קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט אַזאַ ווינסט מזל, קיינמאָל נישט צו זען דאָס פּנים פון איר גוטן טאַטן.

אַ סך פרויען האָבן גערעדט מיט שיינדעלען און די מערסטע פון זיי האָבן צו איר גערעדט מיט אַזויפיל באַדויערן און מיט אַזויפיל רחמנות אין זייערע בליקן, אַז עס האָט שיינדעלעס געמיט נאָך שווערער געמאַכט. איין פרוי בלויז האָט אויף איר אַזוי גוט געווירקט, אַזוי ווי באַלזאַם אויף אַ וואונד; דאָס איז געווען די פרוי טופּיאַש, אַ אידישע לערערין אין אַוועזשאַנעדאַ.

די פרוי טופּיאַש האָט נישט בלויז אין שיינדעלען אַריינגעגעבן

אַ ניי לעבן, נאָר אויך און אפשר נאָך מער, דער קליינער רחלע. די לערערין האָט געהאַט געגוג ווערטער צו טרייסטן די מוטער און נאָך מער, אויף צו פאַרשפּילן דאָס קליינע שיינע קינד און אַרויס־בישופן אויף איר שיין פּנימל תמימותדיקע קינדישע צאַרטע שמייכ־לען.

דאָס זיינען געווען די ערשטע שמייכלען וואָס האָבן זיך אַזוי חנעוודיק געקרייזלט אויף רחלעס ליכטיקן פּנימל, זייט זי איז אַראָפּ פון שיף אויף דער ערד פון דער פרעמדער ווייטער מדינה.

ווען די פרוי טופיאַש האָט גערעדט מיט זיי, האָבן מוטער און קינד כאָטש אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אָן זייער עלנט און ווען די אי־דישע לערערין האָט אויסגעדריקט איר אַנטציקן ווי שיין רחלע רעדט אידיש און וואָס פאַר אַ גוטע שילערין זי וועט זיין אין איר שול און ווי זי וועט רחלען האַלטן אַלס מוסטער פאַר די היגע קינ־דערלעך וואָס לערנען ביי איר, האָבן די ווערטער אָנגעפילט שיינ־דעלעס האַרץ מיט מוטערלעכן שטאָלץ און נחת.

אָבער אָט איז געקומען אַ רעזאָלוציע פון אַ באַראַטונג, אַז די בעסטע עצה איז, אַוועקצוגעבן דאָס קינד אין בית־יתומות, כדי די מוטער זאָל קענען גיין צו אַן אַרבעט.

מען האָט עס איר אַפילו נישט געזאָגט פּלוצלינג, אָבער שיינ־דעלע האָט שוין עפּעס געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז די מענטשן טראַכטן עפּעס וועגן איר קינד און שוין ביי דעם ערשטן אָנצוהערעניש איז זי אַזוי פאַרציטערט געוואָרן, און עס האָט זי באַהערשט אַזאַ פאַר־צווייפלונג, אַז זי האָט אַ כאַפּ געטאָן רחלען אויף די הענט און זיך געלאָזן לויפן צו דער אַרויסגאַנג־טיר.

עס האָט געקאָסט אַ סך מי מען זאָל זי באַרואיקן, אויך רחלע איז געווען באַהערשט פון אַ פּאַנישער שרעק און זי האָט זיך מיט אירע הענטלעך פעסט אַרומגעקלאַמערט אַרום דער מוטערס האַלדז און פאַרגראָבן איר קעפּל אין דער מוטערס בוזעם און ערשט דער פרוי טופיאַש איז געלונגען דאָס קינד איינצונעמען.

די פרויען פון פאַראיין „עזרה", מאַמעס פון קינדער, האָבן בעס־סער באַגריפן די פאַרצווייפלונג פון דער פרוי און כאָטש זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַוועקגעבן דאָס קינד אין בית־יתומות וואָלט גע־ווען די בעסטע לייזונג, האָבן זיי אָבער אויך מיטגעפילט די מו־טערס פיין און די גוטהאַרציקע פרויען האָבן זיך אימפּאָנירט, אַז מען מוז זוכן אַנדערע מיטל, אַז די מוטער זאָל זיך נישט דאַרפן שיידן פון איר קינד, און אויב אין אַוועזשאַנעדאַ זיינען נישטאַ אַזעל־כע מעגלעכקייטן, דאַרף מען די מוטער מיטן קינד איינאָרדנען אין בוענאָס איירעס.

באלד צומארגנס, איז א דעלעגאציע פון דער „עזרה" אין אווע־זשאנעדא געקומען קיין בוענאס איירעס, זייער ערשטער וועג איז געווען צום אימיגראנטן־שוץ־פאראיין, פון דארט זיינען זיי אוועק אין דער חברה קדישא און עס האבן זיך אנגעהויבן די אינטערווענ־ציעס כדי צו ראטעווען די עלנטע מוטער און קינד פון זיכערן אונ־טערגאנג.

קאפיטל 6

אלס דינסט אין באקא

דאס אינטערווענירן לטובת שיינדעלען מיט איר קינד האט זיך פארצויגן, מען האט געזוכט מיטל ווי אזוי זיי צו העלפן פראדוקטיוו און בריוו זיינען געגאנגען פון איין אינסטיטוציע צו דער אנדערער, מען האט אויך נישט דורכגעלאזן דעם פויליש־אידישן פארבאנד און דער דעמאלטיקער נייער פרעזידענט, אבא עסטערזאן, האט ארויסגע־וויזן א גאר גרויסן אינטערעס, אז דער פארבאנד זאל דערווייל לייסטן מיט שנעלע הילף און נאך איידער עס איז געווען א זיצונג פון דער קאמיסיאן, האט ער געשאפן עטלעכע צענדלינק פעזעס אלס דרינגענדע הילף און עס זיינען געווען אלע אויסזיכטן, אז אינגיכן וועט מען די מוטער מיטן קינד קענען איינארדנען אין בוענאס איי־רעס.

אבער ווי שנעל עס זיינען צוגעגאנגען די אינטערווענצן און די בארעטונגען וועגן הילף פאר איר מיטן קינד, איז אבער שיינדעלע פון טאג צו טאג געווארן מער אומרואיק. עס האבן נישט געהאלפן די פארזיכערונגען, אז מען טראכט מער נישט וועגן אפגעבן דאס קינד אין אנשטאלט, ווייל זי האט זיך כסדר מער געשראקן דער־פאר און הערנדיק פון איר שכן, א שניידער, אז אין בלאט איז פא־ראן א פאדערונג אויף א דינסט וואס זאל קענען קאכן, האט זי געבעטן דעם שניידערס פרוי, זי זאל זי פירן אויף דעם אדרעס, זי איז גרייט צו טאן די שווערסטע ארבעט, אבי צו קענען זיין צוזא־מען מיט איר טייער קינד.

די שכנה, דעם שניידערס פרוי, איז ערשט געווען א קנאפ יאר אין ארגענטינע, זי איז נאך אין דער נייער היים געווען פונקט אזוי פרעמד ווי שיינדעלע און עס איז געבליבן, אז דער שניידער וועט שיינדעלען פירן אויפן אדרעס וואו עס פאדערט זיך די דינסט־קעכין.

דער אדרעס איז געווען אין באקא.

די געגנט וואָס רופט זיך באָקאָ, איז פֿאַרבונדן מיט בוענאָס איירעס דורך אַ בריק און אין דער צייט ווען עס האָט זיך אָפּגע־שפּילט דער עפּיזאָד פֿון אונדזער אמתער געשיכטע, איז נאָך די געגנט באָקאָ געווען אַ נעסט פֿון די פֿאַרשידנאַרטיקסטע אונטער־וועלט־מענטשן.

נאָך היינט האָט די געגנט אַ שם מיט איר אָרימקייט.

באָקאָ באַראַקאָס איז באַרימט מיט דער ספּעציעלער אַרכיטעק־טאָניק פֿון אירע „געביידעס״.

די נייע געמויערטע שטיבער וואָס מען זעט שוין היינט אין באָקאָ, זעען אויס ווי פֿרעמדע פּלאַנצן צווישן די פּילע היל־צערנע, בלעכערנע און אַפֿילו פּאַפּירענע הייזקעס, אָדער ווי מען רופֿט זיי דאָ — „ראַנטשאָס״ און מאַכנדיק אַן עקסקורסיע איבער די גאַסן און געסלעך אין באָקאָ, מוז מען פּעסטשטעלן, אַז די אַלטע האַלב און גאַנץ חרובע בלעכערנע, הילצערנע און קאַרטאָנענע ראַנ־טשאָס, פֿילן זיך דאָ מער אינדערהיים ווי די מאָדערנע אויסגעבויטע שטיבער.

פֿון באָקאָ שרייט נאַקעט און הויך אָרום די אָרימקייט.

שוין די צעריסענע אונטערוועש פֿון מענער, פֿרויען און קינדער וואָס הענגען אויף צעגויפֿגעקנופּטע שטריק אָדער געשטוקעוועטע דראָטן אויף די סאַמע פֿראָנטן פֿון די ראַנטשאָס, שרייט אויס די גרויסע אָרימקייט וואָס הערשט אינעווייניק, אין די פּאַפּנדעקל־שטיבלעך, וואָס אין די מערסטע פֿון זיי וואוינען געזינדלען זאַלבע אַכט...

מיט אַן אַנדערהאַלבן צענדלינק יאָר צוריק, האָט מען נאָך צווי־שן די אָרויסגעהאָנגענע צום טרוקענען צעריסענע אונטערוועש, אויך געזען צעריסענע און געלאַטעטע זיידענע פֿרויען־וועש וואָס מידע, האַלב שיכורע שוואַרץ־אויגיקע מיידלעך האָבן אין די פֿרימאָרגן שעהן צעהאָנגען, און פֿאַרנאַכט נאָכן אויסשלאָפֿן זיך, האָבן זיי די וועש אַראָפּגענומען צום אָנטאָן זיי אויף די דאַרע אויסגענוצטע מי־דע קערפּערס, כדי צו גיין ווידער אויף אַ גאַנצע נאַכט זוכן ברויט פֿאַר די געזינדלען פֿון דער פּאַפּירענער שטוב.

איין גאַס אין באָקאָ, איז שוין דעמאָלט און נאָך פֿריער איידער אונדזער אמתער עפּיזאָד האָט זיך אָפּגעשפּילט, געווען אַנדערש ווי אַלע געסלעך הינטער איר; דאָס איז געווען די גאַס וואָס האָט זיך געצויגן מיט אַ לאַנגע רייע געמויערטע הייזער בלויז אויף איין זייט, אַנטקעגן דעם ברעג און האַפֿן פֿון לאַ פּלאַטאַ טייך.

אין יעדן פֿון דער לאַנגער ריי געמויערטע הייזער, האָט זיך גע־פֿינען אַ גרויסע שענק, אַ באַר, אַ רעסטאָראַן וואָס האָט זיך אָפּי־

שירט מיט אַן עקזאַטישן נאָמען אויף דער שילד און די פינצטער־קייט און ליידיקייט פון די גרויסע טיפע סאַלאָנען, האָבן פאַראַטן, אַז ערשט ביינאַכט מוז זיך דאָרט אָנהויבן דאָס לעבן און די באַוועגונג.

דעמאָלט האָבן נאָך די אויגן פון די זייטן־אַמטן און פון די הי־מער פון סאָציאַלער פּראָפילאַקסיס נישט געהאַט קיין שליטא אי־בער יענעם פּריילעך־טרויעריקן ווינקל און יעדע נאַכט האָט אין די סאַלאָנען געהערשט דער הייזעריקער כאָראַלער געזשום פון אַ יריד פאַר מאַטראָזן, מעסער־העלדן, פרויען־הענדלער און פּראָסטיטוציע.

די אייגנטימער פון די נאַכט־סאַלאָנען, זיינען מערסטנס געווען אידן, אַנטלאָפענע אונטערוועלט העלדן פון אַלט־היימישן אָפּפאַל, וואָס די אידישע באַפעלקערונג אין אַרגענטינע האָט שוין לאַנג אַנגעפירט אַ קאַמף קעגן זיי און זייי ענדלעך פאַרטריבן מחוץ למחנה און זיי האָבן זיך געמוזט מאַכן זייערע אייגענע באַזונדערע שולן און אַפילו אַן אייגענעם בית־עולם פאַר זייערע מתים, זיי זיינען שוין אַ סך יאָרן פריער, איידער די אַרגענטינער רעגירונג האָט זיי גענו־מען אויסראָטן, אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער ריינער אידישער געזעלשאַפט אין אַרגענטינע, וואָס האָט אָט־אָ דאָס הייפל פון אי־דישן אָפּפאַל, באַצייכנט מיט דעם נאָמען — „טמאים".

דער אַדרעס וועלכן דער שניידער האָט איצט נאָכגעזוכט לויט דעם אַנאָנס, האָט זיי געפירט צו איינעם אַ אידן אַזאַ, וואָס האָט גע־האַלטן אַזאַ סאַלאָן.

דער שניידער איז געווען צום ערשטן מאָל אין דער געגנט. ער איז שוין טאַקע אין אַרגענטינע קנאַפּע פינף יאָר, אָבער אין באָקאַ איז ער נאָך נישט געווען און ער האָט נישט געקענט וויסן אין וואָס פאַר אַ געגנט ער געפינט זיך און צו וועמען ער גייט.

די פאַרטרויערטע מוטער איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם שניידער פירנדיק די קליינע רחלע ביי דער האַנט. זי האָט דאָך אוודאי נישט געוואוסט וואו און צו וועמען זי גייט; זי האָט נאָר געטראַכט פון איין זאַך, אַז זי וואָלט איצט געגאַנגען אַנטקעגן דעם טייוול אין די אויגן אָבי צו זיין זיכער, אַז זי וועט קענען זיין צוזאַמען מיט איר קליין זיס טעכטערל...

קאפיטל 7

יאנקל דער פרומער

ווען איינער וואס האט געזען אויף דער בינע די אינטערפרע־טאציע פון מארים שווארץ אלס יאנקל שאפשאוויטש אין שלום אשס „גאט פון נקמה", זאל קומען אין דעם נאכט־סאלאן פון יאנקל דעם פרומען אין באקא, און ווען ער וואלט זיך נאר אביסל באקענט מיט דעם טיפ, וואלט ער געקאנט שווערן, אז דאס איז דער זעלבער יאנקל, נאר אן דער צעפלאשעטער באָרד און אן דעם קאשקעט.

דער זעלבער יאנקל, נאר נישט אין רוסלאנד אדער פוילן, וואו באָרד און קאשקעט מיט געגלאנצטע שטיוועלעך זיינען געווען זיין קען־צייכן, נאר גלאט ראזירט, מיט אן אפגעדעקטן פליך און מיט ווייכע פאנטאפל אויף די רעאומאטיזירטע פיס.

אזוי ווי שאפשאוויטש אין דער אלטער היים, האט אויך יאנקל דא געפירט דעם „מסחר" מיט פרויאישער געפאלנקייט און אזוי ווי יענער יאנקל, האט אויך יאנקל דער פרומער פון באקא געזוכט צו באשיצן זיין אייגענע שטוב און אכטונג געגעבן, אז אויף זיינע צוויי טעכטערם אומשולד זאל קיין שטויבעלע נישט פאלן.

דעם צונאמען „פרומער" האט זיך יאנקל דערווארבן ביי די חברה־לייט, פאר זיין אנדערשדיקייט, פאר זיין זוכן א מחילה, א פארגעבונג פאר זיינע עבירות. יאנקל דער פרומער האט מיט אלעם געהאנדלט פונקט אזוי ווי אלע פון זיינס גלייכן; ער האט זיך נישט אפגעשטעלט ביז אנווענדן די ברוטאלסטע מיטל קעגן די שוצלאזע מיידלעך און יונגע פרויען, וואס די באצאלטע עלעגאנטע „חתנים" האבן אים געבראכט פון די אלט־היימישע שטעט און שטעטלעך פאר זיין סאלאן, אויב איינע פון זיי האט געוואגט זיך אנטקעגנצו־שטעלן זיינע באפעלן; אבער אין זיין הארץ האט פונדעסטוועגן גע־טליעט א פונק פון גאטספארכטיקייט און פון מורא, אז גאט קאן סוף כל סוף אויסגיסן זיין פארדינטע שטראף אויף די קעפ פון זיינע צוויי טעכטער, האט ער זיינע פארברעכנס געזוכט צו פארגלעטן פאר גאט, דורך אויסשפרייטן זיין גענאד צו זיינע אלט געווארענע אדער קראנק געווארענע קרבנות.

ער האט אליין געגעבן די ערשטע סומעס און דערנאך געזאמלט געלט אויף מעדיציניש הילף פאר קראנק געווארענע ווייסע שקלא־פינס, ער האט געשאפן א צדקה־קאסע וואס זאל שטיצן די אלטע אויסגעדינטע פרויענצימער וואס האבן שוין נישט געטויגט צו קיין

שום ארבעט און ער האט געשענקט רייכע חתונה-מתנות ווען עמיץ פון די חברה-לייט האט חתונה געמאכט א קינד.

די וואוילע-יונגען פון די יונגערע חברה-לייט האבן גאנץ אפט געחוזקט פון יאנקל דעם פרומען, זיי האבן פארשטאנען אז ער טוט עס כדי אוינטערצוקויפן גאט מיט א גוטער „לאפאוקע" ער זאל דער־פאר באשיצן זיינע טעכטער, אבער די עלטערע חברה-לייט האבן געהאט די מטבע און זיי האבן אויך געהאט די דעה און זיי האבן יאנקלען אויסגעווילט אלס הויפט-גבאי אין זייער שול און א סך פון זיי האבן זיך אפילו געגרויסט מיט אים, וואס כאטש א זייערי־קער, האט ער אבער א גוט פרום אידיש הארץ און מען דארף נאכ־טאן זיין ביישפיל און העלפן אים אין די אלע גוטע זאכן.

און די חברה-לייט פון יאנקלס קרייז, האבן געפייניקט די יונגע מיידלעך און פרויען וואס זיינען אריינגעפאלן אין זייערע נעגל, זיי האבן די פרויען געשטויסן ביז צום טיפסטן אפגרונט, אבער ווען אזא פארפייניקטע פרוי איז קראנק געווארן, האט מען איר געהאלפן מיט דאקטוירים און מעדיצין און אויב אזא איינע איז געשטארבן, האט מען איר איינגעארדנט א שיינע לוויה און דערנאך האט מען איר קבר געצוימט מיט א שיינער מצבה.

אויף דעם בית-עולם פון די טמאים זעט מען א סך אזעלכע פאר־העלטנישמעסיק רייכע שיינע מצבות אויף די קברים פון די אומ־גליקלעכע אידישע פרויען וועלכע זיינען פון יאנקלען און פון די אנדערע חברה-לייט געשטויסן געווארן דורכן רינשטאק צום טויט.

עס איז דא נישט אונדזער אויפגאבע נאכצופארשן, צי אזא מין „פרומע" פירונג האט באוויזן „אונטערצוקויפן" דעם גאט פון נקמה, צי איז אויף יאנקלס טעכטער געקומען דער זעלבער סוף וואס אויף שאפשאוויטשעס טאכטער, מיר האבן דא געשילדערט יאנקל דעם פרומען, נאר כדי צו ווייזן, צו וועמען דער שניידער האט דא איצט געפירט די אומגליקלעכע שיינדעלע מיט איר שיין ליכטיק טעכטערל, די קליינע רחלע.

וואלטן זיי געוועזן געגאנגען זוכן דעם אדרעס אין די אוונט־שעהן, וואלטן זיי זיכער געוועזן געזען, וואו זיי זיינען דא פארקראכן און זיי וואלטן פון דארט צוריק אנטלאפן ווי פון א פעסט; אבער נישט דער שניידער און אוודאי נישט שיינדעלע האבן געהאט אן אנונג אויף וואס פאר א פלאץ זיי געפינען זיך דא און צו וועמען זיי גייען און געפינענדיק דעם געזוכטן הויז-נומער, האבן זיי אנ־געקלונגען.

אן אלטע נעגערטע, וואס אין דער קליינער רחלע האבן זיך פארקילט די בלוטן ווען זי האט זי דערזען, האט פאר זיי געעפנט

דאָס טויער, און נאָכדעם ווי דער שניידער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז געקומען מיט דער פרוי אויף דעם אַנאַנס, האָט די נעגערטע זיך צעשמייכלט אויסשצירענדיק אירע עטלעכע געבליבענע ווייסע ציין און זיי אַריינגעבעטן אין הויז.

קאַפּיטל 8

דאָס הערצל פון אַ קינד פילט

פון דער ערשטער מינוט ווי נאָר זיי האָבן איבערגעטראָטן די שוועל פון דעם ברייטן טויער וואָס האָט זיך באַלד הינטער זיי פאַרמאַכט, האָט זיך די קליינע רחלע אָנגעהויבן טוליען צו דער מאַמען מיט אינסטינקטיווער שרעק.

די נעגערטע האָט זיי געפירט איבער אַ לאַנגן טיפן כמעט פינצטערן קאָרידאָר און רחלע האָט פון אירע ברייט-צעעפנטע שוואַרצע אויגן געוואָרפן צעשראָקענע בליקן אין אַלע זייטן, אַזוי ווי זי וואָלט דערוואַרט, אַז דאָ דאַרף באַלד אַרויסשפּרונגען עפּעס אַ בייזע חיה און זי וויל דערגיין פון וועלכער זייט, כדי זיך צו קענען באַשיצן.

האָט זי פעסט צוגעדריקט דער מאַמעס האַנט אין אירער און איז שטום נאָכגעגאַנגען איבער די טרעפּ, דורך וועלכע די נעגערטע האָט זיי אַרויפגעפירט.

ענדלעך זיינען זיי אַריינגעקומען אין אַ פּאַרצימער, וואו די נעגערטע האָט זיי אָנגעוויזן אויף די ווייכע שטולן זיי זאָלן זיך אוועקזעצן און זי איז אַריין אין אַ ווייטערדיקער שטוב.

צוערשט זיינען זיי געבליבן שטיין, אָבער ווען עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט און די נעגערטע איז נישט צוריקגעקומען, האָט דער שניידער זיך געפּרוּאווט אוועקזעצן אויפן ראַנד פון אַ שטול און באַלד איז ער געוואָרן דרייסטער און זיך גוט אוועקגעזעצט און געהייסן שיינדעלען, אַז זי זאָל זיך אויך צוזעצן, ווייל עס איז דאָ גאַנץ גוט צו זיצן און ווער ווייס צי זי וועט דערנאָך, ווען זי וועט דאָ דאַרפן דינען, האָבן צייט זיך אַוועקצוזעצן כאָטש אויף אַ מינוט...

שיינדעלע האָט זיך געזעצט, אָבער רחלע האָט זיך נישט געוואָלט זעצן אויף דעם באַזונדערן שטול, איר שרעק איז פון איר נאָך נישט פאַרשוואונדן און זי האָט זיך אַלץ געקלאַמערט און געהאַלטן זיך פעסט אָן דער מאַמען.

פלוצלינג האָבן זיך פון ערגיץ-וואו דערהערט טענער פון פּיאַ-

נאָ־שפּיל און רחלע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון שרעק, און זי האָט איינגעגראָבן איר קעפּל אין דער מוטערס שויס.

שיינדעלע האָט דאָס קינד גענומען באַרואיקן, זי האָט זי גע־קושט און געגלעט און זי האָט זי געפּרואווט איינעמען מיט גוטע רייד, אַז דאָס שפּילט מען דאָ פּיאַנאָ, אַזוי ווי ביי לייבטשע דעם ראש־הקהל... געדענקסט נאָך? רחלע, נו, שרעק זיך נישט; ווען מיר וועלן דאָ בלייבן, וועסטו אויך קענען שפּילן אויף דער פּיאַנאָ...

רחלע האָט זיך אָבער אַלץ נישט געקענט באַרואיקן, זי האָט צוריק איינגעגראָבן איר קעפּל אין דער מאַמעס שויס און מיט פאַר־מאַכטע אויגן, האָט זי אַלץ געזען דער נעגערטעס שוואַרצע פּנים מיט די באַוועגלעכע ווייסלעך פון אירע אויגן און די אויסגעשטשי־רעטע עטלעכע ווייסע ציינער...

ענדלעך, בעת דאָס פּיאַנאָ־שפּילן האָט געהאַלטן אין פולן אים־פּעט, האָט זיך די טיר געעפנט און אין איר האָט זיך באַוויזן יאַנקל דער פרומער, דער באַלעבאָס פון שטוב.

אָנשטאָט זיך צו אַנטשולדיקן פאַרוואָס ער האָט געלאָזן אַזוי לאַנג וואַרטן אויף זיך, האָט ער באַלד ביי זיין באַווייזן זיך, געוויזן מיט אַ פינגער איבער די געשלאָסענע ליפּן, אַ צייכן, אַז מען דאַרף זיין שטיל און מיט אַ נחתדיקן שמייכל וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער זיין גאַנצן פּנים ביז איבער זיין ליסינע וואָס האָט ווי מיט־געשמייכלט, האָט ער אָנגעוויזן מיט אַ פינגער צו די ווייטערדיקע שטיבער און שטיל, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן אַ סוד, האָט ער אויסגערופן: — דאָס שפּילט איצט מיין עלטער טעכטערל פּיאַנאָ.

די מוזיק האָט אויפגעהערט און יאַנקל דעם פרומענס אויפמערק־זאַמקייט איז איבערגעגאַנגען צו די פרעמדע וואָס האָבן דאָ גע־וואַרט אויף אים.

זיין פּנים האָט זיך פאַרענדערט, דער שמייכל איז פאַרשוואונדן, זיינע בליקן האָבן איצט געוואַנדערט פון דעם שניידער צו שיינדע־לען און באַלד אויפן קינד וואָס געפינט זיך מיט זיי און דערנאָך ווי־דער צוריק צום שניידער.

— דאָס איז אייער פרוי?

— ניין. אַ גרינע. ערשט עטלעכע וואָכן אין לאַנד.

און צוטרעטנדיק נענטער צו יאַנקלען, האָט ער אים שטיל צו־געגעבן: — זי איז געקומען צו איר מאַן, אָבער מיט אים איז דער־ווייל געשען אַן אומגליק און זי האָט אים שוין נישט געטראָפן קיין לעבעדיקן...

— אַזוי, אַ יונגע אלמנה... — האָט יאַנקל אַ מורמל געטאָן און ווידער האָט זיך געענדערט זיין פּנים און אין זיינע אויגן האָבן אַ

גלאַנץ געטאָן צוויי פּייערלעך וואָס האָבן זיך ווי שפּיזלעך אַרויס־געריסן פון די שמאַלציקע גריבלעך און געלאָפן שנעל ביז זיי האָבן דערגרייכט די זיצנדיקע מוטער מיטן קינד.

שיינדעלע האָט נאָך אַפילו רעכט נישט באַוויזן צו זען דעם באַ־לעבאָס פון דער שטוב צו וועמען זי איז דאָ געקומען זוכן אַ פּלאַץ פאַר זיך מיטן קינד. זי איז געוועזן פאַרנומען מיט רחלען, וועלכע האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַרואיקט. רחלע איז נאָך אַלץ געלעגן מיטן קעפּל איינגעגראָבן אין דער מאַמעס שויס און זי האָט געכלי־פּעט און וויפל די מוטער האָט נישט געגלעט איר קעפּל און געזוכט זי איינצורועמען, דאָס קינד האָט זיך אַלץ נישט געקענט באַרואיקן.

יאַנקל איז צוגעגאַנגען אַ טראָט נענטער צו שיינדעלען און זי איז אויפגעשטאַנען.

דעמאָלט האָט רחלע געוואָרפן אַ זייטיקן בליק פון אירע פאַר־וויינטע אייגעלעך צו יאַנקלען, זי האָט דערזען זיין גרויסן פעטן קאָפּ מיט דעם פּנים וואָס האָט זיך געצויגן ביז איבער דעם פּליך און זי האָט שנעל אירע בליקן באַהאַלטן און זיך איינגעגראָבן אין די פאַלדן פון דער מוטערס קלייד.

ווידער האָט זיך יאַנקלס פּנים געענדערט. מיט אַ סוחריש־ערנס־טער מינע האָט ער די מענטשן אַריינגעבעטן אין דער סאַלע, וואו שיינדעלע האָט געזען אַ לאַנגן ברייטן טיש געדעקט מיט אַ שיין אויסגעהאַפּטענעם טישטוך און שיינע געבעטע שטולן אַרום דעם טיש און רעכטס און לינקס ביי די ווענט — שיינע קרעדענצן פון וועלכע עס האָט אַרויסגעפונקלט שיין גלאָזוואַרג פון פאַרשידענע מינים און עס האָט זיך איר פּלוצלינג אויסגעוויזן, אַז זי איז צוריק־געקומען אין הויז פון לייבטשע דעם ראש־הקל אין איר שטעטל.

— מיט וועמען האָב איך אייגנטלעך צו ריידן? — האָט יאַנקל אָנגעהויבן מיט אַ געשעפטלעכן טאָן; — ווי איר זעט, איז דאָ אַ לייטישע, אָנשטענדיקע בעלעבאַטישע שטוב; איך האָב צוויי טעכ־טערלעך, זיינען זיי ביי מיר טייערער פון מיין לעבן; די יונגערע, עטל, איז נאָך אין דער פאַרמאַכטער שול צום דערציען און די על־טערע, עלענע, האָב איך שוין אַרויסגענומען און איר האָט זי גע־הערט שפּילן פּיאַנאָ...

ווידער האָט זיך אויף יאַנקלס פּנים אויסגעשפּרייט דער נחת־דיקער שמייכל, אָבער באַלד האָט אַ שאָטן דעם שמייכל אָפּגעווישט און ער האָט פאַרגעזעצט:

— גאָט האָט מיך געשטראָפט און צוגענומען מיין ווייב פאַר דער צייט, האָב איך געמוזט אָפּגעבן מיינע קינדער צום דערציען

און הײנט װײל איך האָבן אַ אידישע קעכין אין שטוב, װאָס זאָל מײ־נע קינדער דערמאָנען אַז זײ זײנען אידישע קינדער...

שײנדעלע האָט כמעט נישט פאַרשטאַנען װאָס דער מענטש האָט גערעדט, זי איז נאָך אַלץ געװען פאַרנומען מיט אײנעמען רחלעס אומרואיקײט, נאָר װען יאַנקל האָט זיך פּלוצלינג אױפגע־שטעלט און נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט מיט װעמען ער דאַרף דאָ אײנגנטלעך רײדן, האָט אױך שײנדעלע זיך אױפגעשטעלט און גע־זאָגט, אַז זי איז גרײט אָנצונעמען דאָס פּלאַץ, אַבי מען װעט זי דאָ װעלן האַלטן צוזאַמען מיט איר קינד.

בעת יאַנקל איז אַרײן אין אַ צװײטער שטוב רופן זײן טאָכטער, האָט דער שנײדער באַװיזן אַ פרעג צו טאָן שײנדעלען צי זי װאָלט נישט בעסער צוריקגעגאַנגען מיט אים, אַז אים געפעלט עפּעס נישט דער פּלאַץ און נישט דער מענטש, אָבער שײנדעלעס שרעק אַז מען װעט איבעראַל פאַרלאַנגען אַז זי זאָל אָפּגעבן איר קינד אין אַ יתומ־מות־אַנשטאַלט איז געװען אַזױ גרױס, אַז אַבי אַ פּאָסטן װאו זי װעט קענען זײן צוזאַמען מיט רחלען, איז עס פאַר איר שױן גוט געװען.

און נישט נאָר שײנדעלע, נאָר עס האָט אױסגעזען, אַז אױך דער שנײדער װאָס האָט זי באַגלײט, האָט זיך באַרואיקט, װען יאַנקל איז צוריק אַרײנגעקומען צוזאַמען מיט זײן טאָכטער.

העלענע איז געװען קלײן געװיקסיק, אַ שײן פיגורל, פונקלענ־דיקע שװאַרצע אײגעלעך האָבן אַרױסגעשײנט פון איר צאַרט פּנימל, אױף װעלכן מען האָט נישט געקענט געפינען קײן אײן שטריך פון איר מגושמדיקן טאַטנס פּנים און די רײף־װערנדיקע בריסטלעך װאָס האָבן אַרױסגעשטאַרצט פון דעם דינעם גאָלד־קאָלירנדיקן זײדענעם סװעטערל װאָס זי האָט איצט געטראָגן, האָבן איר געגעבן דעם אױסזען פון אַ פערצן אָדער פופצן יאָר אַלט.

העלענע האָט אין דער שטוב געמוזט זײן גוט פאַרבענקט, װײל זי איז באַלד צוגעלאָפן צו רחלען, געזוכט זי אײנצונעמען און זעענ־דיק אַז עס גײט נישט, איז זי שנעל אַװעקגעלאָפן און באַלד גע־בראַכט פון דער צװײטער שטוב אַ גרױסע לאַלקע, כמעט אַזױ גרױס װי רחלע און אין דער צװײטער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ גרױסע שאַכטל מיט שאָקאָלאַד־באָמבאָנעם.

אין שײנדעלען איז דאָס האַרץ געװאַקסן פון פרײד, זעענדיק װי דאָס צאַרטע מײדל זוכט רחלען אײנצונעמען מיט אַזעלכע שײנע זאַכן, זי האָט אָנגעהױבן אײנזען, אַז פאַר רחלען װעט דאָ זײן אַ גרױס גליק און װאָס װײל זי דען מער? האָט זי אַפילו נישט גערעדט װעגן באַדינגונגען, אַבי דער באַלעבאָס איז אײנגעגאַנגען אַז זי זאָל

דאָ בלייבן מיט איר קינד, אַז דעם קינד וועט דאָ גאָרנישט פעלן, האָט זי געדאַנקט דעם שניידער וואָס ער האָט זי דאָ אַהערגעפירט און זי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל איר אירע זאַכן... אָבער דאָ האָט יאַנקל איבערגעשלאָגן, אַז אויב זי האָט זאַכן, זאָל זי נאָר זאָגן און ער וועט זיי לאָזן איבערפירן אַהערצו...

דאָס געשעפט איז שוין געווען אָפגעמאַכט, אָבער רחלע איז נאָך אַלץ נישט געווען רואיק. מאָמענטנוויז האָט זיך שוין אַ קרייזל געטאָן אַן אויפגעשיינט שמייכעלע אויף איר ליכטיק פנימל, איר יונג הערצל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון פרייד, ווען זי האָט אַ קוועטש געטאָן וואו העלענע האָט איר געוויזן און די לאַלקע האָט אַ רוף געטאָן — „מאַמאַ!", אָבער ווי נאָר איר בליק האָט אַ בלאָנדזשע געטאָן צו דער זייט וואו יאַנקל איז געשטאַנען, האָט זיך די שרעק צוריק פאַרקליבן אין אירע שיינע אייגעלעך, און ווען די מאַמע זאָל זי איצט געווען אַ פרעג טאָן צי זי וויל איצט בעסער צוריק אַהיימגיין אין איר אָרים שטיבל אין אַוועזשאַנעדאַ, וואָלט דאָס קינד זיכער געזאָגט אַז יאָ, זי וויל. רחלעס קינדישע אומשולדיקע הערצל האָט געפילט און עפּעס פאַרגעפילט..

קאַפּיטל 9

אויבן שוץ און אונטן שמוץ

דעם ערשטן טאָג, האָט זיך שיינדעלע אין יאַנקלס באַלעבאַטישער שטוב געפילט זייער גליקלעך. עס איז שוין געווען נאָכמיטיק און ווען זי האָט געפרעגט וואָס זי דאַרף איצט אָנהויבן טאָן, האָט מען איר געזאָגט, אַז גאָרנישט. זי דאַרף איצט קודם איינאָרדנען איר שטיבל, ערשט מאָרגן וועט זי דאַרפן קאָכן און קאָכן זאָל זי מאכלים אויפן אַלט-היימישן אופן.

און רחלע? רחלע שפּילט זיך שוין מיט העלענען אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך שוין געקענט ווי לאַנג, העלענע איז אויסגעהונגערט נאָך אַ חברטע, די עטלעכע וואָכן זייט זי איז אַהיימגעקומען פון דעם פאַרמאַכטן פענסיאָן, האָט זי דאָ נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן און רחלע איז פאַר איר געקומען ווי אַ מלאך פון הימל און זי האָט זי גאָרנישט אָפּגעלאָזן און כסדר איר געוויזן נייע שפּילעכלעך און אַלץ אַזעלכע טייערע זאַכן און שיינדעלעס האַרץ האָט זיך געשמאָלצן פון נחת צוזעענדיק איר קינדס פרייד.

אַ גרויס גליק האָט זי געטראָפן און זי האָט נאָר גאָט געבעטן, אַז דאָס גליק זאָל איר נישט פאַרשטערט ווערן.

צוויי שעה שפּעטער האָט מען איר געבראַכט אירע זאַכן, זי האָט זיך איינגעאָרדנט אין איר אָנגעוויזן שטיבל, זי האָט אויסגעפּאַקט אירע זאַכן, פֿאַרבעט דאָס שיינע בראָנזענע בעטל, אַריינגעהאַנגען אירע און רחלעס עטלעכע קליידעלעך אין שיינעם שאַפֿקעלע און זי האָט מאָמענטנוויז אָנגעהויבן צווייפֿלען צי איז דאָס אַלעס נישט קיין חלום.

אין מיטן דער אַרבעט פֿון ראַמען איר שטיבל, האָט זי גאַנץ אָפֿט אַ רוף געטאָן רחלען און די קליינע איז באַלד געקומען צו לויפֿן, אָבער זי איז לאַנג נישט געבליבן מיט דער מאַמען; זי איז אַרויפֿ-געשפּרונגען אויף דער מאַמעס אָרעמס, די מאַמע האָט זי געקושט און רחלע האָט זיך שנעל אַרויסגעריסן פֿון שיינדעלעס אומאַרמונ-גען און צוריקגעלאָפֿן צו העלענען.

זייט זיי זיינען אַראָפּ פֿון שיף, האָט רחלע פֿאַרבראַכט די טעג מיט וויינען און די נעכט — מיט שלעכטע דערדריקנדיקע חלומות. דאָס לאַנגע וואַרטן אויף איר טאַטן און פֿלוצלינג די שווערע אַנ-טוישונג, האָבן אין איר אָפּגעטעמפּט יעדן געפֿיל און רייץ פֿאַר קינדישער אַקטואַציע און פֿרייד.

אָבער די ענערגיעס האָבן זיך געזאַמלט אין איר קינדישן גע-מיט און היינט, אין דער שיינער שטוב פֿון העלענען וואו עס זיי-נען געווען אָנגעשטעלט און אָנגעוואָרפֿן אַזויפֿיל שיינע זאַכן וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, זיינען אירע אָנגעזאַמלטע ענערגיעס געקומען צום אויסדרוק און רחלע האָט געשוויצט און זיך עמאָציאָ-נירט כאַפּנדיק זיך יעדע ווילע צו עפּעס אַנדערש.

העלענע האָט אָנגעקוואָלן פֿון דעם קינדס פֿרייד. פֿאַר איר האָבן שוין לאַנג די אַלע זאַכן פֿאַרלוירן יעדן רייץ, אין פֿאַרמאַכטן פּענ-סיאָן האָט זי געהאַט אַזויפֿיל חברטעס און זיי האָבן גערעדט וועגן אַזויפֿיל זאַכן און זיי האָבן זיך געשפּילט אין אַזויפֿיל שפּילן און זייט דער טאַטע האָט זי פֿון דאָרט אַהיימגעבראַכט, עס זיינען טאַקע ערשט עטלעכע טעג אָבער ווי שווערע אומעטיקע אייביקייטן ציען זיי זיך פֿאַר איר און אויך אין איר האָבן זיך געזאַמלט די ענערגיעס און איצט ברענגט זי זיי צום אויסדרוק שפּילנדיק זיך מיט דער קליי-נער רחלע.

מיט דער שפּראַך קענען זיי זיך נישט פֿאַרשטענדיקן. פֿאַראַן בלויז געציילטע אידישע ווערטער וואָס העלענע געדענקט נאָך פֿון קינדהייט, ווען זי איז געווען אינדערהיים און די מאַמע האָט מיט איר גערעדט אידיש און רחלע ווייס בלויז צו זאָגן עטלעכע ווערטער אויף שפּאַניש, די עטלעכע ווערטער וואָס זי האָט אויפֿגעכאַפּט אין משך

פון די עטלעכע וואכן זייט זיי זיינען אראפ פון שיף אין דעם נייעם לאנד.

שפילט זיך העלענע מיט רחלען און העלענע רעדט צו רחלען און זי מישט אריין אין אירע רייד די עטלעכע אידישע ווערטער וואס זי געדענקט און רחלע ענטפערט פריידיק אין אידיש און זי האקט אריין אינדערמיט די עטלעכע שפאנישע ווערטער וואס זי האט שוין באוויזן אויפצוכאפן און כאטש זיי פארשטייען זיך נאך נישט וואס זיי זאגן זיך איינע די אנדערע, פרייען זיי זיך און העלענע זוכט כסדר ארום עפעס א נייע זאך וואס זאל רחלען אויפסניי איבערראשן.

פונדעסטוועגן האבן זיך די שעהן גערוקט ווייטער און ווייטער, שיינדעלע איז פארטיק געווארן מיט איר ארבעט, איר שטיבל האט געבלאנקט פון ריינקייט און נישט האבנדיק מער וואס צו טאן, איז זי אריין אין סאלע און זיך אומגעקוקט און געזוכט עפעס וואס אויף צו קענען זיין טעטיק.

דורך די פענצטער וואס האבן ארויסגעקוקט צום פראנט, האט זי געזען ווי עס צינדן זיך פייערלעך אויף די מאסטן פון די שיפן, די פייערלעך האבן געווינקען און זי צוגעצויגן צום פענצטער און ערשט איצט, פון דער הויך, האט זי געזען די גאנצע שיפן־פאנאראמע פון פארט.

יאנקל, דער באלעבאס פון שטוב, איז שוין נישט געווען אין שטוב.

די נעגערטע האט אנגעצונדן דעם גרויסן קריסטאלענעם הענגלאמפ און אראפגעלאזן די רולעטן פון די פענצטער לויטן באפעל פון יאנקלען, כדי אפצוטיילן, שאפן א מחוצה צווישן פארט און זיין פריוואטער שטוב און די נעגערטע האט עפעס געזאגט און געגעבן צייכנס, אז שיינדעלע זאל אריינגיין אין דער זייטן־שטוב וואו זיי האבן מיט א דריי שעה צוריק געטרינקען שאקאלאד און פארביסן מיט טארטע.

אין דער זייטן־שטוב איז שוין געווען געגרייט א טיש, העלענע מיט רחלען זיינען שוין געזעסן און געגעסן און אויך שיינדעלע האט זיך אוועקגעזעצט, דאס עסן האט איר נישט איבעריק געשמעקט און טראכטנדיק, אז מארגן וועט זי שוין אליין קאכן און זי וועט וויסן וואס זי קען, האט זי פונדעסטוועגן אפגעגעסן א גאנץ זאטן נאכטעסן.

די געשעענישן אין משך פון טאג האבן אויף שיינדעלען געווירקט דערמידנדיק און זי האט באלד נאכן נאכטעסן געוואלט אריינגיין אין איר שטיבל שלאפן, אבער העלענע האט רחלען נישט אפגע-

לאָזן, זי האָט זי געשלעפּט צו זיך אין צימער און מיט צייכנס איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי וויל נישט אַנדערש, נאָר רחלע זאָל מיט איר שלאָפן.

שיינדעלע האָט שמייכלענדיק איינגעשטימט צו העלענעס קאַפּריז, זי האָט רחלען געקושט און געהאָלפן אויסטאָן דאָס קליידל און ווען רחלע איז שוין געלעגן אין בעט, איינגעדעקט מיט דער זייַדענער קאָלדרע, האָט זי זי נאָכאַמאָל געקושט און שוין גוט פילנדיק די מידקייט, איז שיינדעלע אַריין אין איר שטיבל.

ווי לאַנג זי איז געשלאָפן, ווייס זי נישט, נאָר פלוצלינג האָבן מאַיומדיקע געוואַלטן און אַ גרעלער קוויטש פון אַ פרוי זי אויפגעוועקט פון איר טיפן און געשמאַקן שלאָף.

מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם האָט זי זיך איינגעהערט וואָס דאָרט ערגיץ קומט פאָר, אָבער מער ווי הייזעריקע קולות און שיכורע געזאַנגען האָט זי נישט געהערט.

שיינדעלע האָט געטראַכט, אַז זיכער גייען אונטן פאַרביי אַ גרופּע שיכורים און זיי מאַכן דאָס דעם געטומל און באַלד וועלן זיי אַוועק און דער געטומל וועט זיך איינשטילן.

דער געטומל, די הייזעריקע געזאַנגען און די אומפאַרשטענדלעכע קולות האָבן זיך אָבער נישט איינגעשטילט.

פאַרקערט, וואָס ווייטער האָט זיך דער געטומל געשטאַרקט, דורך די ווענט פון דער הויכער געביידע האָבן זיך דורכגעריסן די טענער פון צעיושעטע שיכורע מאַטראָזן וואָס האָבן דאָרט אונטן, אין די סאַלאָנען געהוליעט און די קוויטשערייען פון פרויען האָבן ווי דורכגעשטאָכן די דיקע ווענט און דערגרייכט ביז שיינדעלעס אויערן און זי האָט נישט געקאָנט צוריק איינשלאָפן.

פלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט אָן רחלען. איר האַרץ האָט זיך אין איר אָנגעהויבן וואָרפן פון אומרואיקייט. ווער ווייס צי רחלע שלאָפט און נישט קענענדיק באַקעמפן די אומרואיקייט, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, געטאַפּט מיט די הענט ביז זי האָט געפינען די טיר.

קומענדיק אין סאַלאָן, האָבן זיך די געוואַלטן פון גאַס נאָך שטאַרקער געהערט. די אַראָפּגעלאָזענע רולעטן מיט די פאַרהאַנגענע שווערע גאַרדינען האָבן נישט געקענט פאַרטויבן די טענער וואָס האָבן זיך געריסן פון דעם מענטשן-אָפּפאַל וואָס האָט זיך דאָרט אונטן אַזוי חזיריש צעיושעט.

שיינדעלע האָט זיך אין דער פינצטער צוגעשאַרט ביז צו העלענעס טיר, די טיר איז געווען אָפן און דאָס האָט זי זייער שטאַרק איבערגעשראָקן, אָבער באַלד האָט זי דערהערט איר קינדס אָטעם און דאָס האָט זי צוריק בארואיקט.

זי האָט זיך צוגעשאַרט ביז צום בעטל, געטאַפּט מיט די הענט ביז זי האָט אָנגערירט רחלעס קעפּל. זי האָט זיך געוואָלט אָנבויגן, אַ קוש טאָן רחלען, אָבער זי האָט מורא געהאַט, זי זאָל נישט אויפוועקן און דערשרעקן העלענען; זי האָט זיך אָבער פּלוצלינג געכאַפּט, אַז זי הערט נישט דעם אָטעם פון אַ צווייטער פּערזאָן און זי האָט זיך טאַקע באַלד איבערצייגט, אַז העלענע ליגט נישט אין בעט.

שיינדעלע האָט זיך שנעל אָנגעבויגן, געקושט רחלען און נישט וועלנדיק איר שטערן דעם זיסן שלאָף, האָט זי בעסער איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע און זיך שטיל געגומען שאַרן אויף צוריק, צו איר שטיבל.

— און וואו איז העלענע? — האָט עס שיינדעלען פּלוצלינג אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין די פראַגע: — וואָס וועט זיין אַז רחלע וועט זיך אויפכאַפּן און זי וועט זיך דערשרעקן זעענדיק אַז זי איז אַליין? זי האָט שוין אַ טראַכט געטאָן, אַז זי באַדאַרף רחלען, אַזוי, שלאָפנדיקערהייט, אַריינעמען צו זיך אין בעט און זי וועט קענען רואיק זיין.

שיינדעלע האָט שוין געוואָלט צוריקגיין צו העלענעס שטוב ווען זי האָט פּלוצלינג פון דער צווייטער זייט סאַלע דערזען ווי אַ גאַרדינע פון איין פענצטער באַוועגט זיך, און פון דאָרט קומט אַפיר אַ ווייסער שאָטן, דאָס איז געווען העלענע אין איר ווייסן זיידענעם נאַכט-העמד.

שיינדעלע איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, זי האָט געקוקט ווי דער ווייסער שאָטן פאַרשווינדט אין דער טיר וואו רחלע איז אַזוי זאַנפט געשלאָפן און צוריקלייגנדיק זיך אין בעט, האָט שיינדעלע נאָך לאַנג געטראַכט, אַז ווי שיין עס איז דאָ אויבן אין דער באַלעבאַטישער שטוב, איז אָבער דאָרט אונטן עפּעס גאַרנישט גלאַטיק...

און טראַכטנדיק, אַז אויב דער געטומל דאָרט אונטן איז נאָר אַ צופעליקער פון היינטיקער נאַכט, איז עס נאָך צו דערליידן, פונדעסטוועגן, מאָרגן, וועט זי שוין רחלען האַלטן מיט זיך, אין איר שטוב און שלאָפן מיט איר צוזאַמען...

קאַפּיטל 10

העלענע מיט רחלן

דער מאָרגנדיקער טאָג איז אַריבער פּונקט אַזוי פריידיק ווי פון נעכטן נאָכמיטיק ביז ביינאַכט.

די נעגערטע האָט געבראַכט פון ערגיץ עופות און פלייש און אַזויפיל גרינצייג, אַזאַ רוחבות און שיינדעלע איז געווען פאַרפאַרעט ביים גרייטן דאָס אמתע מיטיק און זי האָט אָנגעקוואָלן ווען רחלע איז יעדע ווילע געקומען צו לויפן אין קיך מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי, אָט אַז זי האָט זיך געהוידעט אויפן וויג-שטול, אָט אַז זי האָט געפונען אַזאַ שיינעם בער, וואָס אַז מען גיט אים אַ באַוועג, שרייט ער אויס „מ-ו-ו!" און אָט, אַז זי שפּילט שוין פּיאַנאָ.

גערוימט די שטיבער האָט די נעגערטע און שיינדעלע האָט בלויז געאַרבעט אין דער קיך, זי האָט דאָס גאַרנישט באַטראַכט פאַר קיין אַרבעט, ווייס איך וואָס, קאָכן, און נאָך דערצו אין אַזאַ שיינע גרויסע קיך און אַן אייוון אויף גאַז, די נעגערטע האָט געמוזט אָנצונדן דעם גאַז, אָבער איצט וועט זי שוין אַליין אויך קענען... זי האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז דאָ זיינען פאַראַן אַזעלכע שיינע קיכן... דאָס איז נישט איר הילצערןביידל אויפן הויף דאָרט אין אַוועזשאַנעדאָ, וואו עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ אַז ביידע, זי מיט דער שנײדערקע זאָלן קענען אַריין אינעווייניק...

דער באַלעבאָס האָט זיך ביים מיטיק-עסן געהאַלטן זייער ווירדיק, ער האָט זי געפרעגט ווי עס געפעלט איר די אַרבעט און זי האָט פאַרשעמט געענטפערט, אַז דאָס איז גאָר קיין אַרבעט נישט, אַז זי ווייס נישט וואָס זי האָט צו טאָן נאָכמיטיק און יאַנקל האָט ברייט געשמייכלט און געלויבט די מאכלים און געזאָגט, אַז אויב זי וועט כסדר קאָכן אַזוי גוט, איז עס שוין גאַנץ גענוג פאַר אים...

ווידער איז דער טאָג פאַרגאַנגען; פּונקט ווי נעכטן, האָט די נעגערטע אויך היינט אַראָפּגעלאָזן די רולעטן און פאַרצויגן די גאַרדינען פאַר די פענצטער, יאַנקל איז שוין נישט געווען, ווידער האָט מען אָפּגעגעסן נאַכט-עסן און באַדאַרפט גיין שלאָפן.

רחלע איז אַ גאַנצן טאָג געווען אַזוי גליקלעך שפּילנדיק זיך צוזאַמען מיט העלענען, אַז זי האָט פאַרגעסן אָן די אומרואיקע מינוטן וואָס זי האָט איבערגעלעבט ביים טיש, ביים מיטיק-עסן, ווען זי האָט געוואָרפן אירע פאַרגנבעטע בליקן צום באַלעבאָס פון שטוב. אַלע אין שטוב איז איר דאָ געווען ליב, אַ חוץ דער באַלעבאָס, ווע-

מענס אַנוועזנהייט האָט שווער געמאַכט איר קינדיש פריילעך געמיט.

העלענע האָט זיך ווידער איינגעשפּאַרט, אַז זי וויל האָבן רחלען מיט זיך און אַזוי ווי רחלע איז שנעל און מיט פריידּ איינגעגאַנגען דערויף, האָט שיינדעלע פאַרגעסן אָן איר באַשלוס, זי האָט רחלען געהאָלפן אויסטאָן דאָס קליידל, איינגעדעקט זי און איז אַליין אַוועק אין איר שטיבל.

רחלע מיט העלענען זיינען לאַנג געלעגן אין בעט וואַכנדיק.

רחלע האָט פאַר העלענען איבערגעזונגען אַ רייע פון די לידער מיט וועלכע די מאַמע האָט זי איינגעשלעפט, און כאָטש העלענע האָט די אידישע לידלעך נישט פאַרשטאַנען, האָט זי הנאה געהאַט און זיך צוגעהערט צו זיי, נאָר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן הערן דער זעלבער טומלדיקער גערויש פון גאַס ווי נעכטן, כאָטש אין דעם זייטיקן צימער האָט ער זיך נישט אַזוי שטאַרק אַריינבאַקומען, האָט זיך העלענע מיט איין אויער צוגעהערט צו רחלעס אידישע לידער און מיטן צווייטן האָט זי זיך אָנגעשטרענגט צוגעהערט צום גע־רויש און צו די טענער פון גאַס.

העלענע האָט אָנגעהויבן ווערן אומרואיק. אויף איר פּנים האָט אַרויסגעשלאָגן אַזאַ מאָדנע רויטקייט און זי האָט פּלוצלינג אַרומגע־כאַפּט רחלען, זי גענומען דריקן פעסט צו זיך און זי אָנגעהויבן קושן און האַלזן.

ווען דער גערויש פון גאַס האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט, האָט העלענע אויסגעלאָשן די עלעקטרישע ליכט און געזאָגט רחלען, אַז איצט דאַרף מען שלאָפן און מיד פון אויסזינגען אַזויפיל לידלעך, איז רחלע טאַקע באַלד איינגעשלאָפן.

אַ ווײַלע איז העלענע נאָך אַזוי געלעגן נעבן רחלען, זי האָט זיך איינגעהערט צו איר אָטעם און ווען זי האָט זיך איבערצייגט אַז דאָס קינד שלאָפט שוין, איז זי פּאַמעלעך אַראָפּ פון בעט, שטיל זיך צוגעשאַרט צו דער טיר און אַזוי ווי נעכטן, זיך פאַרקליבן הינטער די שווערע פענצטער־גאַרדינע.

מיט ציטערדיקע באַוועגונגען האָט זי אַרויפגערוקט אַ טייל פון רולעט און זי האָט צוגעשפּאַרט איר רויט דערהיצט פּנימל צו דער שויב פון פענצטער און מיט נייגעריקייט געקוקט קעגנאיבער, צו די ווינקענדיקע פייערלעך וואָס האָבן געציטערט אויף די מאַסטן פון די פאַראַנקערטע שיפן.

שטייענדיק אַזוי ביים פענצטער אַ באַהאַלטענע הינטער דער גאַרדינע, האָט זי, צוליב איר נידעריקן וואוקס, נישט געקענט זען וואָס עס טוט זיך דאָרט אונטן, נאָענט צו איר הויז, האָט זי פאַ־

מעלעך געעפנט דאָס פענצטער, אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן געזימס און אַראָפּגעקוקט מיט זשעדנע נייגעריקע בליקן.

אָבער אַפילו זיצנדיק אויפן געזימס פון פענצטער, האָט זי גאַנץ ווייניק געקאָנט זען וואָס דאָרט אונטן קומט פאָר; דאָס יונגע, ערשט רייף־ווערנדיקע מיידל האָט בלויז געקאָנט איינאָטעמען אין זיך די אויפגעכאַפּטע הייזעריקע טענער פון שיכורע מאַטראָזן און זי האָט זיך עמאַציאָנירט פון יעדן קוויטש וואָס זי האָט געהערט פון אַ פרויען־שטים.

זי איז געזעסן אויפן פענצטער אין איר לאַנגן זיידענעם נאַכט־העמד אַרומגענומען מיט אַ זיידענעם שנור אַרום איר דינער טאַליע; האָט זי אַראָפּגעצויגן איר העמד נידעריקער, כדי דאָס זיידענע גע־וואַנט זאָל זיך שטייפער אַנציען אויף אירע גענוג אַנטוויקלטע בריסטלעך און אַזוי איז זי געזעסן און אַ דורשטיקע געשלונגען די פאַרשידענע טענער וואָס האָבן זיך, ביז זיי האָבן זיך אַרויפבאַקו־מען צו איר פענצטער, צענויפגעגאָסן אין אַ הוזשעריי פון הפקרדי־קער וואַקכאַנאַליע.

עס איז שוין געווען גענוג שפּעט פאַרטאָג. דער געטומל וואָס האָט זיך אַרויפגעריסן פון אונטן האָט שוין אָנגעהויבן ווערן מידער, ווען נישט ווען האָט זיך געהערט אַ כליפּעריי פון אַ שיכורער פרויען־שטים, ערשט דעמאָלט איז העלענע, אַ ציטערנדיקע פון קעלט, צו־ריק אַריין אין איר שטיבל און זיך אַריינגעכאַפּט אין בעט צו רחלען.

עס איז איר געווען קאַלט און זי האָט זיך צוגעטוליעט צו רחלעס וואַרימען קערפּערל, זי האָט גענומען דעם שלאָפנדיקן קינדס קעפּל און עס גענומען אַזוי שטאַרק דריקן צו אירע פאַרשטייפטע בריסט־לעך, אַז רחלע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

אַ צעשראָקענע האָט זיך רחלע געוואָלט באַפרייען פון העלענעס אומאַרמונגען און צערטלעכקייטן, אָבער העלענע האָט מיט איין האַנט אַ קוועטש געטאָן דאָס קנעפּל און אָנגעצונדן די ליכט און מיט דער צווייטער האָט זי רחלען אַזוי פעסט צוגעהאַלטן, אַז דאָס קינד האָט זיך נישט געקענט באַפרייען.

רחלע האָט זיך שוין געוואָלט צעוויינען און רופן די מאַמען, נאָר ווען עס איז ליכטיק געוואָרן און זי האָט געזען אַז דאָס ווערט זי אַזוי געצערטלט פון העלענען, האָט זי זיך באַרואיקט און אַפילו גע־וואָלט אָפּענטפערן העלענען מיט דער זעלבער צערטלעכקייט.

באַלד האָט אָבער דאָס קינד אָנגעהויבן פילן אינסטינקטיוו, אַז העלענעס צערטלעכקייטן זיינען עפּעס גאַנץ אַנדערש ווי די צערט־לעכקייטן פון איר מוטער. רחלע האָט אָנגעהויבן וויינען און ווען העלענע האָט געוואָלט דערשטיקן דאָס געוויין און איר צוגעהאַלטן

דאָס מויל, האָט דאָס קינד אָנגעהויבן וויינען נאָך שטאַרקער און אַ ווײַלע שפּעטער, האָט זיך געעפנט די טיר פון קינדער־צימער און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן רחלעס מאַמע, די צעשראָקענע שיינדעלע.

קאַפּיטל 11

וואו איז די אַלמנה מיטן קינד?

די אידיש־געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין בוענאָס איירעס און אַוועזשאַנעדאַ האָבן געהאַט אַ סענסאַציע.

אין אַלע לאַנדסלייט־פאַראיינען, אין אימיגראַנטן־שוץ־פאַראיין און אין פאַראיין „עזרת נשים" און אַפילו אין די קאַפע־הייזער וואו עס קומען זיך צונויף אידן, האָט מען נאָר גערעדט וועגן דעם געשעעניש, אַז אַ יונגע אידישע מאַמע מיט אַ קליין זיבן־יעריק טעכטערל זיינען פּלוצלינג פאַרשוואונדן און מען ווייס נישט וואו זיי זיינען אַהינגעקומען.

מענטשן וועלכע האָבן אַפילו די פרוי נישט געזען, האָבן גע־וואַגט אַרויסצוזאָגן פאַרשידענע מיינונגען, אַז די פרוי האָט זיך אין איר נויט געמוזט לאָזן אויף שלעכטע וועגן; אברהם פרידמאַן, דער פאַרשטייער פון אימיגראַנטן־שוץ־פאַראיין, וועלכער האָט געהאָלפן שיינדעלען אַרויסקומען פון אימיגראַנטן־האָטעל, האָט מיט זיכער־קייט דערקלערט, אַז ער גלויבט נישט אויף דער איידעלער פרוי, אַז זי האָט געזאָלט מיט אייגענעם ווילן זיך לאָזן אויף גליטשיקע וועגן און ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף פאָרשן און זוכן צו קומען אויף אירע שפּורן.

אַלס עקס־פּרעזידענט פון פוילישן פאַרבאַנד, האָט פרידמאַן גע־ווירקט אויפן איצטיקן פּרעזידענט אַבאַ עסטערזאָן, אַז דער פאַר־באַנד מוז אויך אינטערווענירן אין דעם דרינגענדן פאַל און ביידע צו־זאַמען האָבן זיך באַראַטן מיט דעם הויפּט־באַאַמטן פון „עזרת נשים", דעם הער גאַנאַפּאַל און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויס־פאָרשונג.

דער ערשטער וועג איז געווען צו דער וואוינונג אין וועלכער די „עזרה" אין אַוועזשאַנעדאַ האָט די אַלמנה מיטן קינד געהאַט איינ־געאָרדנט.

קאָן זיין אַז דער שניידער האָט זיך דערוואוסט אַז די אָרימע פרוי האָט אָנגעשפּאַרט אויף אַ שלעכטן אַדרעס און ער האָט מורא געהאַט אויסצוזאָגן, אַז ער האָט זי געפירט אַהינצו, אָדער ער האָט

זיך גלאַט געשראָקן, מען זאָל אים נישט שטערן אין זיין אַרבעט און אגב, האָט שיינדעלע געהאַט דאָס שטיקל בלאַט מיט דעם אַנאָנס און ער וואָלט זיך איצט גאַרנישט אונטערגענומען צו טרעפן דעם וועג אהינצוצו און די אַלע זאַכן האָבן געווירקט, אַז ער זאָל אַמ־בעסטן, מאַכן אַ שוויג.

הער גאַנאַפאַל האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז עפּעס וויים דער שניידער און ער האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן אָפּנאַרן און נאָך אַ קרייץ־פאַרהער, האָט ער ביים שניידער אַרויסבאַקומען, אַז די פרוי מיטן קינד זיינען אַוועק אויף אַן אַדרעס וואו מען האָט געפּאָדערט אַ דינסט וואָס זאָל קענען קאָכן.

די געשיכטע האָט דערמיט געקענט באַטראַכט ווערן פאַר אויפ־געקלערט, ווייל עס האָט נישט זעלטן געטראָפן, אַז אומגעדולדיקע פרויען זיינען מיד געוואָרן וואַרטנדיק אויף הילף פון אינסטיטוציעס און אַבי עס האָט זיך זיי געמאַכט אַ געלעגנהייט צו פאַרדינען אויפן אויסקומען, האָבן זיי זיך געלאָזן אויפן וועג פון זעלבסטשטענדיקייט.

אגב, זיינען שוין געהאַט אַוועק די צייטן אין אַרגענטינע, ווען מען האָט אויסגענוצט די נויט פון אַ פרוי און מען האָט זי געפאַנגען אין אונטערגעשפּרייטע נעצן און דערנאָך זי געצוואונגען צו אַ לעבן פון שאַנד; די טרויעריקע צייטן זיינען שוין אַוועק, ווייל צו גרויס און מעכטיק איז שוין געוואָרן די ריינע אידישע געזעלשאַפט און די אָפּגעפאַלענע טמאים האָבן מער נישט געוואַגט אויפצורייצן די געמיטער פון די ברייטע אידישע מאַסן.

אָבער פאַר דעם אומדערמידלעכן געזעלשאַפטלעכן טוער אברהם פרידמאַן, איז דאָס געווען וויניק. ער האָט די מוטער מיטן קינד אַרויסגענומען פון אימיגראַנטן־האָטעל און ער דאַרף און מוז וויסן וואו זיי געפינען זיך. זי איז געגאַנגען דינען? גוט, אָבער וואו? צו וועמען?

און די אויספאָרשונג איז וויטער אָנגעגאַנגען, ביז מען האָט אַרויסבאַקומען ביים שניידער, אַז שיינדעלע האָט פאַרן אַוועקגיין געזאָגט, אַז זי דאַרף זוכן אַן אַדרעס אין באָקאַ.

דאָס וואָרט באָקאַ, האָט אויף די פאָרשטייער פון די אינסטיטוציעס נאָך שטאַרקער געווירקט און די סענסאַציע וועגן דער פאַר־שוואונדענער פרוי מיטן קינד איז נאָך גרעסער געוואָרן און איז גע־ווען די טעמע פון טאָג אין די פאַריינען און אין די קאַפעען.

די אויספאָרשונג האָט זיך פאַרצויגן, דער שניידער אַליין האָט שוין איינגעזען, אַז ער האָט דאָ אומשולדיקערהייט פאַרקאָכט אַ קאַשע און ער האָט זיך שוין מודה געווען אַז ער האָט זי געפירט אויפן אַדרעס וואָס איז געווען אָנגעוויזן אין אַן אַנאָנס, אָבער דער

אַדרעס איז געבליבן ביי איר און ער גערעדנקט אים נישט...
מען האָט אים אַרומגעפירט אין באַקאַ, געקומען אַפילו מיט אים אויף דער הויפּט-גאַס קעגן דעם פּאַרט, אָבער די הייזער זיינען אַזוי ענלעך געווען, אַז ער האָט נישט געקענט דערקענען אין וועלכן הויז ער האָט זי אַריינגעפירט און ער האָט אָנגעוויזן אַמאָל אויף איין הויז און אַמאָל אויף אַ צווייטן.
און אברהם פרידמאַן איז עס געווען דער, וועמען עס איז איינגעפאַלן, אַז מען קאָן נאָכזוכן אין בלאַט דעם אַנאָנס און מען וועט שוין האָבן דעם אַדרעס.
דאָס איז דווקא געווען אַ לייכטע אַרבעט. מען האָט אויסגערעכנט די דאַטע ווען דער שניידער האָט שיינדעלען אַוועקגעפירט און אין רעדאַקציע פון בלאַט האָט מען באַקומען דעם געזוכטן נומער און אַ שעה שפּעטער, זיינען פרידמאַן, עסטערזאָן און גאַנאַפאַל, געשטאַנען פאַר דעם טויער פון יאַנקל דעם פרומענס הויז אין באַקאַ.

קאַפּיטל 12

די שפּין וועבט איר נעץ

צומאָרגנס נאָכדעם ווי שיינדל האָט רחלען אַרויסגענומען פון העלענעס בעט און געגומען דאָס קינד צו זיך אין איר שטיבל, איז העלענע געוואָרן גאַנץ אַנדערש צו רחלען.
זי האָט מיט איר מער נישט געשפּילט און זי האָט איר אַפילו מער נישט געשאָנקען קיין שמייכל און רחלע האָט זיך אין די גרויסע שטיבער אַרומגעדרייט אַ פאַרלוירענע.
אָבער דערפאַר, האָט יאַנקל דער פרומער אָנגעהויבן שענקען מער אויפמערקזאַמקייט צו דער יונגער און שיינער אלמנה, און וועלנדיק געווינען די סימפּאַטיע פון דער מוטער, האָט ער זייער געליבט אירע פיין-געקאָכטע מאכלים און נאָך מער, די קלוגשאַפט און שיינקייט פון איר קינד.
מיט יעדן טאָג איז ער געוואָרן צו איר פריינטלעכער און צוגעלאָזענער, ער האָט שוין געוואָגט צו גלעטן שיינדעלעס האָר און ווי געשיקט און מיט וויפל טאַקט זי האָט זיך געזוכט אַרויסצודרייען פון זיין נאָענטקייט, האָט עס זיך איר נאָר איינגעגעבן אויף אַ וויל און באַלד האָט זי זיך ווידער אַריינגעפּלאָנטערט אין די נעצן פון זיין אַרויסגעוויזענער גוטהאַרציקייט און סימפּאַטיע, וואָס איז איר געווען שטאַרק דערווידער.

יעדן טאָג האָט יאַנקל אָנגעהויבן איר ברענגען אַנדערע מתנות, אויך פאַרן קינד האָט ער געבראַכט פאַרשידענע שפּילצייג. שיינדעלע האָט זיך געפּרוּווט אָפּזאָגן פון די מתנות, אָבער יאַנקל האָט געוואוסט ווי אַזוי זי צו באַוועגן אַז זי זאָל די מתנות פאָרט אָננעמען, ער האָט געשפּילט פאַר איר בלויז דעם אויפריכטיקן פריינט, דעם בעל־רחמנות און ווייל איר קינד איז דאָ גוט געווען, איר רחלע האָט זיך דאָ אָנגעהויבן צעבליען ווי אַ שיינע בלום, האָט שיינדעלע געוואָלט אָנהאַלטן דאָס פּלאַץ און נישט ברוגזן זיך מיטן באַלעבאָס.

יאַנקל איז אָבער געגאַנגען ווייטער; ער האָט מיט שיינדעלען אָנגעהויבןריידן אַנדערע ווערטער וועלכע זיינען איר געווען פיינלעך אויסצוהערן; ער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן זיין פאַרשטאָרבענער פרוי און וועגן זיין איינזאַמקייט נאָך איר טויט און זענדיק, אַז שיינדעלע בלייבט קאַלט, האָט ער ווידער אָנגעהויבן לויבן רחלען און זי אַליין, ווי שטאַרק זי געפעלט אים און זאָל זי נאָר נישט זיין איינגעשפּאַרט און זאָל זי נאָר נישט זיין קיין נאַר, קאָן איר דאָ וואויל זיין ווי די וועלט...

מיט יעדן טאָג, איז צוגעקומען מער אומרואיקייט אין שיינדעלעס האַרץ. זי האָט שוין פאַרשטאַנען און געוואוסט וואָס עס טוט זיך אונטן אין גאַס יעדע נאַכט און זי האָט זיך שוין משער געווען, אַז יאַנקל האָט דאָרט אונטן אַ נישט אַנשטענדיק געשעפט און זי האָט שוין געטראַכט און געבעטן גאָט, אַז זי זאָל קענען בשלום אַרויסקומען פון דאַנען, אָבער וואוהין? צו וועמען? אַז דאָ האָט רחלע, איר טייער שיין קינד, דער איינציקער אַנדענק וואָס דערמאָנט זי אָן מאַטעלען, איר אומגליקלעך פאַרשטאָרבענעם מאַן און געליבטן, דאָ האָט זי אַזוי גוט...

זיינען אַזוי טעג פאַרגאַנגען, יאַנקל האָט שוין מיט איר געהאַט אַ סך שמועסן, ער האָט איר שוין אַפילו איינמאָל גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז זי האָט אויף אים געווירקט, אַז ער האָט זי ליב באַקומען און זאָל זי נישט קוקן וואָס פאַר אַ געשעפט ער האָט דאָרט אונטן, ווייל דאָ, אין זיין שטוב, איז ער דער ערלעכסטער און פיינסטער מענטש אויף דער גאַנצער וועלט און דאָ, אין זיין שטוב, מעג אַפילו אַ רבי איינשטיין און אַז ער וויל זי פאַרהיטן, אַז די נויט זאָל זי נישט טרייבן אַראָפּ, דאָרט אונטן... ער וועט איר אַלעס געבן, אַלץ וועט זיין איר, זי וועט זיין די מאַמע פון זיינע צוויי טעכטער און זי וועט זיי דאַרפן אָפּהיטן, אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן אַזוי ריין און שיין ווי זי אַליין איז...

צען מאָל אין טאָג איז שיינדעלען געקומען אויפן געדאַנק, אַז זי דאַרף וואָס שנעלער פאַרלאָזן דאָס הויז; אָבער כאָטש רחלע האָט

זיך נאָך אַלין געשראָקן פאַר דעם באַלעבאָס, זי פלעגט צונעמען די שפּילעכלעך און פאַרשטעקן זיך אין דער מאַמעס שטיבל כדי זי זאָל נישט מוזן זען דעם וואָס האָט איר די שיינע מתנות געבראַכט, פונ־דעסטוועגן האָט שיינדעלע מורא געהאַט, אַז פאַרלאָזנדיק דאָס הויז, וועט איר זיין ערגער, ווייל וואו און צו וועמען וועט זי גיין און צי־וואַרט נישט אויף איר מיט איר קינד נויט און עלנט?

און ביי די אומשטענדן, האָט שיינדעלע איבערגעלעבט דעם שווערן נסיון, זי האָט מיט אַלע כוחות צוריקגעוויזן די אַנצוהערע־נישן פון באַלעבאָס, ביז עס האָט געמוזט דערפירן צו אַ קולמינאַציע־פּונקט.

דאָס איז געווען אין אַ שיינעם נאָכמיטיק, יאַנקל דער פרומער איז אויפגעשטאַנען פון נאָכמיטיקדיקן דרימל און שיינדעלע האָט אים באַדאַרפט סערווירן דעם טיי.

ווי די פריערדיקע טעג, האָט שיינדעלע שוין געהאַט פאַרגרייט אויפן טיש אַ שיסעלע איינגעמאַכטס, אביסל היימיש־געבאַקענע גע־בעקסלעך און די זילבערנע צוקער־פּושקע מיטן זילבערנעם צוויינ־געלע דעם צוקער אַרויסצונעמען און זי האָט געוואַרט, אַז דער באַ־לעבאָס זאָל אַרויסקומען פון שלאָפצימער.

וואַרטנדיק אַזוי, האָט זי זיך דערמאָנט ווי זי האָט אַזוי גע־פלעגט אָפּוואַרטן איר מאַמעלען, ער זאָל קומען פון פאַריין און טראַכטנדיק וועגן איר טראַגיש אומגעקומענעם מאַן, האָט זי ווי פאַרגעסן אַז דאָס איז געווען אַזש מיט מער ווי זיבן יאָר צוריק, דאָרט ווייט, אין איר ליבער כאַטש אָרים־באַטריבטער אַלטער היים און ווען דער באַלעבאָס האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אין דער געעפנטער טיר פון זיין שלאָפצימער און זי האָט דערזען זיין געקינצלטן שמייכל וואָס שפּרייט זיך איבערן גאַנצן פּנים ביז איבער זיין פליך און ווען זי האָט באַמערקט די אויפגעפלאַמטע שפּיזיקע פייערלעך וואָס האָבן ווי שלאַנגען־צינגלעך אַרויסגעבליצט פון יאַנקלס טיפע שמאַלציקע אויגן־גריבלעך, האָט זי נאָך שטאַרקער געזען דעם ווייטן מהלך פון איר מאַמעלען ביז אַ דעם מגושם און אירע בלוטן האָבן אין איר געשוואָוירן, אַז זי וועט קיינמאָל נאָך איר אומגליקלעכן מאַן נישט קומען אין נאָענטער באַרירונג מיט אַט אַזאַ מין נפש...

קאַפּיטל 13

אין ריכטיקער צייט

און גראָד האָט זיך יאַנקל געגרייט אויף היינט, אַז היינט מוז ער איינעמען די פעסטונג.

ער האָט געטראַכט, אַז גענוג לאַנג האָט ער זי באַלאַגערט און עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען ער דאַרף זי שטורמען און זיין אַריינקומען איצט איז געווען מיטן געדאַנק, אַז איצט אָדער קיינמאָל נישט.

ער איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום טיש, געזעצט זיך אויף זיין געבעטן פּאַטער-שטול און ווען שיינדעלע האָט געהאַט פאַר אים אָוועקגעשטעלט דאָס גלאָז טיי און שוין געוואָלט זיך אָפּרוקן אויף צוריק, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט און זי אַ שלעפּ גע-טאָן צו זיך מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי איז אויף אים אַרויפגעפאַלן אויפן שטול.

ער האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט זיינע גרויסע הענט ווי מיט צוואַנגען און נישט אַרויסלאָזנדיק זי פון זיינע אָרעמס, האָט ער געשעפּטשעט ציטערנדיק פון ליידנשאַפט: — זיי אַ גוטע... איך האָב דיך ליב... עס וועט דיר וואויל זיין ווי די וועלט... איך וועל דיך גליקלעך מאַכן!... און דריקנדיק זי אַלץ פעסטער צו זיך, און פילנדיק אַז איר ווידערשטאַנד ווערט שוין שוואַכער, האָט ער איר שוין געוואָלט געבן אַ קוש, ווי זי האָט זיך פלוצלינג אַ ריס געטאָן פון זיינע אָרעמס און באַפרייענדיק זיך פון די צוואַנגען, האָט זי זיך אַ שטעל געטאָן גלייך, שטאָלץ, מיט אַן אַרויספאָדערנדיקע מי-נע אַנטקעגן באַלעבאָס.

זי האָט אָפּגעשטעלט איר ווידערשטאַנד אין זיינע אָרעמס, אַזוי ווי אַ לייב, וואָס בויגט זיך אַן גאַנץ נידעריק, כדי צו קענען דער-לאַנגען דעם שטאַרקן שפּרונג און זי האָט איצט טאַקע געפילט אין זיך די כוחות פון אַ לייב, צו קענען ווערן זיך קעגן דעם מגושם.

אין יאַנקלס בלוטן האָבן אָבער שוין אויך נישט געוועלטיקט די געוויינלעכע מענטשלעכע כוחות. איר וואַרימער אָטעם, איר וואַרי-מער כאָטש ציטערנדיקער שלאַנקער קערפּער און דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ וואָס ער האָט נאָר-וואָס געפילט ווען ער האָט זי גע-האַלטן פעסט אַרומגענומען אין זיינע אָרעמס, האָט אין אים אויפ-געוועקט אַ ליידנשאַפט פון אַ צערייצטער חיה און פלינק ווי אַ קאַץ, האָט ער זיך אַ הויב געטאָן פון זיין פּלאַץ און שוין האָט ער זי פעסט געהאַלטן ביי איין האַנט, שלעפּנדיק זי צו זיך און שוין איז זי ווי-דער ווי אומעכטיק געלעגן אין זיינע אָרעמס.

זי האָט זיך געראַנגלט, זי האָט אים געביסן, אָבער אין זיין צערייצטן צושטאַנד האָט ער דעם ווייטיק נישט דערפילט, פאַר-קערט, דאָס האָט אים נאָך מער צערייצט און אָט האָט ער פון איר אַראָפּגעריסן די בלוזע, איר נאַקעטע לייב האָט אַ שומער געטאָן פאַר זיינע אויגן און ווי אַ הונגעריקער וואָלף האָט ער זיך איינגעזויגן

מיט זיינע פעטע ליפּן אין איר האַלז און האַלטנדיק זי אַזוי פעסט, האָט ער זי גענומען קושן.

אַנגסטן האָבן אַרויסגעשלאָגן אויף שיינדעלעס שטערן. זי האָט אָנגעשטרענגט אַלע אירע כוחות, אָבער זעענדיק אַז זי איז מאַכט־לאָז קעגן דער שטאַרקער קראַפט וואָס האַלט זי אין קלעם, האָט זי אַרויסגעלאָזן אַ יאָמערלעכן רוף נאָך הילף.

די בעסטיע האָט זיך אין יאַנקלען שוין אַזוי געהאַט צעשפּילט, אַז ער האָט זיך נישט געציילט מיט אירע הילף־רופן; מיט אויסגע־שצירעטע ציין האָט ער געשריען צו איר: — גיב זיך אונטער, ווען נישט וועל איך דיך אַראָפּוואַרפן דאָרט אונטן פאַר די הינט... און ער האָט ווייטער געריסן אירע קליידער און זי האָט זיך אין טויט־אַנגסטן געראַנגלט אין זיינע הענט. ,

יאַנקל האָט שיינדעלען שוין געהאַט צוגעשלעפּט צום סאַפאַ וואָס איז געשטאַנען צווישן די פענצטער, ער האָט זי אַ שליידער געטאָן אויפן סאַפאַ, און זי אַזוי פעסט צוגעהאַלטן, אַז עס האָט איר שוין פאַרפעלט אָטעם און מיט די לעצטע כוחות האָט זי אַרויס־געשטויסן פון זיך דעם לעצטן הילפס־רוף און זי איז געבליבן ליגן ווי אין אָנמאַכט.

יאַנקל האָט זיך שוין באַטראַכט אַלס זיגער איבער זיין קרבן, אָבער אין דעם מאָמענט איז רחלע אָנגעקומען צו לויפן.

צוערשט האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט עפּעס רופן, אָבער די נייע שפּילערייען האָבן באַהערשט איר גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט און זי האָט די רופן נישט אין אַכט גענומען.

אָבער פּלוצלינג האָט זי זיך פונדעסטוועגן גענומען איינהערן, אַ מאָדנער גערויש און דאָס רוקן פון שטולן וואָס האָט זיך געהערט פון דער סאַלע, האָט זי עפּעס אָנגעהויבן שרעקן און ווען זי האָט פּלוצלינג אין דעם נייעם רוף דערקענט איר מאַמעס קול, האָט די קליינע רחלע אַ וואַרף געטאָן פון זיך די שפּילערייען און מיט שרעק אין די אייגעלעך זיך געלאָזן לויפן צו דער סאַלע.

דאָס בילד וואָס רחלע האָט דערזען בעת זי האָט געעפנט די טיר פון סאַלע, האָט זיך שוין קיינמאָל נישט געקענט אָפּמעקן אין איר מוח.

בלויז איין מינוט איז דאָס קינד געבליבן שטיין ווי צוגענאָגלט צום פּלאַץ, אָבער באַלד האָט זיך פון איר קינדיש בריסטל אַרויס־געריסן אַ פאַרצווייפלטער אויסגעשריי: — מ אַ מ ו ל אַ! מאַמו־לאַ! האָט רחלע נאָכאַמאָל אויסגערופן און צוגעלאָפן ביז דער סאַ־פאַ, וואו זי האָט זיך אַריינגעריסן צווישן דער ווילד־געוואָרענער בעסטיע און איר מאַמען.

יאַנקל האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרלוירן יעדע קאָנטראָל איבער זיך; ער האָט אַפילו נישט געהערט דעם קינדס ענטזעצלעכע אויס־רופן און ווען ער האָט פלוצלינג דערזען רחלען צווישן זיך און זיין קרבן, ווען רחלע האָט זיך שוין אַ וואָרף געטאָן צו דער סאָפאַ און געוואָלט אַרומנעמען איר האַלב פאַרחלשטע מוטער, האָט יאַנקל זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ הענטל און מיט איר אַזאַ שליידער געטאָן, אַז דאָס אָרימע קינד האָט זיך אַ קייקל געטאָן ביז צו דער אַנט־קעגנדיקער וואַנט.

רחלעס אויסרופן מאַמולאַ, האָבן אָבער באַוויזן אויפצואוועקן שיינדעלען פון איר האַלבער אָנמאַכט און ווי נאָר זי האָט געעפנט אירע אויגן, און דערזען ווי איר קינד ווערט פון איר אָוועקגעשליי־דערט, האָט זי זיך מיט איבערנאַטירלעכע כוחות אַ ריס געטאָן פון דער סאָפאַ און געוואָלט לויפן צו הילף איר קינד, אָבער דער פוריע־זער מאָנסטער האָט זי אויפגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס און ווען אַפילו רחלע איז מיט אַ שרעקלעך געוויין צוגעפאַלן און זיך איינגעביסן אין יאַנקלס דיקן־פלייש, האָט ער נישט געפילט דעם ווייטיק נאָר ווייטער געהאַלטן שיינדעלען ווי אין צוואַנגען און עס האָט שוין אויס־געזען, אַז דער קרבן פאַרלירט די כוחות און הערט זיך שוין אויף ראַנגלען, ווען אַ גרעלער קלינגען פון הויז־גלעקל וואָס האָט זיך באַלד איבערגעחזרט, האָט יאַנקלען אַנגעהויבן אויסניכטערן ווי פון אַ שטאַרקער שיכרות.

ווי אַ חיה וואָס דערפילט אינסטינקטיוו די געפאַר, אַזוי האָט יאַנקל אָנגעשפּיצט די אויערן; עפּעס איז אים דאָס קלינגען געווען פאַרדעכטיק און ווען עס האָט זיך דערהערט דער דריטער קלינג, האָט ער שוין זיין קרבן אַרויסגעלאָזן פון זיינע צוואַנגען.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן די נעגערטע.

מיט אירע אויגן־ווייסלען וואָס האָבן זיך פלינק באַוואויגן און אַרויסגעלויכטן פון איר שוואַרצן פנים, האָט זי אין איין מאָמענט אויפגעכאַפּט דאָס בילד און פאַרשטאַנען וואָס דאָ האָט געמוזט פאַר־קומען און זי האָט אַ בייזן שצירע געטאָן מיט די עטלעכע ציינער צו שיינדעלען און זאָגנדיק צו יאַנקלען שטיל עטלעכע שפּאַנישע ווער־טער, וואָס האָבן יאַנקלען זייער שטאַרק צערודערט, איז זי צוריק אַרוים.

יאַנקל איז געבליבן שטיין ווי אַ גנב ווען מען כאַפּט אים פאַר דער האַנט בעת ער וויל אויספירן אַ גנבה, אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זיין זיידן העמד איז אויף אים צעריסן אין פאַסן און ווען דאָס גרעלע קלינגען האָט זיך נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, האָט ער

זיך ווילד אומגעקוקט און ענדלעך באַשלאָסן, אַז צו אַלעם ערשטן, מוז ער שיינדעלען מיט דער קליינער אַריינפּאַקן אין איר צימער.
ער איז איצט גרייט געווען, אַז אויב זיי וועלן נישט גיין מיט גוטן, וועט ער זיי דאָרט אַריינשפּאַרן טויטערהייט.
אָבער ער האָט נישט באַדאַרפט אָנווענדן קיין געוואַלט, ווייל ווי נאָר מאַמע און קינד האָבן זיך געפילט באַפרייט פון דער בעסטיע, האָט שיינדעלע אַ כאַפּ געטאָן איר קינד אויף די הענט און אַריינגעלאָפן מיט איר אין איר שטיבל, וועלכעס זי האָט שנעל פאַרשלאָסן הינטער זיך.
איילנדיק איז יאַנקל אַרויס אין פאָרצימער און נאָכדעם ווי ער האָט אַראָפּגעשריגן צו דער נעגערטע: — „און מאָמענטאָ!” — איז ער שנעל אַריין אין זיין שלאָף-צימער, וואו ער האָט איילנדיק איבערגעטון דאָס העמד, און כאַפּנדיק אויף זיך זיין זיידענעם געבלומטן כאַלאַט, האָט ער זיך געלאָזן אַראָפּגיין פון די טרעפּ, זען ווער עס איז דאָס דער אומגעבעטענער גאַסט.
צו זיין אומאַנגענעמער איבעראַשונג, האָט יאַנקל באַלד געזען, אַז נישט איינער, נאָר דריי אומגעבעטענע געסט האָבן זיך דאָס פּלוצלינג געיאַוועט.
די דריי „געסט” זיינען געווען אברהם פרידמאַן, אבא עסטערזאָן און הער גאָנאַפאַל. זיי זיינען אָנגעקומען אין ריכטיקער צייט.

קאַפּיטל 14

אויף וועלאַזקאַ אין די ניין-הונדערטער

שיינדעלע איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט זיך איר אומגליקלעך אומגעקומענער מאַן געמיט פאַר איר אין קבר, אַז זי זאָל אָפּגעראַטעוועט ווערן פון דער בעסטיע אין מענטשן-געשטאַלט און איצט האָט זי געהאָפט, אַז ער וועט זיך דאָרט אויך מיען, אַז רחלע זאָל קומען צו זיך נאָך איר איבערגעלעבטער שרעק.
שוין דריי טעג, זייט די גוטע מענטשן פון פּוילישן פאַרבאַנד, אימיגראַנטן-שוץ און פרויען-שוץ-פאַראיין האָבן זי איינגעאָרדנט אין דער שיינער שטוב אויף וועלאַזקאַ אין די ניין הונדערטער, זיי מיען זיך ווייטער פאַר איר, אַז עס זאָל איר מיטן קינד גאָרנישט פעלן און וואָלט רחלע נישט געהאַט קיין פיבער, וואָלט זי שוין געקאָנט טראַכטן וועגן אַרבעט, און זי וואָלט דריי מאָל אין טאָג גאָט געבעטן פאַר די גוטע מענטשן וואָס האָבן זי אַרויסגעראַטעוועט פון דעם גהינום אין באָקאַ...
פאַר אברהם פרידמאַן, דעם פאָרשטייער פון אימיגראַנטן-שוץ-

פאראיין, וועלכער האט געדינט די אינטערעסן פון דעם אידישן אי־מיגראנט מיט אידעאלער שלימות, איז דאס ארויסראטעווען אן עלנ־טע אימיגראנטקע פון די אונטערוועלטישע חיות־רעות, נישט געווען קיין נייעס און אוודאי נישט פאר דעם הער גאנאפאל, וועלכער וואלט אויפן געביט פון אידישן פרויען־שוץ אין ארגענטינע, גע־קאנט אנשרייבן א גרויסן און וויכטיקן בוך מיט טרויעריקע דאטן פון דער נישט לאנגער פארגאנגענהייט.

גאנאפאל האט געהאט איינפלום אין די נויטיקע פאליציי־אישע און רעגירונגס־ספערן און דאס הייפל אידישע אונטערוועלט־העלדן האבן פאר אים געציטערט און עס איז דעריבער נישט קיין וואונ־דער, וואס די דריי אייפריקע מענטשן האט זיך שנעל איינגעגעבן די גוטע שליחות, צו באפרייען שיינדעלען מיט איר קינד, פון יאנקל דעם „פרומענס" לאפעס.

פון ארויסדרייען זיך מיט תירוצים, האט דא נישט געקאנט זיין קיין רייד, ווייל הער גאנאפאל האט געזאגט מיטן שארפןווארט, אז עס זיינען דא עדות, אז די מוטער מיטן קינד זיינען דא געבליבן און יאנקל האט בלויז באוויזן צו פועלן, אז שיינדעלע זאל אויף זיך מיטן קינד צורעכט מאכן די קליידער און זיך ברענגען מער־ווייניק אין ארדענונג און גיין מיט די מענטשן.

דריי טעג האט שיינדעלע מיטן קינד זיך אויפגעהאלטן אין הויז פון הער פרידמאן. געהייסן האט עס, אז בלויז אויף איין טאג, ביז מען וועט געפינען א וואוינונג; פרידמאנס פרוי, די געפילפולע פע־רעלע, האט ווי א געטרייע מאמע אויפגענומען און באדינט די אומ־גליקלעכע איבערגעשראקענע און כמעט געבראכענע פרוי מיטן קינד, און כאטש אויפצומארגנס איז שוין פאר זיי גרייט געווען א דירה, האט אבער רחלע געברענט פון פיבער און די גוטע פערעלע פרידמאן האט נישט געלאזן רירן דאס קינד פון אויסגעבעטן געלע־גערל, ביז אויפן פירטן טאג, ווען רחלעס צושטאנד האט זיך געבע־סערט, האבןביידע, אברהם פרידמאן מיט דער פרוי, איבערגעלאזן דאס געשעפט מיטן טאזשער מיט דער שטוב אויף דעם איינציקן זון וואס האט שוין באלד געזאלט ווערן דאקטאר, — זאל ער שוין פאר־קויפן די היטלעך, און זיי האבן גענומען א קאטש און באגלייט די מאמע מיט דעם נאך לייכט פיבערנדיקן קינד אין זייער וואוינונג אויף ווילאזקא, וואו עס זיינען שוין געווען צוגעשיקט שיינדעלעס זאכן און א געקויפט אייזערן בעטל.

שוין דריי טעג ווי זיי וואוינען דא צווישן גוטע אידישע שכנים, מען ברענגט איר אין שטוב אריין ברויט און מילך פאר איר קינד און פרידמאן קומט געוואויר ווערן און פרויען פון א דאמען־קאמי־

טעט קומען, זי זעט אַז זי וועט שוין דאָ נישט פאַרפאַלן ווערן, זאָל נאָר רחלע זיין געזונט און אַלץ וועט שוין זיין גוט.

און רחלע?

רחלע ליגט מיט ברייט-צעעפנטע אויגן, די בעקלעך רויט-צע־פלאַמט, אירע ליפּלעך באַוועגן זיך ווי זי וואָלט עפּעס געזאָגט גאַנץ שטיל אָן אַ קול.

אָ, היינט איז איר שוין גוט; ביז היינט, האָט זי אַפילו מיט פאַר־מאַכטע אייגעלעך, כּסדר געזען דאָס שוידער-בילד ווי יאַנקל ראַנגלט זיך מיט איר מוטער און זי האָט כּסדר געפילט ווי זי קייקלט זיך פון יאַנקלס אַוועקשליידערן זי ביז צו דער צווייטער זייט שטוב.

היינט איז איר שוין גוט, רחלען. זי זעט שוין אַז זי איז אין אַן אַנדער שטוב, זי זעט שוין ווי מענטשן מיט גוטע שמייכלענדיקע פּנימער קומען אַריין און זי פאַרשטייט, אַז אַלע ווילן זי זאָל שוין זיין געזונט און זי סטאַרעט זיך צו זיין געזונט, זי וויל שמייכלען צו דער מאַמען, זי וויל שמייכלען צו די אַלע גוטע מענטשן, נאָר פּלוצ־לינג דערזעט זי ווידער דאָס שוידער-בילד און עס רייסט זיך ווידער אַרויס פון איר הערצל דער ענטזעצטער אויסרוף: — מאַמולאָ! און עס דויערט געגוג לאַנג, ביז שיינדעלע קאָן מיט קושן און האַלדזן און מוטערלעכע צערטלעכקייטן באַרואיקן איר קינדס געמיט און אָפּ־ווישן דעם אויסדרוק פון שרעק פון רחלעס שיינעם פּנימל.

אברהם פרידמאַן האָט געלאָזן רופן צום קינד דעם דאָקטאָר סאַס און ד״ר סאַס האָט נאָר נאָכגעפרעגט צי דאָס קינד שלאָפט גוט און אָנגעזאָגט, אַז דאָס וויכטיקסטע איז, דאָס קינד זאָל האָבן רואי־קייט און אַ גוטן שלאָף.

זיצט איצט שיינדעלע אויפן בעטל נעבן איר קינד, זי זינגט איר שטיל אַ לידל נאָך אַ לידל, וואָס איר מאַמעלע האָט אַלעמאָל אַזוי ליב געהאַט צו זינגען און רחלע האָט זיי זייט איר געבוירן, אַזוי ליב געהאַט צו הערן און רחלע ליגט מיט די ברייט צעעפנטע אויגן, זי הערט איר מאַמעס זינגען און עס איז איר אַזוי ליב צו הערן, ווי די טענער פון דער מאַמעס געזאַנג ציטערן מיט אַזויפיל געבעטס צו איר און זי באַמיט זיך צו קוקן אויפן סופיט, זי וויל זען די ווייסקייט פון באַלקן, כּדי נישט צו זען דאָס שוואַרצע שוידער-בילד פון דאָרט... און אָט גלאַנצט אויף אין רחלעס אויגן אַ טרער, עס הויבט איר אָן ווערן גוט, זי וויל אַ שמייכל טאָן און דער שמייכל רוקט אַרויס אַ טרער פון קינדס אָן אייגל און נאָך דער אַרויסגעגליטשטער טרער ווערט רחלען אַזוי גוט, אַזוי לייכט און זי פילט אַ שלעפעריקייט, אַ מידקייט אין אירע ביינדלעך און עס שליסן זיך איר די אייגעלעך און שיינדעלע זינגט איר שטיל און הארציק צו:

פליען טויבן פאַר מיין פענצטער,
ווייסע טויבן צוויי...

און אַזוי איז רחלע ערשט אויפן דריטן טאָג נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אַריינגעקליבן אויף וועלאַזקאָ אין די ניין הונדערטער, צום ערשטן מאָל נאָך דער שווידערלעכער איבערלעבעניש אין יאַנקלס שטוב — איינגעשלאָפן מיט אַ געזונטן און צאַרט־רואיקן קינדישן שלאָף.

קאַפּיטל 15

דעם טאַטנס אָנדענק

זעקס יאָר זיינען אַריבער.

זעקס שווערע ביטערע יאָר, פאַר אַן עלנטער פרוי וואָס דאַרף אין אַ פרעמדער ווייטער מדינה אָן אַ שפּראַך און אָן אַ פאַך זאָרגן אויף צו קענען אויסהאַלטן איר איינציק קינד, די טייערסטע מתנה וואָס איר געליבטער מאַן האָט איר איבערגעלאָזן נאָך זיין טראַגישן אומקום.

אויף וועלאַזקאָ, כמעט אין סאַמע האַרץ פון דער אידישער געגנט אין וויזשאַ קרעספאַ, האָבן פּונקט ווי אין די אַלטע היימען, נישט געפעלט קיין „פאַרזאָרגערנס" וואָס האָבן נישט געקאָנט צו־זען ווי אַ יונגע און שיינע אַלמנה מוטשעט זיך אַזוי און זיי האָבן זי דווקא געוואָלט פאַרזאָרגן מיט אַ „לייטישן שידוך"; עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין מענער, וואָס האָבן „געוואָרפן אַן אויג" אויף דער אָרימער אַלמנה נעבעך און זיי האָבן געזוכט די וועגן ווי אַזוי צו קענען ווערן איר „טרייסטער", אָבער שיינדעלע האָט נישט גע־זוכט קיין טרייסטער, איר איינציקע און גליקלעכסטע טרייסט איז געווען איר רחלע און אומענדלעכע דאַנקבאַרקייט האָט זי געפילט צו די אַלע, וואָס האָבן איר געהאָלפן מיט אַ ניי־מאַשין און אַרבעט, כדי זי זאָל קענען אין איר אייגענער שטוב פאַרדינען איר שטיקל ברויט און אָפּהיטן איר אוצר, איר רחלע, פאַר וועלכער זי וואָלט יעדע מינוט, אָן קווינקלעניש, גרייט געווען מקריב צו זיין איר לעבן.

זעקס שווערע און ביטערע יאָר זיינען עס געווען און נישט איינ־מאָל האָט רחלע געמוזט דורך דער צייט איבערייסן איר גיין אין שולע, ווייל עס האָט זיך אין איר אויפגעוועקט די אַמאָל איבערגע־לעבטע שרעק און זי האָט אָנגעהויבן פיבערן און שיינדעלע האָט דאַן אַוועקגעלייגט די אַרבעט און געוואַכט איבער איר קינד.

עס זיינען אויך געווען לאנגע חדשים פון ארבעטסלאזיקייט, ווען שיינדעלע האט געמוזט באשרענקען די הוצאות אין שטוב, אבער אפילו אין די שווערסטע מאמענטן, האט זי צוריקגעוויזן יעדע אנצוהערעניש וועגן פארבינדן זיך מיט א מאן. זי האט אויפגעצי־טערט ביים געדאנק, אז רחלע זאל דארפן האבן א שטיפטאטן און עס האט אויסגעזען, ווי די גאנצע ליבע וואס זי האט אמאל געפילט צו איר מאטעלען, איז איבערגעגאנגען צו זיין קינד און זי האט זיך געפילט גליקלעך, וואס זי קאן ווידמען איר גאנץ לעבן, איר מי און ארבעט, פאר רחלען.

און איר מי, האט שיינדעלען באלוינט מיט אזויפיל גליק, מיט אזויפיל פרייד, וואס מיליאנען פון דעם בעסטן מאן וואלטן איר נישט געקאנט פארשאפן.

רחלע איז געוואקסן און זיך אנטוויקלט ווי א שיינע בלום און זי האט אין שולע אזוי גוט געלערנט, אז די לערערינס האבן פון איר אנגעקוואלן און גאנץ אפט האט דאס קינד אהיימגעבראכט שריפטלעכע באגריסונגען פון דער שול־דירעקטארין און וואס האט זיך דען שיינדעלע געקאנט ווינטשן בעסערס?

און וואס פאר א גוט קינד רחלע איז געווען!

שיינדעלע האט געארבעט דורכשניטלעך צען שעה א טאג. אבער דאס האט זי געארבעט ביי זיך אינדערהיים, און זי האט גע־קאנט ארבעטן ווען זי האט געוואלט, פריער אדער שפעטער, און ווען עס איז נויטיק געווען, האט זי צוערשט איינגעשלעפערט רחלען מיט די לידלעך וואס איר מאן האט מיט איר אמאל געזונגען און דערנאך, ווען רחלע איז שוין געשמאק געשלאפן, האט זי זיך ערשט אויפסניי גענומען אויסענדיקן איר ארבעט מיט דער האנט, ביז שפעט אין דער נאכט אריין.

ווען רחלע איז אלט געווארן צוועלף יאר, האט זי זיך אנגע־הויבן רייפן נישט בלויז פיזיש, נאר אויך גייסטיק. זי האט שוין אנ־געהויבן ווערן נישט בלויז שיינדעלעס קליינע טעכטערל, נאר אויך איר חברטע, איר הארציקסטע פריינדין און רחלע האט זיך שוין געאיילט מיט מאכן אירע לעקציעס, כדי זי זאל פארנאכטצו, אנהויבן אויסהעלפן איר מאמען אין דער ארבעט, ווי ארויסציען פאסטריגעס און אנייען קנעפלעך.

און שיין איז געווען צו זען און צו הערן ווי מאמע און טעכ־טערל זיינען געזעסן ביי דער ארבעט, די מאמע ביי דער מאשין און רחלע אויף דעם נידעריקן בענקעלע און זיי האבן צוזאמען געזונגען די אידישע לידער, וואס רחלעס טאטע האט מיט זיי אמאל געווינען דאס הארץ פון איר מאמע.

רחלע האָט די לידער געזונגען מיט אַזויפיל הארץ און געפיל, און די טענער אירע האָבן וויברירט מיט אַזויפיל בענקשאַפט, אַז עס האָט זיך געפילט, ווי זי וואָלט מיט די טענער געוואָלט אַרויסכישופן דאָס בילד פון איר טראַגיש פאַרשטאָרבענעם פאָטער, וועלכן זי האָט אַפילו נישט געקענט...

דאָס לעצטע יאָר, איז רחלע שוין געווען אינגאַנצן געזונט, עס האָט אויסגעזען, ווי די צייט האָט ענדלעך פאַרווישט די שפורן פון יענער איבערגעלעבטער שרעק און דער מאַמעס הארץ האָט זיך צע־וואַקסן פון פרייד, ווען זי האָט געהערט זאָגן, אַז איר קינד שמט איבער גאַנץ ווישאַ קרעספּאַ און אַז נישט איין רייכע מאַמע איז זי מקנא מיט איר גליק.

ווען רחלע האָט פאַרענדיקט דעם זעקסטן גראַד און אַהיימגע־בראַכט די בעסטע קלאַסיפיקאַציעס, האָט זיך שיינדעלע צעוויינט פון נחת און קושנדיק רחלען, האָט זי צוגעפירט צום בילד פון איר טאַטן וואָס איז געהאַנגען איבערן בעט און ווייזנדיק אויף אים, האָט זי ציטערדיק אויסגערופן:

— זעסט, קינד מיינס, ליכטיקע טאַכטער מיינע, דאָס האָסטו א י ם, דיין גוטן טאַטן צו פאַרדאַנקען. דאָס האָט ע ר מיר גע־געבן כוחות, זיין אַנדענקען איז עס געווען, וואָס האָט מיך גע־שטאַרקט, אַז איך זאָל קענען איבערלעבן אַלע ליידן און פיין, ביז איך וועל פון זיין קינד קענען אַזויפיל נחת דערלעבן...

און האַלטנדיק אַזוי די מאַמען אַרומגענומען, האָט רחלע מיט־געוויינט און אַזוי זיינען מאַמע און קינד געשטאַנען אַ לענגערע ווילע פאַרן בילד פון זייער מאַן און פאָטער, וועמענס גייסט עס איז גע־בליבן לעבן א י ן זיי...

קאַפּיטל 16

אין אַקאַדעמיע פיטמאַן

רחלע איז שוין אַלט געוואָרן דרייצן יאָר.

איר שיינקייט און איר חכמה, האָבן ווי קאָנקורירט צווישן זיך און כאָטש רחלע האָט דווקא געוואָלט העלפן דער מאַמען אין איר אַרבעט, האָט אָבער שיינדעלע בשום אופן נישט געוואָלט אַנדערש, נאָר זי זאָל ווייטער לערנען.

אַלע נישט געשטילטע ליידנשאַפטן האָבן זיך אין שיינדעלעס הארץ קאָנצענטרירט אין איין גרויסער ליידנשאַפט, צו זען איר קינד אַלס זעלבסטשטענדיקן געבילדעטן מענטש, פונקט ווי רחלע וואָלט

עס געקאָנט זיין, ווען איר פאָטער וואָלט געלעבט און זיי וואָלטן געוווּנט רייך ווי אַלע קאָנינגער סוחרים און פאַבריקאַנטן.

שיינדעלע האָט זיך נאָכגעפרעגט און זי האָט זיך דערוואוסט, אַז נאָך דעם זעקסטן גראַד איז דאָס בעסטע ווייטער צו לערנען אין „ליסעאַ" און כאָטש זי האָט געהערט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ סך הוצאות, האָט זי זיך נישט געלאָזן אָפּשרעקן, זי האָט אויף זיך גענומען נאָך שווערער צו אַרבעטן ביז זי וועט דורכזעצן איר ברע־נענדיקן פאַרלאַנג.

שנעל זיינען אַריבער די וואַקאַציע־חדשים און שיינדעלע האָט נישט גערוט, זי האָט געמוזט לאָזן איבערזעצן רחלעס מעטריקע ביי אַ נאַציאָנאַלן איבערזעצער און זי האָט זיך אָנגעליטן גענוג, אָבער זי האָט דאָס איריקע דורכגעפירט.

רחלע איז אַריין אין „ליסעאַ".

און רחלע?

האָט רחלע טאַקע פאַרגעסן אירע אַמאָליקע איבערגעלעבטע שרעקן? האָט די צייט טאַקע פאַרווישט די טרויעריקע געדעכעניש פון דעם יונגן מוחל?

אַ, ניין!

איר גייסטיקע אַנטוויקלונג האָט איר בלויז געגעבן כוח, אַז זי זאָל דאָס שרעקנס־בילד פאַרטרייבן, אָבער אינגאַנצן אַרויסרייסן עס פון איר זכרון, האָט זי נישט געקאָנט.

ווען זי האָט — גייענדיק אין שולע אָדער צוריק, באַגעגנט אין גאַס אַ מענטש וואָס האָט נאָר געהאַט אַ ווייטע ענלעכקייט צו יע־נעם דאָרט, האָט זי אינסטינקטיוו אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און איר האַרץ האָט אָנגעהויבן פּאָכן.

אָבער איר באַוואוסטזיין האָט איר געהאָלפן, זי זאָל זיך שנעל באַרואיקן און ווייטער אָנגיין מיט איר פלייסיקן לערנען.

וואָס רחלען האָט שטאַרקער גענומען באַאומרואיקן, איז געווען איר מוטערס שווערע האַרעוואַניע.

די הוצאות זיינען געוואַקסן, רחלע האָט באַדאַרפן האָבן כסדר נייע ביכער און פאַרן ליסעאַ דאַרף שוין אַ מיידל האָבן אַן אַנדער קליידל, אַ שיינעם שוך און שיינדעלע האָט זיך ממש פאַרוואַנדלט אין אַ מאַשין. און כאָטש זי האָט די אַרבעט געטאָן מיט דער פולער פרייד פון אַ מאַמע וואָס איז גרייט אַוועקצוגעבן איר לעבן פאַר איר קינד, האָט אָבער רחלע גוט אָנגעהויבן מערקן די סימנים, וואָס די שווערע אַרבעט צייכנט אויס אויף איר מוטערס פּנים און נישט איינ־מאָל האָט שיינדעלעס אַן אינסטינקטיווער קרעכץ פון מידקייט אינ־

מיטנדערנאַכט אויפגעוועקט רחלען פון שלאָף און דאָס האָט געוויי־טיקט רחלעס האַרץ.

נישט איינמאָל האָט רחלע אַ טראַכט געטאָן, אַז זי וואָלט באַ־דאַרפט שטיין לאָזן דעם ליסעאַ און בעסער זיצן מיט דער מאַמען אינדערהיים און אַרבעטן מיט איר צוזאַמען, אָבער זי האָט ליב באַ־קומען דאָס לערנען און די אַמביציעס וואָס די גוטע קלאַסיפיקאַציעס האָבן אין איר געוועקט, האָבן זי אָפּגעהאַלטן פון דעם עקסטרעמען שריט. נאָר ווען זי האָט זיך באַקענט מיט אַנדערע שילערינס פון איר גראַד און זי האָט זיך דערוואוסט, אַז עס זיינען דאָרט פאַראַן נאָך אַנדערע שילערינס פון נישט רייכן שטאַנד און זיי לערנען מאַשין־שרייבן, כדי זיי זאָלן קענען אַליין פאַרדינען כאָטש אויף זייער קליי־דונג און גלייכצייטיק ווייטער שטודירן, האָט רחלע באַשלאָסן, אַז אויך זי מוז טאָן דאָס זעלבע, זי וועט זיך אויסלערנען שרייבן אויף מאַשין און זי וועט אויך קענען פאַרדינען און דערמיט פאַרלייכטערן איר מוטערס אַרבעט.

מיט פרייד אין האַרצן און מיט נייע אָנשטרענגונגען פון די שוין מידע מוסקולן, האָט אויף זיך שיינדעלע גענומען נאָך אַ הוצאה. צו צאָלן אין דער אַקאַדעמיע און רחלע איז דריי מאָל אין וואָך, אין די אָוונט־שעהן, געגאַנגען לערנען מאַשין־שרייבן אין דער אַקאַדעמיע פּיטמאַן.

קאַפּיטל 17

אויף טריאונווירטאַ און מאַלאַביאַ

היינט, ווען די געשיכטע ווערט געשריבן, הייסט שוין די עסקינע קאַריענטעס און מאַלאַביאַ.

אויף דער עסקינע, האַרט נעבן אַראָפּגיין אין סובטע לאַקראָסע וואָס פאַרט אין צענטער, געפינט זיך דאָס הויז פון דער אַקאַדעמיע פּיטמאַן און עס ווימלט דאָרט מיט יוגנטלעכע פון ביידע געשלעכ־טער, וואָס שטודירן אין דער אַקאַדעמיע. יעדע ווײַלע, זעט מען פון דאָרט אַרויסגיין און אַריינגיין יונגערע און עלטערע יוגנטלעכע מיט פּנימער וואָס שיינען מיט האָפענונג און גלויבן אין זיך, די אַלע יונגע אינגלעך און מיידלעך האָפן, אַז אַבי זיי וועלן נאָר אויסלערנען און באַקומען אַ דיפּלאָם, וואַרטן שוין אויף זיי אָנגעגרייטע פּאָסטנס און זיי זעען שוין פאַר זיך אַן אויסגעחלומטע שיינע צוקונפט.

נאָר אויב אַנדערע שילער און שילערינס פון דער אַקאַדעמיע פּיטמאַן חלומען וועגן גרויסע גליקן וואָס וואַרטן אויף זיי ביז נאָך

זייער אויסשטודירן, האָט רחלע זיך נאָר געווינטשן איין זאַך, דאָס איז, אַז זי זאָל קענען פאַרדינען כאָטש אויף אַזויפיל, אַז די מאַמע זאָל נישט דאַרפן אַזוי שווער האָרעווען.

דער געדאַנק צו קענען צוהעלפן דער מאַמען האָט רחלען אַזוי געשטאַרקט, אַז זי האָט מיט שטאָלץ איגנאָרירט די פאַרשידענע באַמערקונגען און שטעכווערטלעך פון עלטערע שילערינס און די וואולגאַרע אינסינואַציעס פון די עלטערע שילער.

געוויינלעך האָט זי די שטעכווערטלעך און וואולגאַרע אינסינואַציעס נאָר געהערט אין גאַס, נאָך די לעקציעס, שוין אַהיימגייענדיק. רחלע האָט שוין גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווילן זיך די מיידלעך נוקם זיין אָן איר שיינקייט און זי האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז די אַלע, נישט נאָר די שילער פון אַקאַדעמיע, נאָר די אַלע יונגעלייטלעך, פוסט און פאַסניקעס וואָס דרייען זיך דאָרט אַרום אויף דער עסקינע און מאַכן ענג די דורכגענג, אַז די אַלע פּרואוון זיך בלויז זי פאַרטשעפּען און אַז אַבי זי וועט זיי איגנאָרירן, וועלן זיי זיך באַציען מיט דעם געהעריקן רעספּעקט צו איר.

עס זיינען אָבער אויך געווען אַזעלכע נאַכאַלנע פּראַנטן, וואָס האָבן זיך נישט געפּוילט, נאָר נאָכגעגאַנגען איר און כסדר אַריינגערעדט אין איר ווערטער, וואָס האָבן איבערגעצויגן איר שיין, צאַרט ליכטיק פּנים מיט אַ רויטער פאַרב פון חרפּה און ווען זי האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף אַזאַ טיפּ, איז פאַר איר אויפגעשוואומען דאָס שוידערלעכע בילד פון אַמאָל, און זי האָט אין יעדן פּנים פון די מענער וואָס האָבן זי פאַרטשעפּעט, געזען שטריכן פון ענלעכקייט צו יענעם מגושם, צו יאַנקל דעם פּרומען און אין איר האַרצן האָט ווידעראַמאָל אויפגעציטערט איר אַמאָליקע איבערגעלעבטע שרעק.

און ווי אויף להכעיס, איז רחלע פון טאָג צו טאָג שענער געוואָרן. זי האָט זיך צעבליט ווי אַ שיינע בלום און ווען זי איז געגאַנגען אין גאַס, איז פאַר די פאַרבייגייער נישט מעגלעך געווען צו באַהאַלטן די אויפמערקזאַמקייט וואָס מען האָט איר געמוזט שענקען.

ביי אירע קנאַפּע פערצן יאָר, איז שוין רחלע געווען אַ פולשטענדיק אַנטוויקלטע פריילין, כאָטש אויף איר ליכטיק קיילעכיק פּנימל און אין אירע טיף שוואַרצע אויגן, האָט מען נאָך געזען די בולטע סימנים פון קינדישער נאַאיוויטעט.

געווען אויך אַזעלכע מיידלעך, שילערינס אין אַקאַדעמיע, וואָס האָבן שוין געהאַט זייערע אינגלעך וואָס האָבן זיי אונטן אויף דער עסקינע אָפּגעוואַרט און אַט־אָ די מיידלעך האָבן פון רחלען געחוזקט און גערופן זי „מאַנכאַ” (מאַנאַשקע), און וואָס מער רחלע האָט זיך

געהאַלטן קאָרעקט און מיט נאַאיוון און דאָך איינגעבוירענעם שטאָלץ צוריקגעוויזן די אַלע אינסינואַציעס און נישט געלאָזן אויף זיך פאַלן קיין שטויבעלע, אַלץ מער האָט עס אַרויסגערופן די קנאה ביי די עלטערע מיידלעך און מער גיריקייט ביי די לויערנדע פוסטע־פּאַסניקעס, די פראַנטלעך וואָס דרייען זיך און מאַכן מיט זיך פול די דערמאָנטע עסקינע, וואו אויף איין זייט געפינט זיך דער קינאָ „ריוואָלי״ און קעגנאיבער — די אַקאַדעמיע פיטמאַן.

קאַפּיטל 17

די ערשטע פאַסטקע

רחלע האָט שוין אָנגעהויבן גוט איינזען, אַז פאַר אַן אָרים מיידל איז דאָס לעבן אויף דער וועלט נישט קיין בלומען־גאָרטן און אַז נאָך ערגער איז, ווען דאָס מיידל איז שיין און וואו זי גייט און וואו זי שטייט, שטעכט מען זי מיט גיריקע בליקן.

זי האָט אָבער נאָך גאָרנישט געוואוסט וועגן די ביטערקייטן פון די פילע ליידיקגייערישע פראַנטן, וועגן די שלעכטיקייטן פון מאַנכע פאַרדאָרבענע כאַראַקטערן, וואָס האַלטן נאָר אין איין אַריינטראַכטן, ווי אַזוי און דורך וואָס פאַר אַ מיטל זיי קענען מאַכן, אַז דאָס פייגעלע זאָל אַליין אַריינפליען אין זייער אויסגעשטעלטן שטייגל.

די יונגע, שיינע, אָבער אַזוי נאַאיווע רחלע, האָט אַפילו נישט געקענט חלומען, אַז צוויי יונגע פראַנטן אָבסערווירן זי שוין זייט עטלעכע וואָכן און זעענדיק, אַז זי הערט זיך נישט צו און שענקט נישט קיין אויפמערקזאַמקייט צו די אַלע פאַרטשעפּענישן, האָבן זיי צוגעטראַכט אַ וואוילינגערישן טריק, ווי אַזוי צו דעראָבערן איר צוטרוי.

ווי אַלעמאָל, איז זי היינט אַרוים פון דער אַקאַדעמיע פיטמאַן אַרום ניין אַזייגער אָוונט, זי האָט זיך געלאָזן גיין לענגאויס איבער קאָריענטעס ביז סעראַנאָ און זי האָט אַפילו נישט געחלומט, אַז עמיץ אָבסערווירט זי פון קעגנאיבער, נעבן קינאָ „ריוואָלי״ און אַז ווי נאָר זי האָט זיך געלאָזן גיין לענגאויס קאָריענטעס, איז דער עמי־צער קעגנאיבער איר נאָכגעגאַנגען און הינטער איר, אויף אַ דיס־טאַנס פון עטלעכע מעטער, האָט אַ צווייטער פראַנט איר נאָכגע־לויערט.

ווייזט אויס, אַז די צוויי פראַנטן האָבן שוין געהאַט אויסגע־שפּירט און זיי האָבן געוואוסט דורך וועלכן וועג רחלע גייט אַהיים,

ווייל ווען עס איז געקומען פאַר סעראַנאַ, איז דער פּראַנט פון קעגנ־איבער געלאָפן פאַראויס און זיך אַריינגעקערעוועט אויף סעראַנאַ, גייענדיק צו וועלאַזקאַ און אָפגייענדיק אַ גרעסערע העלפט פון דער קוואַדרע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ מויער, וואָס איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש.

רחלע האָט געאײַלט אַהיים.

בעת זי האָט נאָכמיטיק געמאַכט די לעקציע, האָט זי געהערט איר מאַמעס קרעכצן ביי דער אַרבעט און וויפל מאָל זי האָט געוואָלט פאַרמאַכן דאָס ביכל און בעסער העלפן דער מאַמען, האָט די אָרימע שיינדעלע זי נישט געלאָזן.

— דו טו בעסער דיין אַרבעט, רחלע... לערן גוט און ווער אַ מענטש, ווייל איך וויל פון דיר דערלעבן אַ סך נחת...

איז רחלע היינט אַוועק אין דער אַקאַדעמיע מיט אַ שווער האַרץ, זי האָט זייער געשראָקן פאַר דער מאַמעס געזונט און זי האָט איצט געאײַלט מיט שנעלע טריט, כדי וואָס פריער צו זיין אינדערהיים.

אָבער צוקומענדיק צו דעם שטיקל פינצטערן פּלאַץ, איז עמיץ פון דאָרט פלוצלינג אַ שפּרונג צו געגעבן און איידער רחלע האָט נאָך באַוויזן צו זען ווער דאָס איז אַזוינס, האָט זי זיך שוין געפילט אַרומגעקלאַמערט פון פעסטע אָרעמס וואָס האָבן זי אַרומגערייפט ווי מיט אייזערנע רייפן.

קאַלטע אַנגסטן ווי פון טויט־שרעק האָבן אַרויסגעשלאָגן אויף רחלעס שטערן. זי האָט געוואָלט אויסשרייען נאָך הילף, אָבער דער איבערפאַל איז געשען אַזוי פלוצלינג, אַז עס האָט איר אָפגענומען דאָס לשון און עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אין דעם אומבאַקאַנטנס שטאַרקע אָרעמס, פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק.

אָבער ווי נאָר רחלע האָט דערפילט ווי דעם פרעמדנס ליפן זויגן זיך איין אין איר פּנים מיט אַ קוש, האָט זי צוריק געווינען איר באַוואוסטזיין און מיט אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון אים און שוין האָט זי געוואָלט אויסשרייען נאָך הילף, ווען דער אומבאַקאַנטער האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן צו איר און אַרומגעכאַפּט איר קאָפּ און מיט דער האַנט איר פאַרשטעלט דאָס מויל, אַז זי זאָל נישט קענען אויסשרייען.

זי האָט זיך געוואָרפן אין דעם פרעמדנס אָרעמס אַזוי ווי אַ פישל אויף דער ווענדקע פון פישער און כאָטש די גאַנצע געשעעניש האָט קוים געדויערט איין מינוט, פונדעסטוועגן האָט רחלע געפילט אַז עס פעלט איר שוין אויס אָטעם און אָט־אָט ווערט זי דערשטיקט און זי האָט זיך נאָך געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות ווען עס האָבן זיך

פּלוצלינג דערנענטערט איילנדיקע טריט און זי האָט ווי אין חלום געהערט עמיצן אויסשרייען עפּעס צו איר אָנגרייפער און באַלד האָט זי געפילט ווי עמיץ באַפרייט זי פון די פעסטע לאַפּעס, און זי האָט געזען ווי אַ פיין געקליידעטער יונגערמאַן דערלאַנגט איר אָנגרייפער עטלעכע געזונטע קולאַקעס, יענער אַנטלויפט און איר רעטער נעמט זי צערטלעך אַרום און באַמיט זיך זי צו באַרואיקן און פירט זי לענגאויס סעראַנאַ, ביז וועלאַזקאַ.

רחל איז געווען אַזוי צעמישט, אַז זי האָט אַפילו נישט געפילט ווי איר באַפרייער האַלט זי אַרומגענומען, זי האָט נאָר געוואוסט איין זאַך, דאָס איז, אַז אָט דער מענטש האָט זי נאָר־וואָס געראַטע־וועט פון פאַרברעכערישע הענט און זי האָט כסדר געמורמלט צו אים אָפּגעהאַקטע ווערטער פון דאַנקבאַרקייט.

ביז זיי זיינען געקומען צו רחלעס שטוב אויף וועלאַזקאַ, האָט שוין רחלע געהאַט צוריקגעווינען איר גלייכגעוויכט, זי האָט זיך גע־זעגנט מיט דעם יונגנמאַן וואָס האָט איר אַרויסגעוויזן אַזאַ מענטש־לעכע טאַט, זי האָט געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט אין זיינע אויגן און פון טיפער האַרציקער דאַנקבאַרקייט, האָט זי אין זיינע אויגן נישט באַמערקט די ווילדע פייערלעך וואָס האָבן געשפּילט אין זיי און די יונגע נאַאיווע רחלע האָט אַפילו נישט געקענט חלומען אַזאַ שווינדער־לעכן חלום, אַז דער זעלבער יונגערמאַן וואָס האָט זי נאָר־וואָס גע־ראַטעוועט פון באַנדיטישע הענט, וועט באַלד זיצן אין אַ קאַפע אויף קאָריענטעס, צוזאַמען מיט דעם, וואָס האָט זי אַזוי ברוטאַל אָנגע־גריפן . . .

קאַפּיטל 18

רחלע הויבט אָן דערקענען דאָס לעבן

אַ זייער שלעכטע נאַכט האָט רחלע געהאַט נאָך דער דערמאָנ־טער געשעעניש.

אַהיימקומענדיק, איז די מוטער שוין געלעגן אין בעט, וואָס דאָס איז נישט געווען איר געוואוינהייט, און דאָס האָט רחלען אויף אַזויפיל באַאומרואיקט, אַז זי האָט שוין שיער נישט פאַרגעסן אָן איר אַקאָרשטיקער איבערלעבונג.

די מוטער האָט געלאָזן אויפן טיש גרייט אָנגעשמירטע ברויט מיט פּוטער און דער פּרימוס מיטן אַלקאָהאָל איז געשטאַנען אויפן שענקעלע נעבן טיר, צוגעגרייט, אַז רחלע זאָל זיך קענען שנעל אָנ־וואַרעמען דאָס צוגעגרייטע טעפּל קאַווע מיט מילך, אָבער רחלע איז

דאָס ערשטע צוגעלאָפן צום בעט און זעענדיק אַז די מאַמע שלאָפט נישט, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער מאַמען און איינגראָבנדיק איר קאָפּ אין דער מאַמעס ברוסט, האָט זי אָנגעהויבן כליפּען.

שיינדעלע האָט געגלעט איר טאָכטערס האָר. עס איז איר איבערגעגאַנגען דאָס האַרץ פון איר טאָכטערס געטריישאַפט, און טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן קאַטשען אויך פון אירע אויגן.

נאָך אַ ווײַלע, האָט שיינדעלע צערטלעך אָפּגעשטופּט רחלען פון זיך, באַרואיקט זי, אַז איר איז גאָרנישט, זי האָט זיך בלויז געפּילט אַביסל מידלעך, האָט זי זיך פריער צוגעלייגט, און זי האָט געהייסן רחלען קודם גיין עסן.

רחלע האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו דערציילן איצט דער מאַמען וואָס זי האָט נאָר-וואָס איבערגעלעבט, האָט זי זיך געשטאַרקט, געמאַכט דעם פרימוס, אָבער עסן האָט זי נישט געקאָנט. דער מוטער צוליב, האָט זי אַראָפּגעשלונגען עטלעכע ביסן, וואָס זיינען איר ווי געבליבן שטעקן אין האַלדז, זי האָט געטרונקען די קאַווע און כדי נישט צו ציען דער מוטערס אויפמערקזאַמקייט אויף איר אומרואיקייט, האָט זי זיך גענומען אַרײַנקוקן אין אירע ביכער.

זי האָט אָבער נישט געוואוסט וואָס זי לייענט. די אותיות האָבן געטאַנצט פאַר אירע אויגן אין אַ ווילדן קאַראַהאָד און שוואַרצן געווירבל און פון דעם שוואַרצן געווירבל האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסהויבן די געשטאַלט פון דעם טיפ וואָס איז זי אַזוי פלוצלינג איבערגעפאַלן; זי האָט די געשטאַלט נישט געזען אַזוי גוט, עס איז דאָך געווען פינצטער און דער באַנדיט איז באַלד אַנטלאָפן, אָבער, זי זעט אים איצט אין דעם שוואַרצן געווירבל נאָכאַמאָל און זי דערקענט אים און זי פילט ווי ער האַלט זי אַרומגעריפּט און ווי ער פאַרשטעלט איר דאָס מויל און זי קאָן נישט אָטעמען און זי באַמיט זיך צו רופן דעם פיינגעקליידעטן יונגערמאַן, ער זאָל זי ווידער קומען ראַטעווען פון דעם פאַרברעכערס הענט און פלוצלינג הערט זי, ווי די מאַמע רופט צו איר צו: — רחלע, קינד מיינס, וואָס אָטעמסטו דאָרט עפּעס אַזוי שווער?... און זי קומט צו זיך און אַ שטראָם טרערן רייסט זיך אַרויס פון אירע שיינע שוואַרצע אויגן און זי פאַלט צו צו דער מאַמעס בעט: — מאַמולאַ! מאַמולאַ!... און שיינדעלע דערשרעקט זיך, זי פאַרגעסט אָן איר מידקייט, זי פילט מער נישט דאָס שטעכעניש און ברעכעניש אין אירע אברים, זי זעצט זיך אויף, כאַפּט אויף זיך דעם וואַרימען שלאָפראָק און שפרינגט אַראָפּ פון בעט און באַמיט זיך צו באַרואיקן רחלען, אַז איר איז גאָרנישט, זי זאָל זיך נישט שרעקן און זי העלפט רחלען אויסטאָן די קליידער און רחלע פילט זיך ווידער ווי אַ קליין קינד און זי לאָזט מיט זיך טאָן וואָס די מוטער

וויל און אַט ליגט זי שוין אין בעט, שיינדעלע דעקט זי איין און גיט איר אַ קוש, זי פילט, אַז בעת די מאַמע קושט זי, פאַלט דער מאַמעס אַ הייסע טרער אויף איר פּנים און זי באַדויערט איר שוואַכקייט וואָס שרעקט די מאַמען אַזוי איבער און זי טוליעט זיך איין אויף איר געלעגער און באַמיט זיך די מאַמען צו באַרואיקן, אַז זי זאָל צוריקגיין אין בעט אַריין.

שיינדעלע האָט זיך נאָך אַ ווײַלע צוגעקוקט און צוגעהערט צו איר רחלעס אָטעם און באַוועגונגען, ענדלעך האָט זי פאַרלאָשן די ליכט און צוריקגעגאַנגען אין בעט אַריין.

רחלע איז אָבער נאָך נישט געשלאָפן. אין דעם פינצטערן חלל פון שטוב, האָט זי ווידער דערזען דאָס פּנים פון דעם איבערפאַלער, און באַלד האָבן זיך זײַנע גליענדיקע ווילדע בליקן אויסגעברייטערט איבער דער שטוביקער פינצטערניש און עפּעס האָט דאָס ווילדע פּנים וואָס איז זיך כסדר פונאַנדערגעוואַקסן, אָנגענומען אַנדערע פאָרמען און אַט האָט זי גאָר אין דעם ווילדן פּנים דערקענט דעם אַמאַליקן יאַנקל דעם פרומען און זי האָט זיך אינגאַנצן אָנגעהויבן טרייסלען פון איר אַמאָליקע שרעק.

רחלע האָט שוין געוואָלט אויסשרייען, וועקן די מאַמען, אַז זי זאָל ליכטיק מאַכן אין שטוב, אָבער דאָ האָט זי זיך דערמאָנט אָן דער מאַמעס מידקייט און זי האָט זיך באַמיט אַליין צו באַהערשן און כדי דאָס זאָל איר געלינגען, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם פײַנגעקליידעטן יונגעןמאַן, וואָס האָט זי אַרויסגעראַטעוועט פון דעם באַנדיטס הענט...

און עס איז רחלען געוואָרן גוט אַזוי, טראַכטנדיק וועגן דעם „קאַבאַזשערא״ וואָס האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט פאַר איר און זי דערנאָך אָפּגעפירט ביז אַהיים.

ערשט איצט, האָט זי אויפסניי איבערגעלעבט דעם גליקלעכן געפיל, ווען זי האָט זיך פלוצלינג דערפילט אַ באַשיצטע אין איר רעטערס אָרעמס, און עס האָט זי גענומען קוועלן דער געדאַנק, אַז זי האָט אים אפשר צו ווייניק געדאַנקט פאַר זיין איינשטעלן זיך פאַר איר.

לאַנג האָט זי אַזוי געטראַכט וועגן אים, זי האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַרן אַוועקגיין פון איר, שוין ביים טויער, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט פאַר איר, אַ ל פ ר ע ד אָ... יאָ, אַלפרעדאָ, אָבער דעם צווייטן נאָמען געדענקט זי נישט... אַלפרעדאָ, עס איז גענוג פאַר איר, אַז זי וועט דעם ערשטן נאָמען... אַלפרעדאָ... זי קאָן וועגן אים טראַכטן און זי זעט אים פאַר זיך און זי פילט זיך באַשיצט פון אים קעגן אַלדאָס בייז...

אבער וואס איז דאס? זי זעט אים, זי זעט אלפרעדאן ווי ער שטייט נעבן איר ביים טויער, ער האלט איר האנט אין זיינער, ער דריקט איר ווארים איר האנט, ער געזעגנט זיך מיט איר, ער שטעלט זיך פאר און זי קוקט אים אין די אויגן מיט דאנקבארקייט, אבער זי באמערקט נישט די ווילדע פייערלעך וואס שפּיזלען אין זיי, ניין, פריער האט זי זיי נישט באמערקט, נאר איצט, איצט, ווען זי ליגט אזוי און טראכט וועגן אים און זי זעט און זי קוקט אים ווידער אין די אויגן, איצט זעט זי די שפּיזיקע פייערלעך און די פייערלעך צעשפּרייטן זיך און די אויגן ווערן ווילד און אט זעט זי אלפרעדאס פראנטישע פּנים מיט דער גלאט פארקעמטער און מיט גאמינא פארקלעבטער גלאנציקער פריזור, נאר די אויגן זיינען גארנישט זיינע, דאס זיינען דאך די זעלבע אויגן ווי ביים באנדיט וואס איז זי איבערגעפאלן, ניין, דאס זיינען גאר די אויגן פון יענעם דארט, פון יענעם, וואס האט זיך אמאל אזוי געראנגלט מיט איר מוטער און פלוצלינג הויבן פאר איר אן פארצושוועבן די פּנימער פון פארשידענע מענער וואס זי באגעגנט אין גאס ווען זי גייט אין שולע אדער אין אקאדעמיע און אין די אלע מענערישע פּנימער זעט זי די זעלבע ווילד־ברענענדיקע גיריקע בליקן וואס שפּיזן דורך איר יונג, ערשט רייף־ווערנדיק לייב און די שפּיזיקע פייערלעך ברענען און בריען איר צאפּלדיק הארץ, און פון דער טיפעניש פון איר נשמה, רייסט זיך ארויס א ווייטיקלעכער זיפץ...

דער זיפץ האט שיינדעלען אויפגעוועקט.

עס האט נישט געדויערט קיין מינוט, און די מאמע איז שוין געשטאנען נעבן רחלען, זי האט איר געטאפּט דעם שטערן, א ווײַלע שפּעטער, איז שוין די מאמע געזעסן נעבן איר קינד און כסדר צוגעלייגט פרישע קאלטע קאמפּרעסן צו רחלעס היים־גליענדיקן קאפּ...

קאפּיטל 19

אין יאך פון לעבן

דער עפּיזאד פון רחלעס ערשטער שרעקלעכער דערפארונג אין איר רייף־געווארענער יוגנט האט זיך נאך מיט איר אפּפיבערן עטלעכע טעג נישט געענדיקט.

עס האט זי נאך דערוואַרט א ביטערע אנטוישונג, וואס האט ערשט דעם עפּיזאד פארענדיקט אויף א גליקלעכן אופן פאר רחלען.

עס איז דאך גארנישט קיין וואונדער, ווען רחלע האט אין איר פיבערדיקן צושטאנד כסדר געטראכט וועגן אלפרעדאן ווי וועגן איר

רעטונגס-מלאך און כאַטש זי האָט אים אָפט געזען מיט די זעלבע גיריקע פייערלעך אין די אויגן, האָט זי דאָס צוגעשריבן צו איר נערוועזיטעט און זי האָט זיך באַמיט אים צו זען אַ שיינעם און אַ ריינעם און זי האָט זיך זייער דערפרייט, ווען זי האָט אים אַ וואָך שפּעטער, זיצנדיק אין אַקאַדעמיע ביי איר שרייב-מאַשינקע נעבן פענצטער, אים דערזען שפּאַצירנדיק הין און צוריק קעגנאיבער, נעבן קינאָ „ריוואָלי".

אויפן ערשטן מאָמענט האָט זי געפילט, ווי צו עפענען דאָס פענצטער און אַריבעררופן צו אים, זאָגן אים אַז זי זעט אים, אָבער זי האָט זיך באַהערשט, זי האָט פאַרענדיקט איר פּראַקטישע לעקציע און געאיילט אַראָפּצוגיין.

ער האָט זי אָפּגעוואַרט.

אַלפרעדאָ איז צו איר צוגעקומען ווי אַן אַלטער באַקאַנטער, באַגריסט זיך מיט איר און דערוויסנדיק זיך, אַז זי איז געלעגן קראַנק, האָט ער אויסגעדריקט זיין באַדויערן, פאַרוואָס ער האָט דעם באַנדיט נישט באַוויזן צו לאָזן אַרעסטירן...

ער האָט זי באַגלייט לענגאויס קאָריענטעס אויפן וועג צו סעראַנאָ, אָבער עטלעכע מאָל האָט ער זיך געפּרואווט ווירקן אויף איר, צי זי וואָלט נישט געוואָלט איצט כאַפּן אַ שפּאַציר.

— עס איז דאָך אַזאַ פּרעכטיקע נאַכט... אַזוי ווי בלומען רייפן זיך אונטער דער וואַרימקייט פון זונענשטראַלן, אַזוי רייפן זיך דאָך יונגע מיידלעך אונטער דעם בלאַסן שיין פון אַזעלכע שיינע לבנה-נעכט... — האָט אַלפרעדאָ ווי אַרויסדעקלאַמירט פון אַ ביכל.

אָבער רחלע האָט נישט געוואָלט שפּאַצירן; זי האָט געאיילט אַהיים צו איר מאַמען. זי האָט שוין גוט געוואוסט אַז איר מאַמעס געזונט איז אונטערגעבראָכן און זי האָט איר שוין יעדן טאָג אין יעדער פרייער מינוט געמוזט אויסהעלפן אין דער אַרבעט, זי האָט זיך שוין אַפילו אויסגעלערנט נייען אויף דער מאַשין און וויסנדיק אַז מאָרגן דאַרף מען אָפּטראָגן פאַרטיקע אַרבעט האָט זי זיך איצט געאיילט וואָס שנעלער צו זיין אינדערהיים און העלפן פאַרענדיקן, כדי די מאַמע זאָל זיך קענען פריער לייגן שלאָפן.

און עס איז געווען אויפצומאָרגנס, ווען איר מאַמע האָט זיך געפילט אַזוי שלעכט, אַז רחלע האָט געמוזט נאָך איר קומען פון ליסעאָ, אָפּפירן דעם פּאַק אויסגעאַרבעטע סחורות אין דער קלייט אויף קאַנינג און גייענדיק אַזוי מיט דעם שווערן פּאַק, האָט זי אויף דעם טראָטואַר קעגנאיבער געזען זיצן ביי אַ קאַפע-טישל אַלפרעדאָן מיט נאָך איינעם און זי האָט שיער אַראָפּגעלאָזן דעם שווערן פּאַק פון

איבערראַשונג, ווען זי האָט געגוי דערקענט אין דעם צווייטן, אַז דאָס איז דער זעלבער וואָס איז זי אַזוי ברוטאַל איבערגעפאַלן.

רחלע האָט שנעל אַוועקגעדרייט איר קאָפּ און אַזוי ווי זי האָט זיך שוין געפינען נעבן דער קליט, איז זי אַריין און אַוועקגעלייגט דעם שווערן פּאַק אויפן טיש.

ערשט איצט, האָט רחלע געפּרואווט צווייפלען צי זי מאַכט נישט קיין טעות, און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, האָט זי אַריבערגע־קוקט דורך דעם שויפענצטער פון געשעפט צו דער צווייטער זייט און זי האָט גראָד געזען ווי אַ מיידל איז דאָרט פאַרבייגעגאַנגען און אַלפרעדאָ האָט איר עפּעס נאָכגעזאָגט און מיט אַ געלעכטער איר נאָכגעוואָרפן אַ ברענענדיקע ציגאַרעטל; זי איז שוין געווען זיכער אַז אַלפרעדאָ זיצט צוזאַמען מיט יענעם און אַז ער אַליין איז אויך נישט בעסער פון יענעם און פּלוצלינג האָט אין איר מוח אויפגע־בליצט דער געדאַנק, אַז דאָס ראַטעווען זי, איז פון פריער צוגע־גרייט געוואָרן דורך ביידן און זי האָט מיט עקל אָפּגעקערט פון דאָרט איר בליק, און כדי צו פאַרטומלען איר ווייטיק, האָט זי נערוועז אָנ־געהויבן בעטן, מען זאָל ביי איר שנעלער איבערנעמען די סחורה, ווייל איר מאַמע איז נישט געזונט און זי איילט זיך אַהיים.

דער סוחר האָט זיך אָבער נישט געאיילט.

פּאַמעלעך האָט ער אַרויסגעלייגט די אויסגעאַרבעטע מענטע־לעך, איבערגעקוקט יעדעס שטיקל באַזונדער און זעענדיק רחלעס נערוועזיטעט, האָט ער איר אַ זאָג געטאָן מיט אַ פיל־באַדייטנדיקן שמייכל: — אַ מיידל טאָר זיך נישט אַזוי איילן... און אַזאַ שיין מיידל ווי איר — אוודאי נישט...

רחלע האָט כמעט נישט געהערט די פּיפּיקע ווערטער, זי האָט נאָכאַמאָל געוואָרפן אַ פאַרגנבעטן בליק קעגנאיבער און כאָטש זי האָט די צוויי קאָמפּאַדרעס מער נישט געזען ביים טישל, האָט נאָך אַלץ אויף איר געציטערט די הויט און זי האָט ערשט געפילט אַ דער־לייזונג, ווען זי איז געווען צוריק אין איר שטוב. זי האָט געפילט, ווי זי וואָלט זיך נאָר־וואָס אַרויסגעראַטעוועט פון אַ זומפּיקע גרוב, אין וועלכן זי האָט זיך געהאַלטן אין אַריינגליטשען...

אַהיימקומענדיק, האָט זי געטראָפן איר מוטער אין בעט.

די מוטער האָט רחלען געזוכט צו באַרואיקן, עס איז גאָרנישט, זי דאַרף נאָר אויסרוען עטלעכע שעה, וועט זי ווייטער אַרבעטן, אָבער רחלע האָט זיך נישט באַרואיקט. זי האָט געזען די ענדערונ־גען אויף איר מוטערס פּנים, ווי אָט גיט דערויף אַ שלאָג אַרויס אַ רויטקייט ווי פון צעגליטן בראָנז און אָט ווערט דאָס פּנים באַגאָסן

מיט אַ גרויער בלאַסקייט און באַרירנדיק איר מאַמעס אייז־קאַלטע הענט, האָט זי באַשלאָסן צו רופן אַ דאָקטאָר.

דערווייל, כדי די מאַמע זאָל זיך נישט אַנטקעגנשטעלן, האָט רחלע זיך געמאַכט האַרץ, זי האָט מיט אימפּעט גענומען ראַמען די שטוב, געוואַרעמט טיי און דערלאַנגט דער מאַמען, זי האָט אַריינגע־רופן אַ שכנה און געפּרעגט וועגן אַ דאָקטאָר, די שכנה האָט גענו־מען אויף זיך רופן איר דאָקטאָר און כדי די מאַמע זאָל נישט פילן איר פאַרצווייפלונג, האָט רחלע אָנגעהויבן זינגען און זינגענדיק האָט זי זיך געזעצט צו דער מאַשין, געלאָזן זי אין באַוועגונג און דאָס ריטמישע קלאַפּן פון דער ניי־מאַשין, האָט פאַרטויבט איר פאַרוויי־טיקט געמיט.

שיינדעלע איז געוואָרן קראַנק, מען האָט באַדאַרפט דאָקטוירים און מעדיצינען און רחלע, נאָכדעם ווי זי האָט שוין אַלצאיינס גע־האַט באַשלאָסן מער נישט צו גיין אין דער אַקאַדעמיע, האָט גע־מוזט ביי איר קנאַפּ פופצן־יעריקער עלטער, אַרונטערוואַרפן זיך אונ־טער דעם שווערן יאָך פון אָרימען אַרבעטער־לעבן.

קאַפּיטל 20

„צעשנייד מיר דאָס פּנים!“...

שווערע טעג און וואָכן האָבן זיך געצויגן פאַר רחלען.

שיינדעלע איז שוין אַרומגעגאַנגען, זי האָט שוין אַפילו צובים־לעך געאַרבעט אויך, אָבער זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבן אירע ווייטיקן און גאַנץ אָפּט, כדי נישט צו פאַרלירן איר אַרבעט, האָט זי שוין אַליין געמוזט בעטן רחלען, זי זאָל זיך אַוועקזעצן צו דער מאַ־שין און פאַרטיק מאַכן די סחורה.

ווער שמועסט ברענגען און אָפּטראָגן די פּעק, דאָס האָט שוין זיכער רחלע געמוזט טאָן, ווייל שיינדעלע האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח אַזאַ פּאַק אַפילו אונטערצוהויבן. אַוודאי האָט דער מאַמעס האַרץ געבלוטיקט צוזעענדיק ווי איר רחלע אַרבעט אַזוי שווער, גאַנץ אַנדערע האָפענונגען האָט זי געהאַט פאַר רחלעס צוקונפט און דאָ דאַרף זי אַליין צוזען ווי די האָפענונגען צערונען און צעשווימען זיך ווי רויך, אָבער וואָס האָט זי זיך געקאָנט העלפן? זי האָט זיך בלויז נאָך געטרייסט דערמיט, וואָס רחלע לערנט אין ליסעאַ און אפשר וועט זי פאַרט צוריקקומען צו די כוחות און זי וועט ווייטער אַלעס אָנווענדן, אַז רחלע זאָל קענען פאַרענדיקן איר שטודיום.

אָבער די כוחות וואָס גייען אַוועק דורך אָנשטרענגונגען פאַר אַ

שוועך געמוטשעט לעבן, קומען נישט אזוי שנעל צוריק, נאָך דערצו, ווען די באַדינגונגען האָבן זיך דערווייל מיט גאָרנישט געבעסערט; ס׳זיינען בלויז געווען טעג, ווען שיינדעלען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי פילט זיך פולשטענדיק געזונט און זי האָט זיך מיט נייעם אימפּעט גענומען צו דער אַרבעט, אָבער נאָך אַ צוויי טעג אַרבעט איז זי ווי־דער אָוועקגעפאַלן און זי אַליין האָט שוין גוט איינגעזען, אַז אויב זי וויל נאָך לעבן כדי צו דערלעבן אַביסל נחת פון איר איינציק קינד, דאַן מוז זי רחלען איינשפּאַנען שטאַרקער אין יאָך, ווייל זי אַליין קאָן אים מער נישט דערשלעפּן.

און רחלע האָט זיך איינגעשפּאַנט.

קומענדיק פון שול, האָט זי אויף שנעל אָפּגעגעסן און שוין איז זי געזעסן ביי דער מאַשין און געאַרבעט.

אַז שיינדעלע איז אַרומגעגאַנגען, האָט זי רחלען דערלאַנגט אַ גלאָז מילך און אַז זי איז געלעגן, האָט רחלע כסדר געמוזט אונטער־ברעכן די אַרבעט כדי דער מאַמען צו דערלאַנגען אַ גלאָז מילך אין בעט אַריין.

ביינאַכט, נאָך אַ זעקס-זיבן שעה שווערע אַרבעט, האָט זיך רחלע ערשט „אָפּגערוט״ — מאַכנדיק אירע לעקציעס.

אוודאי איז די אַרבעט פאַר רחלען געווען זייער שווער, אָבער מיט צאַפּלדיקע האָפענונגען אין איר יונג האַרץ פאַר אַ בעסערער צוקונפט, האָט זי זיך אונטערגעוואָרפן איר דערוויילקן שווערן גורל און זי האָט נאָר גאָט געבעטן, אַז איר מאַמע זאָל זיין געזונט.

דאָס ערגסטע פון איר שווערער אַרבעט, איז פאַר רחלען גע־ווען דאָס מוזן גיין אין די געשעפטן נאָך די פּעק און דאָס אָפּטראָגן זיי צוריק.

די סוחרים און נאָך מער די אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן ביי איר איבערגענומען די פּעק, האָבן זיך געוויצלט און מאַנכע האָבן איר אַפילו געמאַכט באַליידיקנדיקע אָנצוהערענישן, אָבער נאָך ערגער איז געווען פאַר איר דאָס גיין אין גאַס מיטן פּאַק.

שוין צוויי מאָל האָט זי אין גאַס באַגעגנט דעם פּראַנט, דעם אַלפרעדאַ.

ער האָט איר נאָכגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך נישט געגלויבט אַז דאָס איז די זעלבע און ביים צווייטן מאָל האָט ער שוין געוואָלט צו־גיין צו איר, נאָר זי איז שוין געווען נאָענט פון איר הויז און זי האָט אויסגעמיטן די באַגעגעניש.

זי האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער טשאַטעוועט אויף איר און דאָס האָט זי מער אָפּגעשראָקן ווי די גאַנצע שווערקייט פון איר איצטיק לעבן.

און דער אַלפרעדאַ האָט טאַקע געטשאַטעוועט אויף איר. ער האָט זי געטראָפן אַרויסגיין פון איר הויז, ער האָט זיך פאַר איר אויסבאַהאַלטן, נאָכגעשפּירט איר ביז זי האָט אַריינגעטראָגן אַ שווע־רן פּאַק אין אַ געשעפט אויף ווערא נעבן קאַנינג, זי האָט זיך אין דעם געשעפט געזוימט, אָבער ער האָט זי אָפּגעוואַרט.

צוריקגייענדיק אַהיים, ווען זי איז שוין געווען אויף ווערא און מאַלאַביאַ, איז אַלפרעדאַ ווי פּלוצלינג אויסגעוואַקסן נעבן איר זייט. רחלע האָט אויפגעצאַפּלט פון שרעק.

אַלפרעדאַ האָט זיך באַמיט אַרויסצוברענגען אויף זיין פּנים דעם סימפּאַטישסטן ליבנסווירדיקסטן שמייכל. ער איז געגאַנגען נעבן איר און איר פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס זי ווייזט זיך נישט פאַר אים. ער בענקט דאָך נאָך איר אַזוי שטאַרק, זי האָט גערויבט זיין שלאָף... אָבער זעענדיק, אַז זי פאַרשנעלערט בלויז אירע טריט און זי שענקט אים נישט אַפילו די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט, האָט זיך דעם געקינצלטער שמייכל אויף זיין פּנים פאַרוואַנדלט אין אַ דראָענדיקן גרימאַס און ער האָט אַ זאָג געטאָן: — דו הערסט? „טע קיעראָ מו־טשאָ!...״ איך האָב דיך געראַטעוועט און דו מוזט ווערן מיין שיין זים מיידעלע...

— „געראַטעוועט״? — רחלע האָט דעם ליידיקגייערישן פראַנט אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג און זי האָט נאָך מער פאַרשנעלערט איר גאַנג, כדי וואָס שנעלער צו־צוקומען צו איר היים און פּטור ווערן פון דער אומאַנגענעמער באַ־געגעניש.

איר פאַראַכטונגדיקער בליק האָט אַלפרעדאָן אינגאַנצן געענ־דערט און ער האָט אָנגענומען קעגן איר אַ דראָענדיקע שטעלונג:

— דו וועסט זיין מיינע! אויב נישט מיט גוטן, וועסטו אויף כוח זיין מיינע. איך האָב דיך ליב און דו מוזט זיין מיינע! דיין שיין פּנים פאַרפאָלגט מיך איבעראַל און איך קאָן נישט לעבן אָן דיר...

זעענדיק אַז אַלס ענטפער אויף זיינע ווערטער האָט רחלע כמעט אָנגעהויבן לויפן, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט און קוקנ־דיק איר גלייך אין די אויגן, האָט ער מיט פייער שפּריצנדיקע בליקן אויסגערופן:

— אויב דו זאָגסט ניין, וועל איך דיר צעשניידן דאָס שיינע פּנים, וועסטו ווערן מיאוס און דעמאָלט וועל איך דיך קענען פאַר־געסן!...

אין רחלעס האַרץ האָט נאָך פריער אָנגעהויבן אויפגיין אַ מאָד־נער געפיל, וואָס האָט איר יונגן מוח געמאַכט דענקען שנעל און אַנטשלאָסן. ווי יונג זי איז געווען, כמעט אַ קינד, האָט זי באַגריפן

די גרויסע געפאַר וואָס דער דאָזיקער קאָמפּאַדרע שטעלט מיט זיך פאַר פאַר איר און זי האָט געוואָלט לויפן, לויפן וואָס שנעלער, אַבי זיך באַפרייען פון דער באַגעגעניש, אָבער ווען ער האָט זי פאַרהאַלטן און איר געוואָרפן אין פנים די דירעקטע וואולגאַרע דראָאונג, האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַנט, געשטעלט זיך קעגן אים, אין אירע אויגן האָט געברענט אַ פייער פון שטאָלץ געמישט מיט עקל און זי האָט אויסגערופן אים גלייך אין פנים אַריין:

— בעסער וויל איך האָבן אַ צעשניטן פנים און זיין מיאוס ווי די נאַכט, איידער איך זאָל דאַרפן אויסריידן אפילו איין וואָרט מיט אַזאַ טיפּ ווי דו!...

און זי איז געבליבן שטיין אַן אויסגעשטרעקטע קעגן אים, ווי דערוואַרטנדיק אַז ער זאָל רעאַליזירן זיין דראָאונג און זעענדיק ווי עס צוקן ביי אים די מויל-ווינקלען און ער לאָזט אַראָפּ זיינע בליקן, האָט זי נאָכאַמאָל אויסגערופן: — נו, צעשנייד מיר דאָס פנים, כדי איך זאָל וויסן אַז דו וועסט מיך מער קיינמאָל נישט באַלעסטיקן...

דער קאָמפּאַדרע האָט זיך דאָסמאָל פאַרלוירן אונטער רחלעס שטאָלצן בליק, ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אַ שטאַרקער צוק אויף דער רעכטער זייט פון זיין מויל-ווינקל האָט פאַרהאַלטן דאָס וואָרט, ער האָט באַמערקט ווי פון צווייטן ראָג גאַס דערנענטערט זיך אַ פּאָליציאַנט, האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַוועק איבער גורוטשאַגאַ אויף קאָריענטעס.

ווען רחלע איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט זיך שיינדעלע דערשראָקן פאַר איר אויסזען און ערשט נאָך אַ שטאַרקן צושטיין צו איר, האָט רחלע אויסגערופן מיט פאַרצווייפלונג:

— מיר מוזן זיך זוכן אַן אַנדערע דירה... מאַמעניו, מיר מוזן אַרויס פונדאַנען!... און רחלע האָט זיך געוואָרפן אין דער מאַמעס אָרעמס און זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט.

קאַפּיטל 21

מאַמע און טאָכטער

מער ווי אַ חודש צייט האָט רחלע גענאַרט די מאַמען.

די מאַמע האָט געמיינט, אַז רחלע גייט יעדן אינדערפרי אין „ליסעאָ", אָבער רחלע איז געגאַנגען אויף אַ פּאָסטן וואָס זי האָט אָנגענומען אויף האַלבע טעג אין די פרימאָרגן שעהן, אין אַן עסקריטאָריאָ צו שרייבן אויף מאַשין.

וואָס דען האָט די אָרימע רחלע געקאָנט טאָן?

שײנדעלע איז כסדר אַװעקגעפֿאַלן, די הוצאות אין שטוב זײַנען געװאָרן גרעסער, אַ דאָקטאָר, מעדיצינען, די שטערונגען אין דער אַרבעט, און װי האָט רחלע געקאָנט אײַ גײן אין ליסעאָ, אײַ מאַכן די לעקציעס און אײַ אַלײן אויסאַרבעטן די שטיק־אַרבעט פֿון קאָנפֿעקציע, אַז עס זאָל קלעקן אויף דעם אַלעם?

און ראַטעװען די מאַמען האָט זי דאָך געװאָלט, האָט זי שױן אײַנגעזען אַז איר גורל איז אַזױ, אַז זי זאָל נישט קענען װײַטער שטודירן און װיסנדיק, אַז דאָס קאָן פֿאַר דער מאַמען זײַן אַ טױט־קלאַפּ, האָט זי אָן דער מאַמעס װיסן נאָכגעזוכט אַ פּאָסטן אויף אַ האַלבן טאָג אַלס מאַשין־שרײַבערקע, די מאַמע האָט געמײנט אַז זי גײט װײַטער אין ליסעאָ און בעת זי האָט גאַנץ אָפֿט נאָכגעטראַכט װי פֿײַן רחלע לערנט זיך דאָרט אין שול, איז רחלע נאָר געזעסן אין אַן ענגער אָנגערױכערטער עסקריטאָריאָ מיט אַ געבױגענעם רוקן, לױפֿנדיק פֿלינק מיט אירע פֿינגער איבער דער טעקלאַדע פֿון אַ שרײַב־מאַשינקע, שרײַבנדיק בריװ און פֿאַקטורעס װאָס אַ פֿעט־לײַביקער מיטל־יעריקער מאַן האָט איר דיקטירט.

רחלע האָט זיך געפֿילט זינדיק מיט איר אָפּנאַרן איר מאַמען, אָבער גלײַכצײַטיק האָט זי זיך געפֿילט געגרױסט מיט איר אױפֿטו, װאָס װעט פֿאַרלײַכטערן די מאַטעריעלע לאַגע אין איר הײם און דערמעגלעכן, אַז איר מאַמע זאָל זיך קענען קורירן.

איר װילן צו העלפֿן דער מאַמען איז געװען אַזױ גרױס, אַז זי האָט אַפֿילו אַראָפּגעשלונגען שװײַגנדיק דעם באַהאָרטן פֿעטלײַביקנס קאָמפּלימענטן, װאָס ער האָט איר צוגעװאָרפֿן בעתן דיקטירן די בריװ און פֿאַקטורעס און זי האָט נאָר געװאַרט, אַז עס זאָל זיך שױן ענדיקן דער חודש און זי זאָל אָפּנעמען איר לױן, װאָס װעט דערמעגלעכן, אַז זײ זאָלן קענען דינגען אַן אַנדער דירה און אַרױסקלױבן זיך פֿון װעלאַזקאָ, װאו זי האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ נײַער באַגעגעניש מיט דעם קאָמפּאַדרישן אַװאַנטוריסט אַלפֿרעדאָ.

און װעלנדיק פֿאַרװישן איר זינד פֿאַר אָפּנאַרן די מאַמען, האָט רחלע אינדערהײם געשפּילט דאָס פֿרײלעכע און זאָרגלאָזע קינד און זי איז געװען נאָך מער צוגעלאָזן צו דער מאַמען װי אַלעמאָל. און זי האָט פֿאַר איר געזונגען די אַלע לידלעך װאָס איר טאַטע האָט אַמאָל פֿאַר דער מאַמען געזונגען און די מאַמע האָט זי מיט זײ אײַנגעשלעפֿערט און די מאַמע האָט דערפֿאַר רחלען אַזױ װאַרים געצערטלט, אויסשטראַלנדיק מיט אירע בליקן אַלע אירע נישט־דורכגעלעבטע ליבעס־געפֿילן און נישט געשטילטע לײדנשאַפֿטן אויף איר אײנציקער טאָכטער.

אין דעם חודש, האָט אין דער אָרימער אַזױפֿיל דורכגעליטענער

שטוב געהערשט אַן אמתע אידיליע פון אַ מאַמע מיט אַ קינד, וואָס איינע לעבט נאָר מיטן געדאַנק צו זען די אַנדערע געזונט און גליק־לעך.

אָבער אָט האָט זיך דער חודש געענדיקט, און די פּערציק פּעזעס לוין וואָס רחלע האָט אַהיימגעבראַכט האָבן געמאַכט, אַז איר אַרבעט אויפן פּאָסטן זאָל פאַר דער מאַמען מער נישט קענען בלייבן קיין סוד.

שוין נישט איינמאָל, בעת שיינדעלע האָט באַטראַכט און אָנגע־קוואָלן פון רחלעס שיינקייט, האָבן פלוצלינג אויף איר שטערן אַרויס־געשלאָגן אַנגסטן פון שרעק פאַרן גורל פון איר שיין־אַנטוויקלטער טאָכטער.

אָ, שיינדעלע האָט גוט געוואוסט די אַלע געפאַרן וואָס אַ פרוי דאַרף דורכגיין אין לעבן און וויפל גייסטיקע שטאַרקייט און וויפל אָפּגעהיטנקייט מען דאַרף האָבן כדי זיך נישט צו פאַרשטעכן אָן די דערנער וואָס שלעכטע מענטשן שפּרייטן אויס אויף שריט און טריט און נאָך גרעסער איז געוואָרן איר מורא, ווען רחלע האָט איר מיט אַ צייט צוריק דערציילט וועגן דעם געשעעניש מיט די צוויי קאָמפּאַדרעס און וועגן איר שרעק פאַר אַלפּרעדאָן.

יעדעס מאָל ווען רחלע איז געקומען פון גאַס, האָט די מאַמע זי באַטראַכט מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק און זי האָט זיך ערשט באַ־רואיקט, ווען זי האָט געזען רחלען אַ פריילעכע און אַ זינגענדיקע, דעמאָלט האָט זי אַרויסגעפילט די הייליקע אומשולד פון רחלעס יע־דע באַוועגונג.

פאַר דעם געשעעניש מיט די צוויי קאָמפּאַדרעס, האָט זיך שיינ־דעלע ווייניק וואָס געשראָקן; זי האָט גוט פאַרשטאַנען און געוואוסט, אַז איר רחלע איז גענוג אינטעליגענט און גייסטיק אַנטוויקלט, אויף צו קענען אַנטקעגנשטעלן זיך אַזעלכע ברוטאַלע פאַרברעכערישע אַטאַקעס, זי האָט פיל מער מורא געהאַט פאַר די זיידענע נעצן וואָס עגאָאיסטישע גיריקע מענער זוכן אויסצושפּרייטן פאַר נייע קרבנות און דאָ איז דאָך איר רחלע אַזוי שיין, אַזוי רייצנד און ווי איז עס מעגלעך, אַז די מענער וואָס זעען זי זאָלן איר נישט שענקען זייער גיריקע אויפמערקזאַמקייט?

האָט טאַקע שיינדעלע גאַנץ אָפט אָנגעהויבן ריידן מיט רחלען וועגן פאַרשידענע זאַכן און אַרויפגעפירט אויף דעם פיינלעכן שמועס וועגן די בענקענישן פון אַ פרוי און וועגן די אָפטמאָל חיהשע גלים־טונגען פון די מענער און דעמאָלט האָט זיך די מאַמע דערוואוסט, אַז איר טאָכטער געדענקט נאָך גוט און זי פילט נאָך צומאָל איבער די אַמאָליקע שרעק, וואָס זי האָט אַלס קינד איבערגעלעבט בעת דעם געראַנגל מיט יאַנקל דעם פרומען און מיט וויטיק און פּיין, האָט די

מוטער באַגריפֿן, אַז אין רחלעס האַרץ האָבן זייט דעמאָלט געמוזט איבערבלייבן געננג שפּורן פֿון שרעק און עקל, וואָס וועלן זי שוין זיכער פֿאַרהיטן פֿון לייכטגלויביקייט צו מענער...

באַגרייפֿנדיק ווי שווער עס קאָן אויף רחלען ווירקן דער שרעק־לעכער איינדרוק פֿון אַמאָל, פֿון איר קינדהייט, וואָס האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין איר זכרון, האָט שיינדעלע דווקא רחלען געפּרואווט אויסריידן און כדי קעגנצואווירקן, האָט זי איר אָנגעהויבן דערציילן וועגן אירע אייגענע מיידלשע איבערלעבענישן נאָך אין דער אַלטער היים, וועגן אירע שבתדיקע שפּאַצירן הינטערן שטעטל און ווי בחו־רים האָבן זי פֿאַרטשעפּעט און ווי זי האָט זיך אויסגעהיטן פֿון זיי, ביז זי האָט זיך באַקענט מיט מאָטעלען, זי האָט געהערט זיין האַר־ציק זינגען און ער האָט מיט זיינע לידלעך געפֿאַנגען איר האַרץ און זי האָט נישט אויפֿגעהערט חלומען וועגן אים, ביז ער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע און זי האָט דערפֿילט די גאַנצע שיינקייט פֿון דער וועלט און פֿון לעבן...

דאָס דערמאָנען איר ליבע מיט מאָטעלען, רחלעס טאַטע, וועלכן רחלע האָט אַפֿילו נישט געקענט, איז אַלעמאָל געווען שיינדעלעס איינלייטונג צו איר לעקציע וועגן דער שיינקייט פֿון ליבע, פֿאַר־שטייט זיך, ווען מען טרעפֿט אַזאַ מענטש, וואָס איז ווערט געליבט צו ווערן.

אַזוי האָט די געטרייע מאַמע, וואָרנענדיק איר איינציקע טאָכ־טער קעגן דער גיריקייט און שלעכטיקייט פֿון עגאָאיסטישע מענער, גלייכצייטיק זיך באַמיט קעגנצואווירקן דעם גיפֿט וואָס דער אַמאָ־ליקער געראַנגל מיט יאַנקל דעם פֿרומען, האָט איבערגעלאָזן אין רחלעס האַרץ קעגן די מענער און געזוכט געזונט צו מאַכן דעם נאַ־טירלעכן מיידלשן אינסטינקט אין איר טאָכטערס נשמה...

קאַפּיטל 22

פֿונוואַנען האָסטו דאָס געלט?

איידער עס האָט זיך געענדיקט דער חודש וואָס רחלע איז גע־ווען אַזוי אויסערגעוויינלעך גוט צו איר מאַמע און ווען עס האָט גע־הערשט אַזאַ אידיליע אין דער אָרימער שטוב, האָט זיך שוין די נויט גאַנץ שאַרף געלאָזט שפּירן.

אמת, רחלע האָט שוין גוט געקענט די אַרבעט אויף דער מאַשין און שיינדעלע האָט אַפֿילו ליגנדיק אין בעט אַרויסגעהאָלפֿן אין פֿאַר־ענדיקן די אויסגעאַרבעטע סחורות, אָבער די פֿאַרדינסטן האָבן ווייט

נישט געקלעקט נישט נאָר פּאָר דאָקטוירים און מעדיצין, נאָר אַפילו צו די דריי און דרייסיק פּעזעם דירה־געלט האָט נאָך אויסגעפּעלט אַ העלפט און שיינדעלע האָט שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז מאָרגן, מעג זי זיך ווי שלעכט פילן, וועט זי אויפשטיין פון בעט, רחלע וועט זיין אין שולע, וועט זי איר נישט קענען שטערן און זי וועט אַרבעטן ביז רחלע וועט צוריקומען.

זי האָט געפילט אַ שאַרפע שטעכעניש אין די זייטן, אַזוי ווי נאָדלען וואָלטן דאָרט אַרומגעקראָכן, אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט און ווי נאָר רחלע איז אַרויס פון שטוב, איז זי אויפגעשטאַנען, זיך אַוועקגעזעצט צו דער מאַשין און דאָס ריטמישע קלאַפּן פון מאַשין, האָט פאַרטויבט דעם שנעלן טיק־טאַק פון איר האַרץ.

רחלע איז אַהיימגעקומען אַ גליקלעכע, אַ פריילעכע און זי האָט ווי אַריינגעטאַנצט אין שטוב, אָבער זי איז שטיין געבליבן אין דער טיר אַ דערציטערטע, דערזעענדיק איר מאַמען ביי דער מאַשין.

שיינדעלע האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין און טיף איינגעצויגן דעם אָטעם. ערשט איצט האָט זי דערפילט די גאַנצע מידקייט וואָס האָט ווי בליי שווער געמאַכט אירע גלידער. איר גאַנצער קערפּער האָט זיך געבאָדן אין שווייס און אויף איר פּנים איז געווען אויסגע־שפּרייט אַ מאָדנע שאַרלאַך־רויטקייט מיט ווייס־ברוינע פלעקן.

— מאַמעניו, וואָס האָסטו געטאָן?!...

רחלעס האַרץ וואָס האָט נאָר־וואָס געטאַנצט אין איר פון פרייד, האָט זיך איצט געצאַפּלט פון שרעק און פּיין.

— מאַמעניו!... און באַגיסנדיק זיך מיט אַ שטראָם טרערן, איז זי צוגעלאָפן צו דער מאַמען, געהאָלפן איר אויסטאָן די קליידער, צו־געפירט זי צום בעט און פונקט אַזוי ווי שיינדעלע האָט עס אַזויפיל מאָל געפלעגט טאָן מיט איר קינד, אַזוי האָט איצט רחלע געטאָן מיט איר מאַמע, זי האָט זי געלייגט אין בעט, גוט איינגעדעקט זי און די מאַמע האָט זיך ווי אַ פאַרשולדיקט קינד אונטערגעגעבן דעם ווילן פון איר שיינער קלוגער טאָכטער.

שיינדעלע איז געלעגן רואיק און ווען רחלע איז אַרויסגעלאָפן אין דעם קליינעם הילצערנעם קיכל וואָס נעבן דער טיר, מאַכן דעם פּרימוס און פאַרברייען אַביסל פרישן טיי פאַר דער קראַנקער מאַמען, איז שיינדעלע אַלץ געלעגן רואיק, נישט באַוועגט מיט קיין גליד, נאָר פון די אויגן האָבן זיך כסדר אַרויסגעגליטשט אַ טרער נאָך אַ טרער און די טרערן האָבן דורך ריטשקעלעך איבער אירע רויט אָנ־געצונדענע שלייפן אַראָפּגעשטראָמט נאָס מאַכנדיק דאָס קישן אונ־טער איר קאָפּ.

ווען רחלע איז צוריק אריינגעקומען טראַגנדיק אַ גלאָז טיי, האָט די מוטער געוואָלט עפּעס זאָגן, זי האָט געוואָלט זיך פאַרענטפערן, אָבער רחלע האָט נישט געלאָזן; — איך וויל איצט פון גאָרנישט וויסן, מאַמעניו... האָסט געטאָן אַ גרויסע עולה... טרינק קודם אויס דאָס גלעזל טיי און קום צו זיך...

שיינדעלע האָט זיך באַמיט אויפצוזעצן אין בעט, אָבער ווי אירע גלידער וואָלטן געווען אָנגעגאָסן מיט בליי, זי האָט זיך נישט גע־קאָנט קיין ריר געבן פון פלאַץ.

האָט זיך רחלע אַוועקגעזעצט נעבן דער מאַמען אויפן בעט, און מיט אַ לעפעלע זי געקאַרמעט מיט דעם ביסל טיי, און זי האָט זיך געמוזט שטאַרק באַמיען, צוריקצוהאַלטן דעם פאַרוואורף וואָס איז איר געהאָנגען אויף די ליפּן.

אָבער שיינדעלע האָט דעם פאַרוואורף געפילט. זי האָט זיך גע־פילט זינדיק און עס האָט איר זייער וויי געטאָן רחלעס צער און ווי נאָר זי האָט אויסגעטרונקען דאָס ביסל טיי, האָט זי מיט אַ שוואַכער שטים זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן פאַר איר קינד:

— זיי מיר מוחל... רחלע.. ליכטיק קינד מיינס... איך האָב דאָך נישט געקאָנט רוען... דו קאָנסט דאָך פאַרט נישט אַליין אויסאַרבעטן אַזויפיל... עס פעלט דאָך צום דירה־געלט... אוי, קינד מיינס...

דאָ האָט זיך שוין רחלע מער נישט געקאָנט באַהערשן:

— מאַמעניו! האָסט זייער שלעכט געטאָן... האָסט נישט גע־טאָרט אַרבעטן... מיר האָבן שוין אויף דירה־געלט, נאַ, זע!...

און רחלע האָט אַרויסגעכאַפּט פונעם ברוסט־טעשל אין איר בלוזע די פיר צענערלעך וואָס זי האָט באַקומען פאַרן חודש אַר־בעטס־לוין און זיי ווי מיט אַ טריאומף געוויזן דער מוטער.

עס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט ביי שיינדעלען אָפּגענומען דאָס לשון.

אירע ביז איצט פאַרטרערטע אויגן האָבן זיך פּלוצלינג ווי אויס־געלייטערט און גרויס געוואָרן און ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרויס־קריכן פון זייערע פלעצער, אַזוי האָבן זיי זיך געריסן גלאָצנדיק דאָ אויף די גרינע צענערלעך וואָס זיינען געלעגן צעקנייטשטע און צע־וואָרפענע אויפן בעט און דאָ אויף איר טאָכטער וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ווי אין טריאומפירנדיקער פריידיקער פּאָזע.

דאָס אַלעס האָט בלויז געדויערט מאָמענטן און פּלוצלינג איז די שאַרלאַך־רויטקייט פאַרשוואונדן פון שיינדעלעס פּנים, די גאַנצע רויטקייט האָט זיך פאַרקליבן אין אירע אויגן און מיט בליקן וואָס האָבן געברענט מיט שוידערלעכער פאַרצווייפלונג, האָט זי זיך אַ

רים געטאָן פון איר געלעגער, אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און ווי נישט מיט איר קול אויסגעשריגן:

— רחלע!?!...

און אַזוי, שטייענדיק קעגן רחלען אַ האַלב נאַקעטע, האָט זי זיך גענומען שלאָגן אין קאָפּ: — רחלע? פונוואַנען האָסטו דאָס געלט?... זאָג מיר שנעל, פונוואַנען? פון וועמען?... און נישט באַקומענדיק דעם שנעלן ענטפער, האָט זי זיך געוואָרפן אויפן בעט, איינגעגראָבן איר פּנים אין דעם געוואַנט און שלאָגנדיק זיך אין קאָפּ האָט זי געהאַלטן אין איין שרייען און דאָס קול איז פאַרשטיקט געוואָרן אין דעם געוואַנט: — איך וויל מער נישט לעבן! איך וויל מער נישט לעבן!...

אויפן ערשטן מאָמענט איז רחלע געבליבן שטיין ווי צעמישט. זי האָט זיך זייער איבערגעשראָקן פון דער מוטערס פלוצלינגדיקער ענדערונג און אויפברויז און זי האָט שוין געטראַכט אַז זי דאַרף אַריינרופן מענטשן, אָבער הערנדיק איר מוטערס אויסרוף — פונוואַנען האָסטו דאָס געלט? — האָט רחלע שנעל באַגריפן די סיבה פון דער מוטערס פלוצלינגדיקן אויפברויז און זי האָט זיך שוין געוואָלט וואַרפן אין דער מאַמעס אָרעמס און איר דערציילן, אַז זי האָט דאָס געלט ערלעך פאַרדינט, אַז זי האָט אַ גאַנצן חודש געאַרבעט דערויף שווער און ביטער און נישט נאָר די שווערע אַרבעט, נאָר זי האָט פאַר די פיר גרינע צענערלעך מקריב געווען איר צוקונפט, זי האָט צוליב דעם ערלעכן פאַרדינסט איבערגעלאָזן די שולע, נישט געגאַנגען אין ליסעאַ, נאָר אין דער עסקריטאָריאַ... נאָר ניין, זי טאָר דאָס דער מאַמען נישט אויסזאָגן, די מאַמע טאָר נישט וויסן, אַז זי גייט נישט מער אין ליסעאַ, זי וועט עס נישט אויסהאַלטן...

אַ ים פון ליידן און פּיין האָט דורכגעשטראָמט אין די געהירן פון דעם יונגן אומשולדיקן ערלעך־איבערגעגעבענעם קינד, אָבער באַגרייפנדיק, אַז וויפל דער ריינער אמת זאָל די מאַמען נישט פאַרדריסן און אַפילו ווײ־טאָן, וועט עס אַלץ נישט זיין אַזוי געפערלעך פאַר איר, ווי אַ נישט קלאָרער ענטפער פונוואַנען זי האָט דאָס געלט. רחלע האָט באַשלאָסן צו דערציילן דער מאַמען דעם גאַנצן טרויעריקן אמת...

קאַפּיטל 23

„יאַמעלע, יאַמעלע, זינג מיר אַ לידעלע"

„צו צרות געוואוינט מען זיך צו..." — זאָגט אַן אַלט שפּריכוווערטל און נאָך דערצו שיינדעלע, וואָס צרות זיינען ביי איר נישט געווען קיין נייעס, האָט זי גענוג שנעל איבערגעפיבערט אויך דעם

שטאַרקן קלאַפּ פון גורל, וואָס די ידיעה אַז רחלע האָט אויפגעהערט לערנען אין ליסעאַ האָט איר דערלאַנגט.

אגב, איז דאָך די ידיעה געקומען צוזאַמען מיט אַזאַ געטלעכער טרייסט פאַר דער אָרימער מאַמע, אַז איר קינד איז ריין און ערלעך און אַז זי איז אַזוי געטריי, אַז זי האָט זיך מקריב געווען צוליב איר און וויפל עס האָט איר נישט געבלוטיקט דאָס האַרץ אויף דער איבערגעריסענער קאַריערע פון איר איינציק קינד, האָט זיך אָבער גלייכצייטיק געפרייט איר מאַמע־האַרץ, מיט דער גרויסער הייליקער טאַט וואָס איר קינד האָט מיט איר האַנדלונג באַוויזן.

און אַלעס וואָלט שוין אפשר לויט די פאַרהעלטענישן גוט געווען, ווען שיינדעלע זאָל כאָטש זיין געזונט; אָבער דער געבראָכענער געזונט־צושטאַנד איז מער ביי שיינדעלען נישט גאַנץ געוואָרן.

זי איז מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען און אַבי זי איז נאָר אַרומגעגאַנגען און געקאָנט צוגרייטן אַ מיטיק פאַר רחלען ווען זי קומט פון עסקריטאָריאַ, איז שוין געווען גוט, נאָר דאָס איז אויך נישט געווען צו אָפט, ווייל יעדע עטלעכע טעג איז שיינדעלע אַוועקגעפאַלן אויף אַזאַ מין אָפּגעשוואַכטקייט פון אַלע גלידער, וואָס דאָקטוירים האָבן אפילו נישט געקענט שטעלן קיין גענויען דיאַגנאָז וואָס איר פעלט און די עטלעכע טעג, ווען די מאַמע איז געלעגן צו בעט, האָט זיך אויף רחלען אויסגעגאָסן די גאַנצע שווערקייט פון אַזאַ געשטראָפּטן לעבן.

און דאָ איז פאַר רחלען צוגעקומען נאָך אַ פיינלעכער געפיל, קעגן וועלכן זי האָט זיך באַמיט צו קעמפן, אָבער זי האָט נישט געהאַט גענוג כוח אים צו באַקעמפן.

זי האָט זיך נעמלעך אָנגעהויבן זען ווי אַן אַרטיקל וואָס שטייט אין אַ שויפענצטער פון אַ געשעפט, דאָס אַרטיקל געפעלט יעדן פאַרבייגייער און מען שטעלט זיך אָפּ ביי דעם פענצטער און מען טראַכט דערביי וועגן דעם פּרייז, פאַר וויפל מען וואָלט דאָס אַרטיקל געקאָנט באַקומען...

דער באַהאַרטער פעטלייביקער מיטליעריקער מאַן וואָס האָט איר דיקטירט די בריוו און די פאַקטורעס, האָט אין איר דעם געפיל אויפגעוועקט און אַנדערע מענער, יונגערע און עלטערע מיט וועלכע זי האָט געמוזט קומען אין קאָנטאַקט צוליב איר אַרבעט, האָבן אין איר דעם פיינלעכן געפיל געשטאַרקט.

אין די בליקן פון יעדן יונגערן מענטשן האָט זי געזען די כיטרעקייט פון אַן אַלפרעדאַ, וואָס האָט זי דורך אַזאַ געשיקטער אונטערגעשטעלטער אוואַנטורע געוואָלט אַריינבאַקומען אין זיין נעץ און

אין יעדן עלטערן מאַן, האָט זי געזען דאָס אָפּבילד פון דעם אַמאָליקן בעסטיאַלישן יאַנקל דעם פרומען...

און די מאַמע?

אַוודאי האָט איר האַרץ געבלוטיקט וואָס איר קינד האָט גע־מוזט פאַרלאָזן דעם ליסאַ, אָבער די גרויסקייט פון איר קינדס טאַט האָט זי אַנגעפילט מיט אַזויפיל גליק, אַז זי האָט אַנגעהויבן גלויבן אין רחלעס גליקלעכער צוקונפט. — מיר האָבן אַ גרויסן און גוטן גאָט און ער וועט שוין זאָרגן, אַז איר קינד זאָל באַלוינט ווערן פאַר איר גוט האַרץ און געטריישאַפט צו איר קראַנקער מאַמען, מיט אַ גוט גליקלעך לעבן...

רחלעס שיינקייט, איר גייסטיקע רייפקייט און אינטעליגענץ, האָבן באמת געקאָנט געבן די בעסטע האָפענונגען, אַז זי וועט נישט דאַרפן ווי איר מוטער, אַ גאַנץ לעבן אָפּקומען זיצנדיק ביי דער מאַ־שין, אָדער אויף דעם נידעריקן בענקעלע אין דרייען געבוינען, ביים אויסענדיקן די קאָנפעקציעס; רחלע שמט דאָך שוין מיט איר שיינ־קייט איבער גאַנץ ווויזשאַ קרעספּאָ און אירע מעלות מאַכן דאָך פאַר איר אַ וואַרע פון רעספּעקט אַ וואו זי גייט נאָר פאַרביי, טאָ וואו וועט זיך דאָס נישט געפינען אַ לייטישער בחור, אַ רייכן אָרנטלעכן טאַטנס אַ זונדל, וואָס וועט זיך פאַרליבן אין איר אוצר?..

אָבער ווידער איז זי באַהערשט געוואָרן פון דער זאָרג, צי איז רחלען נישט געבליבן עפּעס אַ פעלער פון דער אַמאָליקער קינדישער איבערשרעק וואָס זי געדענקט נאָך אַזוי ביזן היינטיקן טאָג און וועל־כע דער קאָמפּאַדרע האָט מיט זיין דראָען זי, נאָכאַמאָל אַזוי פאַר־שטאַרקט.

רחלע האָט דער מאַמען אַלץ דערציילט און די מאַמע האָט גע־ציטערט פון שרעק, אַז דער אַלפּרעדאָ זאָל טאַקע נישט האַלטן וואָרט און רחלען צעשניידן דאָס פּנים און זי האָט שוין געוואָלט זוכן אַ דירה, אָבער טעג זיינען דערווייל געגאַנגען און וואָכן און אַזוי ווי דער פּראַנט האָט זיך מער נישט געוויזן, האָט זיך רחלע באַרואיקט און זיי זיינען געבליבן אין דער זעלבער דירה.

שיינדעלע האָט זיך ווידער גענומען צו אירע שמועסן מיט רחלען, ווידער האָט זי איר שוין כמעט דערוואַקסענער טאָכטער גע־געבן לעקציעס וועגן איר לעבנס־דערפאַרונג, ווי אַזוי מען דאַרף זיין פאַרזיכטיק מיט די מענער, אָבער מען טאָר אויך נישט טראַכטן, אַז אַלע מענער זיינען שלעכט, פאַרקערט, די מערהייט זיינען גוט און איידל, זיי וואַרפן זיך נאָר נישט אַזוי אין די אויגן, די גוטע מענער זיינען איידל און באַשיידן און אַפילו שעמעוודיקע און דעריבער זעט

מען זיי וויניקער אַז... אַט, ווי איר מאַטעלע איז אַמאָל געווען... די וועלט איז איבעראַל די זעלבע...

בעת אַזעלכע שמועסן, האָט רחלע געקוקט אויף דער מוטער מיט פייכטע אויגן און זי האָט זיך באַמיט איינצוזויגן אין זיך די זאַנפטע ווערטער. רחלעס אינסטינקט האָט שוין אָנגעהויבן בענקען נאָך עפּעס אומבאַקאַנטעס, שיינעס, און דאָס בענקען האָט איר פאַר־שאַפט אַזאַ געהיימניספול פאַרגעניגן, נאָר דער מוח האָט איר אַלע־מאָל איבערגעריסן די בענקענישן און דאָס האַרץ האָט זיך אין איר אײַנמיטן די בעסטע בענקענישן אַ צאַפּל געטאָן פון אַ שרעקלעכער דערמאָנונג וואָס האָט באַלד צעשטערט איר גוטן געמיט.

האָט רחלע דעריבער ליב געהאַט די שמועסן מיט דער מאַמען. זי האָט אין דער מאַמעס ווערטער געפילט ווי אַן ענטפער אויף אירע שטילע ליידן און ווען די מאַמע האָט אָנגעהויבן ריידן מיט אַזויפיל באַגייסטערונג און ליבע וועגן איר טאַטן, וועגן מאַטעלען, ווי אַזוי זי האָט זיך מיט אים אַמאָל באַקענט, ווי צאַרט און פאַרחלומט ער איז געווען און מיט וויפל האַרציקייט ער האָט איר די לידער געזונ־גען, האָט רחלע אויפגעהויבן אירע פייכטע בליקן צו איר פאָטערס בילד וואָס איז געהאָנגען איבערן בעט און זי האָט זיך איינגעגעסן מיט אירע פאַרחלומטע בליקן אין דעם פּנים פון איר טאַטן, וועלכן זי האָט אַפילו נישט געקענט, אָבער פון איר מאַמעס דערמאָנונגען האָט זי אים געפילט און אין איר האַרץ האָט זיך אָנגעהויבן פּיקן אַ באַגער און באַוועגן אַ געבעט, אַז גאָט זאָל איר אויך צושיקן אַזאַ מאַטעלע, נאָר מיט מער גליק ווי איר מאַמע האָט ביי אים געפונען...

די מערסטע שמועסן אַזעלכע, האָט שיינדעלע געפירט מיט איר קינד ליגנדיק אין בעט.

שיינדעלע איז געווען קראַנק, זייער קראַנק און עס האָט אויס־געזען, אַז ריידנדיק וועגן איר מאַטעלען, לעבט זי אויפסניי איבער אירע מיידלשע גליקלעכע חלומות און זי פיבערט אויפסניי דורך איר האַרציקע ליבע צו איר אויסדערוויילטן.

די קראַנקע מאַמע האָט אָבער גלייכצייטיק אויף קיין איין מאָ־מענט נישט פאַרגעסן, אַז זי רעדט און דערציילט דאָס אַלעס פאַר איר קינד, פאַר איר רחלען, צו וועלכער איר גאַנצע ליבע איז איבער־געגאַנגען און זי וויל מיט אירע ווערטער אויסהיילן און געזונט מאַכן דעם הייליקן מיידלשן אינסטינקט, וואָס איז צוליב אַן אַמאָליקער קינדישער איבערשרעק אַזוי צעטרייסלט געוואָרן.

און די מוטער האָט מיט אַ שוואַכער שטים געזאָגט מיט צאַרט־קייט צו איר קינד:

— דער הייליקסטער און גליקלעכסטער געפיל ביי א מיידל איז, דאס חלומען וועגן איר אמתן באשערטן, וואס וועט איר ברענגען פרייד און צופרידנקייט פארן גאנצן לעבן... און ווען אפילו מען ווייס נאך נישט וו ע ר עס איז דער באשערטער, מאלט מען זיך אים אויס און מען זעט אים און מען פילט אים און אין ברוסט צערטלט אזא גליקלעך געפיל... קינד מיינס... רחלע... ווען דו וואלסט געהערט ווי שיין דיין טאטע האט גערעדט וועגן די בענקשאפט-געפילן פון ערלעכע מיידלעך... ער האט דאס אלעס ווי ארויסגעלייענט פון מיין הארץ און אויסגעזונגען עס אין לידער... געדענקסט, רחלע? איך האב דיך געפלעגט איינשלעפערן מיט דעם לידל: — יאמעלע, יא-מעלע, זינג מיר א לידעלע... געדענקסט? קינד מיינס? אין דעם לידל בענקט דאך אויך א מיידל נאך איר חתן!...

און שוואך ווי שיינדעלע איז געווען, האט זי גענומען רחלעס קאפ אויף איר ברוסט און גלעטנדיק אירע שיינע שווארצע האר, האט זי אנגעהויבן זינגען מיט ציטערדיקע צעצויגענע טענער:

יאמעלע, יאמעלע, זינג מיר א לידעלע
וואס דאס מיידעלע וויל?
וואס דאס מיידעלע וויל?
דאס מיידעלע וויל א פאר שיכעלעך האבן
מוז מען גיין דעם שוסטער אנזאגן...
— ניין, מאמעניו ניין!
דו קאנסט מיך נישט פארשטיין!
דו ווייסט נישט וואס איך מיין!...

שיינדעלע האט געפילט, אז אירע כוחות דערלויבן איר נישט אויסצוזינגען די פילע סטראפן פון דעם באקאנטן אידישן פאלקס-ליד, האט זי רחלען דערמאנט, אז דערנאך פרעגט מען צי דאס מיי-דעלע וויל נישט א קליידעלע, זעקעלעך, א היטעלע, און דאס מיידע-לע ענטפערט אויף אלץ ניין, ביז מען זינגט ווייטער: —

דאס מיידעלע וויל א חתנדל האבן,
דארף מען גיין דעם שדכן אנזאגן...
— יא, מאמעניו. יא!
דו קאנסט מיך שוין פארשטיין...
דו ווייסט שוין וואס איך מיין...

און רחלע ליגט אזוי מיט דעם פנים איינגעגראבן אין דער מא-מעס ברוסט, זי פילט ווי א צארטקייט גלעט אלע אירע גלידער און טרערן פון גליקזעליקייט רייסן זיך פון אירע פארמאכטע אויגן און מאכן נאס דער דורכגעליטענער גוטער מאמעס לייב...

קאפיטל 24

די ביטערע ווירקלעכקייט

די ביטערע ווירקלעכקייט איז געווען שטארקער פון די אלע זי־סע חלומות און זי האט ווי מיט האמערס געקלאפט אין דער ארי־מער ערלעכער שטוב פון מאמע און טאכטער.

שיינדעלע האט מער נישט געקאנט פארלאזן דאס בעט און רחלע האט מיט ווייטיק געמוזט בעטן די שכנות, זיי זאלן א קוק געבן צו איר מוטער, ווייל זי מוז גיין ארבעטן כדי עס זאל נישט פעלן דאס שטיקל ברויט.

צו אפט האט מען שוין געמוזט האבן דעם דאקטאר, מעדיצי־נען האבן שוין ארויסגעזויגן דעם לעצטן סענט פון שטוב, רחלע האט שוין געבעטן ביי דעם פעטלייביקן באלעבאס א פארשוס אויף איר לוין, איינמאל האט ער איר געגעבן צען פעזעס, צום צווייטן מאל האט ער איר שוין געזאגט מיט פארוואורף, אז זי קאן דאך נישט פארלאנגען פאר א גאנצן חודש פאראויס, אבער דערביי האט ער זי אזוי מאדנע אנגעקוקט, אז דאס בלוט איז אין איר פארקילט געווארן און זעענדיק די ווירקונג פון זיין קוק, האט ער איר פונ־דעסטוועגן געגעבן נאך צען פעזעס און כאטש רחלע האט נאך דעם קוק שוין געהאט באשלאסן מער ביי אים נישט צו בעטן, האט אבער דער מאמעס שווערער צושטאנד זי געצוואונגען נאכאמאל צו בויגן דעם קאפ און בעטן און דאסמאל האט שוין דער פעטלייביקער בא־לעבאס, וואס האט אין די הייסע טעג ליב געהאט ארומצוגיין אין עסקריטאריא אין א בלויס טיף־אויסגעשניטן ספארט־לייבל פון וועלכן עס האט זיך ארויסגעזען זיין באהארטע פעטלייביקייט, דאס מאל שוין אנגעהויבן זיך צו וויצלען מיט דעם ארימען מיידל און געבן איר אנצוהערענישן, אז זי וואלט געקענט האבן פיל מער ווי נאך צען פעזעס פאראויס... אזא שיין מיידל דארף גארנישט בעטן קיין טובות... אט וואלט ער אליין גרייט געווען פאר איר צו טאן אלעס וואס זי וואלט נאר פארלאנגט... זי דארף נאר אביסל מער צו פארשטיין דאס לעבן...

א, רחלע האט שוין גוט אנגעהויבן פארשטיין דאס לעבן...

ווען זי איז אן אנגעפילטע מיט עקל אנטלאפן פון דעם פעט־לייביקן באלעבאס, האט זי די פארצווייפלונג געטריבן צו די צוויי סוחרים פאר וועמען זי האט אין די נאכמיטיק און נאכט־שעהן גע־

אַרבעט די קאָנפעקציע, אָבער אויך דאָרט, ביי דעם ערשטן סוחר, נאָכדעם ווי ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט איר וואונטש, האָט זי באַקומען אַן אָנצוהערעניש, אַז אַ אַ יונג און שיין מיידל, וואָלט זיך באַדאַרפט צו שעמען בעטן געלט פאַראויס און עס איז בכלל אַ פאַרדרוס, וואָס אַזאַ שיין מיידל דאַרף אַרבעטן אַזוי שווער און זי וואָלט עס אייגנטלעך געקאָנט איינשפּאָרן ווייל אָט איז ער אַליין גרייט איר צו העלפן, אָבער נישט מיט געבן געלט פאַראויס... אַזוי פירט זיך נישט אין זיין געשעפט... דאָס וואָלט געווען אַ שלעכטער פּרעצעדענט... נאָר אויב זי דאַרף העלפן איר מאַמען, איז אַדרבא... וויפל? פינף פעזעס? צען פעזעס?...

רחלע האָט שוין גאָרנישט געוואָלט. זי איז אַרויסגעלאָפן פון געשעפט און שוין געוואָלט לויפן אַהיים מיטן פולן באַשלוס צו שטאַרבן צוזאַמען מיט איר מאַמע און נישט גיין מער בעטן ביי קיינעם, אָבער אָפּלויפנדיק אַ קוואַדרע, איז איר ווידער אויפגעשוואָמען דאָס בילד ווי איר עלנטע מאַמע ליגט אין בעט אַ קראַנקע און מען דאַרף איר העלפן און זי איז געלאָפן צום צווייטן סוחר, דאָס איז געווען אַ קלענער געשעפט וואָס האָט זיך ערשט געהאַלטן אין אַנטוויקלען, דער באַלעבאָס, אַ מענטש אין די דרייסיקער, האָט אַריינגערופן רחלען אין דער קליינער אָפּגעטיילטער עסקריטאָריאַ וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון לאָקאַל, ער האָט זי געבעטן זיצן און מיט אַ ליבנסווירדיקן שמייכל זי געפרעגט מיט וואָס ער קאָן איר דינען...

רחלע האָט נישט בלויז געפילט, נאָר אויך געהערט דאָס קלאַפּן און פּאַכען פון איר האַרץ. זי האָט געוואָלט איבערחזרן איר ביטע אַזוי ווי אויף די פריערדיקע פלעצער, נאָר זעענדיק דאָס ליבנסווירדיקע שמייכעלע אויף דעם פּאַטראָנס ליפּן, האָט זי זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן אַלפרעדאָן און אַ שוידער איז איבערגעלאָפן איבער איר לייב, און זי האָט ווי פאַרלוירן איר לשון.

איצט איז שוין דער באַלעבאָס געשטאַנען נעבן איר און זיך ווי איינגעגעסן אין רחלעס פּנים, וואָס איז ווי באַגאָסן געוואָרן מיט אַ שעמעוודיקע רויטקייט און זעענדיק איר אומבאַהאָלפנקייט, האָט ער איר מיט דער גאַנצער ליבנסווירדיקייט אויף זיין פּנים אַ גלעט געטאָן איבערן בעקל, וועלנדיק איר כלומרשט צוגעבן מוט, זי זאָל זאָגן איר פאַרלאַנג.

רחלע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און שוין האָט עס אויסגעזען, אַז זי מאַכט אַ ווענדונג צום אַנטלויפן, אָבער מיט איבערנאַטירלעכע

כוחות האָט זי זיך באַהערשט און שטעלנדיק זיך פעסט, אין שטאָל־צער גלייכער פּאָזע קעגן דעם יונגן מאַן, דעם פּאַטראָן פון געשעפט, האָט זי ווי דראָענדיק אויסגערופן:

— מיין מאַמע איז קראַנק און איך מוז האָבן צוואַנציק פּעזעס!

— קאָנט איר מיר אָן שום איבעריקע פראַגן אויסבאָרגן דאָס געלט אַלס אַ קאָנטאָ אויף מיין אַרבעט?

זי איז געבליבן שטיין אין זעלבער געשטרעקטער פּאָזע און אין אירע בליקן האָט זיך נישט מער געזען ווי איין גרויסער פראַגע־צייכן וואָס ווארט דרינגענד אויף אַ פּאָזיטיקן ענטפער.

דער באַלעבאָס איז בלאַס געוואָרן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, עפּעס ענטפערן, נאָר זעענדיק ווי דאָס מיידל שטייט אַלץ אין דער געשטרעקטער פּאָזע מיט דעם פראַגע־צייכן אין איר בליק, האָט ער זיך עפּעס פארלוירן און נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט, האָט ער זיך אויסגעדרייט צום קאַסע־קאַסטן, אַרויסגענומען דאָרט אַ פּעקל פּאַפּירענע צענערלעך, אָראָפּגענומען צוויי און דערלאַנגט רחלען.

רחלע וואָס איז געשטאַנען ביז איצט געשטרעקט ווי אַ סטאַ־טוע, האָט אַ כאַפּ געטאָן די צוויי צענערלעך, זי האָט שוין גע־וואָלט לויפן אַהיים, אָבער זי האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צום יונגן פּאַטראָן, אָנשטאָט דעם גרויסן פראַגע־צייכן, האָט פון איר בליק איצט אַרויסגעשטראַלט אַזאַ ווייכע דאַנקבאַרקייט און פילנדיק אַז אירע אויג־אַפּלען ווערן איבערגעצויגן מיט אַ טרערן־הייטל, האָט זי זיך ווידער שנעל אָפּגעקערט, אויסגערופן — אַ דאַנק! און רחלע איז שנעל אַרויס פון געשעפט.

ווען רחלע איז אַרויס, איז נאָך דער יונגער סוחר אַ ווײַלע גע־שטאַנען און מיט אַן ערנסט נייגעריקער מינע נאָכגעקוקט דורך דעם שויבן־פענצטערל פון עסקריטאָריאַ ביז זי איז אַרויס דורך דער גאַס־טיר, דערנאָך האָט זיך אַ באַהאַלטענער שמייכל גענומען קרייזלען אַרום זיינע דינע ליפּן און ווי וועלנדיק אָפּווישן דעם שמייכל, האָט ער זיך גענומען אַ קרייזל טאָן די דינע שוואַרצע וואָנסעלעך און צו־ריק אָננעמענדיק די ערנסטע געשעפטלעכע מינע ווי עס פּאַסט פאַר אַ סוחר, אַ באַלעבאָס, האָט ער צוריק פאַרמאַכט דעם געעפנטן קאַ־סע־קאַסטן און זיך גענומען פאַרטיפן אין פאַרשידענע פאַקטורעס און בריוו וואָס זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן אויפן קליינעם שרייב־טיש, אָבער אינמיטן דער ערנסטער פאַרטראַכטקייט איבער די פאַקטורעס און בריוו, האָט זיך דאָס שמייכעלע פון צייט צו צייט

ווידער געגומען קרייזלען ארום זיינע דינע ליפּן און ער האָט ווי אינסטינקטיוו געוואָרפן אַ בליק דורך דעם פענצטערל פון זיין עס־קריטאָריאַ צו דער טיר, דורך וועלכער דאָס יונגע שטאָלצע מיידל איז געהאַט אַרויס פון זיין געשעפט.

קאַפּיטל 25

רחלס ערשטער שפּאַציר

דער באַהאַלטענער הינטער־געדאַנק פון דעם יונגן באַלעבאָס פון דעם קאָנפעקציע־געשעפט, האָט אים נישט אָפּגענאַרט; רחלע איז געוואָרן אַן אָפּטע איינגייערן אין זיין געשעפט און זי האָט אָנ־געהויבן ווערן צו אים אַ סך פרייער.

ער האָט נישט באַדויערט די טובה וואָס ער האָט איר געטאָן מיטן אויסבאָרגן די צוואַנציק פּעזעס; פאַרקערט, יעדעס מאָל ווען זי האָט אים אָפּגעבראַכט אַ פּאַק אויסגעאַרבעטע סחורה, האָט ער שוין פאַר איר געהאַט פאַרגרייט אַן אַנדער פּאַק און יעדעס מאָל, ביים אָפּרעכענען זיך, האָט ער איר געזאָגט, אַז די צוואַנציק פּעזעס וועט ער שוין אָפּרעכענען ביים צווייטן מאָל און אויב זי דאַרף נאָך אַביסל געלט, זאָל זי אים נאָר זאָגן און נישטקשה, דער רוח וועט אים נישט נעמען, אויב ער וועט איר געבן אַ גרעסערע קאָנטאָ אין פאָראויס...

אָבער רחלע האָט מער נישט געוואָלט פאָראויס. זי איז אים געווען דאַנקבאַר וואָס ער וואָרט איר צו מיטן חוב, אָבער מערער באָרגן האָט זי נישט געוואָלט. זי האָט בעסער געאַרבעט איבער אירע כוחות, אַבי זי זאָל קענען פאַרזאָרגן די שטוב מיט דעם נוי־טיקסטן און נישט דאַרפן אָנקומען צו עמיצנס הילף.

רחלע האָט שוין לאַנג געמאַכט דעם חשבון, אַז עס לוינט איר נישט צו גיין אין עסקריטאָריאַ שרייבן אויף אַ מאַשין די בריוו און פאַקטורעס וואָס דער פעטלייביקער באַהאָרטער מגושם דיקטירט איר פאַר פערציק פּעזעס אַ חודש, זי האָט שוין באַרעכנט, אַז אַר־בעטנדיק ביי דער ניי־מאַשין קאָן זי אין די פרימאָרגנס אַ סך מער פאַרדינען ווי ביי דער שרייב־מאַשין און טראָץ דעם פּראָטעסט פון דער קראַנקער מוטער וואָס האָט געוואָלט אַז רחלע זאָל פּראַקטי־צירן אַן אינטעליגענטערע פּראָפעסיע, האָט דאָס יונגע מיידל בע־סער גענומען אויף זיך די שווערערע אַרבעט, אַבי איר פאַרדינסט

זאָל קענען זיין גרעסער און זי זאָל קענען ראַטעווען די גוטע מאַמע. און טאַקע כדי צו קענען מער זיין אין שטוב און אָפּהיטן דער מאַמעס געזונט.

האָט רחלע געאַרבעט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, די מוטער האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו דער לאַגע און זי האָט מער נישט געוויינט, זי האָט זיך נאָר באַמיט, אַבי זי האָט זיך געפילט אַביסל בעסער, זי זאָל צוהעלפן איר קינד, וויניקסטנס מיטן אויסענדיקן די האַנט־אַרבעט און גאַנץ אָפט, ווען רחלע האָט איר נישט געוואָלט אַריינדערלאַנגען אין בעט די קאָנפעקציע צום אויסענדיקן, האָט שיינדעלע זי געדראָט, אַז זי וועט אַראָפּגיין פון בעט און רחלע האָט שוין געמוזט צוליב טאָן און דערלאַנגען דער מאַמען אַביסל כמעט אויסגעפאַרטיקטע סחורה אויפן בעט אַרויף און שיינדעלע האָט זיך אויפגעזעצט, באַמיט זיך צו דערשטיקן די קרעכצן פון ווייטיק אין אַלע גלידער, כדי איר קינד זאָל איר נישט שטערן אין איר הייליקן וואונטש, אויסצוהעלפן איר אין דער אַרבעט...

לאַנג האָט אָבער די קראַנקע מאַמע נישט געקענט אַרבעטן; אַ שאַרף שטעכעניש ווי מיט נאָדלען האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן אין איר לייב און דעמאָלט האָט זי אַליין געמוזט אָוועקלייגן די אַרבעט, זי האָט זיך אויסגעשטרעקט אין בעט און באַלד זיך צוריק איינגעקודטשעט פון ווייטיקן, אָבער זי האָט נישט קיין קרעכץ געטאָן, כדי איר קינד וואָס זיצט ביי דער מאַשין זאָל נישט דערהערן און איר מאַכן פאָרוואורפן פאַרוואָס זי האָט זיך ווידער געכאַפּט צו דער אַרבעט.

דער דאָקטאָר איז געקומען כמעט רעגלמעסיק צוויי מאָל אין וואָך. אָבער שיינדעלען איז בעסער נישט געוואָרן. און דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס דער דאָקטאָר האָט אַלץ נישט פעסטגעשטעלט וואָס דער קראַנקער פעלט. ער האָט נאָר געזאָגט — אַלגעמיינע אָפּגעשוואַכטקייט פון קערפּער און אַ נערוועז האַרץ און אַז מען דאַרף זי אָפּהיטן און פאַמעלעך קורירן.

וואָס האָט דאָס אָרימע קינד געקאָנט טאָן מער ווי זי האָט געטאָן?

ביי דער שווערסטער אַרבעט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, מיט קורצע אונטערברעכונגען, ווען זי האָט באַדאַרפט דער קראַנקער מאַמען עפּעס דערלאַנגען, אָדער אַליין כאַפּן אַ ביסן אין מויל, האָט זי אַלץ נישט פאַרדינט גענוג וואָס די שטוב האָט ביי

אַזאַ צושטאַנד געפּאָדערט און גערן אָדער אומגערן, האָט זי ענדלעך געמוזט אָנעמען דעם פריינטלעכן אָנבאָט פון דעם יונגן פּאַטראָן, צו נעמען נאָך עטלעכע פּעזעס פּאַראַוים...

ער, דער יונגער קאָנפעקציע־סוחר, איז דאָך פּאָרט געווען בעסער צו איר ווי אַלע אַנדערע; ער האָט דאָך דער איינציקער אַרויסגעוויזן אמתן מיטגעפיל צו אירע לײדן און ער איז דאָך, אַ חוץ די אָרימע שכנים אין איר הויפל, געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך אינטערעסירט און אַפילו נאָכגעפרעגט וואָס די מוטער מאַכט און ער האָט איר אַפילו געהאָלפן באַקומען אומזיסט די אינזשעקציעס וואָס דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן פאַר דער מאַמען און ווי האָט דאָס יונגע קינד נישט געזאָלט פילן קיין דאַנקבאַרקייט צו אָט־אַ דעם גוטן מענטשן?

און נאָך מער דאַנקבאַר איז זי אים געווען, ווען ער האָט זי איינמאָל אָפּגעפירט אין זיין קאָטש מיטן פּאַק סחורה צו איר אַהיים. ער האָט זיך דעמאָלט גאָרנישט זשעניִרט, ער איז מיט איר אַריין אין איר אָרימער שטוב, ער האָט גערעדט מיט דער מאַמען און זי געטרייסט אַז זי וועט אינגיכן געזונט ווערן, אַז זי דאַרף זיין אַ געזונטע מאַמע פאַר איר שיינער און אינטעליגענטער טאָכטער, כדי די טאָכטער זאָל אויך קענען געניסן אַביסל פון לעבן...

ווי רחלען האָבן זיך דאָס דעמאָלט אָנגעפילט די אויגן מיט טרערן, ווען זי האָט געהערט די איידעלע טרייסט־ווערטער פון דעם רייכן באַלעבאָס צו איר אָרימער באַטריבטער מאַמע און וויפל דאַנקבאַרקייט צו אים עס האָט דעמאָלט געריזלט אין איר האַרץ!...

און שיינדעלען האָט טאַקע אָנגעהויבן גיין בעסער; די שטעכענישן האָבן איר נאָכגעלאָזן און זי האָט אָנגעהויבן פילן ווי עס קומען איר פּאַמעלעך צו כוחות, זי האָט שוין געוואָלט אַראָפּגיין פון בעט, אָבער רחלע האָט זי נישט געלאָזן און מורא האָבנדיק אַז דאָס אַראָפּגיין פון בעט וועט איר ערגער מאַכן, האָט זי זיך שוין אונטערגעוואָרפן דעם ווילן פון איר קינד און זי איז ווייטער געלעגן און עס איז איר געוואָרן בעסער און בעסער.

אָבער רחלען איז דורך דער צייט געוואָרן ערגער און ערגער. דאָס קינד האָט זיך פאַראַרבעט איבער אירע יונגע כוחות און אויף איר ליכטיק פּנים האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן סימנים פון מידקייט און דעמאָלט האָט דער יונגער פּאַטראָן איר אָנגעהויבן פאָרוואַרפן, אַז זי אַרבעט צו שווער, אַז פאַר אַזאַ קינד איז דאָס אַביסל צופיל און אויב שוין יאָ אַרבעטן אַזוי שווער, דאַרף זי וויניקסטנס

איינטיילן איר צייט אזוי, אַז זי זאָל אויך קענען געניסן אביסל פרי־שע לופט, כדי צו קענען אויסהאַלטן די שווערע אַרבעט...

און ער האָט עס איר געזאָגט מיט אַזויפיל ברודערלעכן מיט־געפיל, אַז ער האָט געמוזט אויף רחלען ווירקן, אָבער — האָט זי זיך געפּרואווט פאַרענטפערן פאַר אים — אָבער וואָס זאָל איך טאָן? איך קאָן דאָך נישט לאָזן מיין קראַנקע מאַמע און גיין שעפּן לופט!... און מיט וועמען זאָל איך גיין און וואו זאָל איך גיין ...

איינמאָל, ווען רחלע איז געקומען מיט אַ פּאַק אויסגעפּאַר־טיקטע סחורה, זי איז געווען אין אַ פריילעכערער שטימונג ווייל איר מאַמע האָט זיך דעם טאָג זייער גוט געפילט, האָט דער יונגער באַלעבאָס געזאָגט, אַז דער נייער פּאַק דאַרף ערשט צוגעגרייט ווע־רן, דאָס דאַרף דויערן אַ שעה אַנדערהאַלבן און דערווייל, ביז די אָנגעשטעלטע וועלן דאָס פאַרגרייטן, מוז זי זיך אַביסל דורכפאָרן מיט אים אויף לופט.

דער יונגער סוחר האָט אַליין געמאַכט אַ טרויעריקע מידע מי־נע, ער אַליין איז היינט אַזוי פאַראַרבעט און אָנגעשטרענגט, אַז ער פילט די נויטווענדיקייט צו כאַפּן אַביסל לופט און ער וועט זי איצט נישט אָפּלאָזן, זי מוז זיך מיט אים אַביסל דורכפאָרן און ווען זיי וועלן זיין צוריק, וועט שוין זיין צוגעגרייט פאַר איר די נייע אַרבעט.

עפּעס האָט זיך רחלע פאַרלוירן. עס איז איר היינט געווען אַזוי גוט אויפן האַרצן, די מוטער האָט זיך געפילט אויף אַזויפיל גוט, אַז זי איז שוין אַראָפּ פון בעט, זי האָט שוין היינט צום ערשטן מאָל נאָך עטלעכע חדשים, ווידער געהערט דער מאַמעס געזאַנג און דאָ האָט זי פאַר זיך אַזאַ גוטן מענטשן, ער פילט זיך מיד און וויל אַביסל לופט, ער האָט פאַר איר אַזויפיל גוטס געטאָן, וועט זי אים אויך צוליב־טאָן... זי דאַרף דאָך אַלצאיינס וואַרטן אויפן פּאַק פרישע אַרבעט . . .

זי האָט נאָך אַפילו נישט געזאָגט אַז זי איז מסכים, ווען דער באַלעבאָס איז אַרוים פון עסקריטאָריאָ און באַלד איז ער צוריק אַריין מיט אַ פרייד, אַז דער פּאַק איז שוין פאַרטיק און אַרויספירנ־דיק זי פון עסקריטאָריאָ, האָט רחלע געזען ווי אַ אינגל, אַן אָנגע־שטעלטער פון געשעפט, טראָגט אַרוים דעם באַקאַנטן שווערן פּאַק און טאַסקעט אים אַריין אין אויטאָ.

אַ ווײלע שפּעטער, איז רחלע שוין געזעסן אין אויטאָ און נעבן איר איז געלעגן דער גרויסער פּאַק און פאַרנט, ביי דער מאַשין, איז

געזעסן דער יונגער סוחר און געלאָזן דעם אויטאָ אין גאַנג.

נאָך פאָרן איינשטייגן אין אויטאָ, האָט איר דער פּאַטראָן אַ זאָג געטאָן, אַז די שעה וואָס זיי האָבן באַדאַרפט וואַרטן אויפן פּאַק, וועלן זיי אויסנוצן פאַר אַ שפּאַציר און זי האָט זיך איצט נישט גע־וואונדערט, ווען דער קאַטש האָט זיך אָנשטאָט צו איר שטוב אויף וועלאַזקאַ, אַ לאָז געטאָן אין שנעלן לויף לענגאויס דער גאַס קאַנינג צו די העכערע נומערן, דורכקרייצנדיק באַלד די גאַס ריוועראַ וואָס הייסט היינט קאָרדאָבאַ, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו סאַנטאַ פע, וואו מען האָט געמוזט אָפּשטעלן דעם אויטאָ און צוואַרטן אויפן צייכן פון פּאָליציאַנט, אַז מען קאָן שוין קרייצן די גאַס.

רחלע איז שוין אַ סך מאָל געפאָרן אויף שפּאַצירן, אָבער דאָס זיינען נאָר געווען עקסקורסיעס פון דער שולע צוזאַמען מיט אַ סך שילערינס. זיי זיינען דאַן געפאָרן אין ספּעציעלע גרויסע עקסקור־סיע־אויטאָס אונטער דער אויפזיכט פון זייערע לערערינס און דאָס זיינען אַלעמאָל געווען פריידיקע שעהן וואָס רחלע האָט מיטגע־מאַכט אין איר קינדהייט, אָבער פאָרן אין אַ קאַטש אין געזעלשאַפט פון אַ באַקאַנטן, גוטן, אָבער דאָך פרעמדן מענטש אויף אַ שפּאַציר, דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין רחלעס לעבן און זי האָט דורך די פענצטערלעך געקוקט מיט זשעדנע נייגעריקע בליקן אין ביידע זייטן גאַס, איינזאַפּנדיק אין זיך מיט די בליקן די איינדרוקן וואָס עס מאַכט אויף אַזאַ יונג און אומדערפאַרן מיידל אַזאַ ערשטער שפּאַציר...

קאַפּיטל 26

רחלס נייע אַנטווישונג

אויב אין רחלעס מוח איז נאָך געבליבן איינגעקריצט דאָס שרעקנס־בילד פון דעם גערוּאַנגל וואָס איר מוטער האָט אַמאָל גע־האַט מיט דעם מגושמדיקן יאַנקל דעם פרומען, אויב אויף רחלען האָט מוראדיק געווירקט די אַוואַנטורע וואָס אַלפרעדאָ מיט זיין וואוילויונגערישן חבר האָבן איר אָפּגעשפּילט מיט דעם כלומרשטן איבערפאַל אויף איר און אויב זי האָט שוין גוט איינגעזען און פאַר־שטאַנען די זשעדנעקייט פון די עגאָאיסטישע מענער און זי האָט שוין מער־וויניק געוואוסט ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן פון זייערע

ביטרעקייטן, איז איר אויף איר ערשטן שפּאַציר אויסגעקומען אי־בערצולעבן אַ נייע און זייער פיינלעכע אַנטוישונג.

דער פּאַמעלעך שטייגנדיקער אינטערעס פון דעם יונגן סוחר צו איר און צו איר מאַמען האָט רחלען אויסגעזען אַזוי נאַטירלעך, און איר דאַנקבאַרקייט צו דעם גוטן מענטש, וואָס האָט איר אַזוי־פיל מאָל אַרויסגעהאָלפן און אַרויסגעוויזן אַזויפיל גרייטקייט איר ווייטער צו העלפן, איז דאָך געווען אַזאַ ערלעכע, אַזאַ אומשולדיקע דאַנקבאַרקייט, אַז אין דעם יונגן מיידלס מוח, האָט גאָרנישט גע־קאָנט קומען קיין געדאַנק, אַז די איצטיקע גוטסקייט פון איר באַ־לעבאָס, איר אַרבעטסגעבער, איז אַן אויסגערעכנטע, מיט שלעכטע כוונות.

דער קאַטש האָט זיך שוין געגליטשט אויף דעם ווייכן אַס־פאַלט איבער דער אַווענידאַ אַלוועאַר, רחלע האָט צוזאַמען מיט דער פרישער לופט וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורכן אויטאָ־פענצטערל, געשלונגען דאָס גרינס פון אַרום און אירע בליקן האָבן זיך גע־קוויקט באַטראַכטנדיק די שיינע בונטע פּאַנאָראַמע.

ווען דער קאַטש האָט זיך געהאַט אַריינקערעוועט אין אַ גרי־נער אַלייע מיט בוימער פון ביידע זייטן, האָט ער זיך פּלוצלינג אָפּ־געשטעלט און צום ערשטן מאָל אין משך פון גאַנצן שפּאַציר, האָט דער באַלעבאָס אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו רחלען און אויסשיסנדיק מיט אַ געלעכטער, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מיר פאָרן דאָך עפּעס ווי די ברוגזע מחותנים! און נישט וואַרטנדיק אויף איר ענטפער, איז ער אַראָפּ פון קאַטש, געעפנט דאָס טירל צו רחלען און זי איינגעלאַדן, זי זאָל זיך זעצן פאָרנט, נעבן אים, וועלן זיי קענען טוישן מיט אַ וואָרט וועגן דער אַרומי־קער שיינקייט.

ער האָט עס איר געזאָגט מיט אַזאַ גוטמוטיקער תמימות, אַז עס איז איר נישט געבליבן עפּעס אַנדערש צו טאָן, ווי אָנעמען זיין איינלאַדונג.

ווען רחלע איז אַראָפּ פון קאַטש און זיך איבערגעזעצט לינקס פון דער מאַשין, האָט דער באַלעבאָס אַראָפּגעוואָרפן אונטן דעם פּאַק וואָס איז ביז איצט געלעגן אויפן געזעס נעבן רחלען, דער באַלע־באָס האָט זיך געוויצלט, אַז אַ קאַטש איז דאָך נישט קיין קאַמבאַ־לאַטש און אַז מען פאָרט אויף אַ שפּאַציר, דאַרף דאָך נישט יעדער אַרויסזען דעם פּאַק סחורה... און אָט איז ער שוין געזעסן נעבן רחלען און רחלע האָט מיט קינדישן אינטערעס און נייגעריקייט גע־

קוקט, ווי דער באַלעבאָס לאָזט דעם אויטאָ אין באַוועגונג.

דאָס אַלעס וואָס רחלע האָט איצט געזען, איז דאָך פאַר איר געווען אַזוי ניי, אַזוי אינטערעסאַנט, אַז זי האָט נישט געוואוסט וואו פריער צו וואַרפן אירע נייגעריקע בליקן; אָט האָט זי אַ קוק געטאָן פאַראויס איבער דעם וועג וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן בוימער און אָט האָט זי מיט קינדישן אינטערעס געקוקט אויף די פילע קנעפלעך און שרייפלעך מיט נומערן וואָס האָבן איר אַנט־קעגנגעפונקלט, זי האָט געוואוסט, אַז אַן אויטאָ האָט פאַרשידענע מעכאַניזמען, אָבער זי האָט זיי קיינמאָל נישט געזען אַזוי נאָענט ממש מיט די הענט צו באַרירן און דער באַלעבאָס, ווי פאַרשטייענ־דיק איר געשפאַנטקייט, האָט ער איר געוואָלט מאַכן אַ נייע אי־בערראַשונג און ער האָט אַ דריי געטאָן מיט אַ רעדל און עס האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ וואונדער־שיינע סאָפּראַן־שטימע וואָס האָט אַ שאָט געטאָן מיט אַזעלכע וואונדערלעכע טענער, גלייך ווי אַ כוואַליע קאַנאַריען־פייגעלעך וואָלטן זיך פּלוצלינג צעזונגען...

רחלע האָט זיך געפילט ווי אין אַ פאַרכישופטן חלום און אויף אַ היבשער ווײַלע, האָט זי ווי פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט; נאָר ווען די סאָפּראַן־שטימע האָט פאַרענדיקט מיט אַ פינאַל און דער באַלעבאָס האָט אויפסניי גענומען אָנשטעלן אָן אַנדער סטאַציע, האָט זיך דאָס אַנטציקטע מיידל דערמאָנט אָן איר קראַנקער מאַמען און זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן ווי גליקלעך זי וואָלט געווען, ווען איר מאַמע קאָן דאָ אַזוי מיטפאָרן און געניסן די פיינע לופט און האָבן אַזאַ פרייד ווי זי!... אוי, רחלע וואָלט גרייט געווען צו קושן דעם מענטשן פון פרייד, ווען ער זאָל אַזוי וועלן איינלאַדן אויך איר מוטער אויף אַזאַ שפּאַציר!...

רחלע איז געווען אַזוי אַנטציקט, אַז זי האָט אפילו נישט גע־פילט ווי דער באַלעבאָס האָט זיך פּאַמעלעך צוגערוקט נענטער צו איר, אַזוי ווי דער פלאַץ ביים ראָד וואָלט אים פּלוצלינג ענג גע־וואָרן; ערשט ווען זי האָט פּאָר גרויס גליק געוואָלט אים באַשענקען מיט איר דאַנקבאַרן בליק, האָט זי זיך אָנגעהויבן כאַפּן, אַז מיט איר באַלעבאָס איז עפּעס דער מער און ערשט איצט האָט זי דערפילט, אַז זי זיצט פעסט נעבן אים און זי האָט זיך ווי אינסטינקטיוו אַ רוק אָפּגעגעבן ווי אַ פאַרשולדיקטע, מיינענדיק, אַז דאָס האָט זי זיך אומבאַוואוסטזיניק אַזוי צוגערוקט צו אים.

— ראַקעל... רוקט זיך נישט אַזוי אָפּ פון מיר... עס איז געווען גוט אַזוי... רוקט זיך צוריק...

— זיינען דאָס זיינע ווערטער? — האָט עס דעם יונגן מיידל אַ שלאָג געטאָן אין מוח; — וואָס מיינט ער דערמיט?...

ערשט איצט האָט זי באַמערקט, אַז איר אַרבעט־געבער זיצט אַ ציטערדיקער, זיין פּנים איז בלאַס און די אויגן גליען מיט אַזעלכע ברייענדיקע פייערלעך און אויפן ערשטן מאָמענט, האָט זי אָנגענו־מען, אַז איר באַלעבאָס איז פּלוצלינג פאַרשוואַכט געוואָרן און זי האָט אים אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל אָפּשטעלן דעם קאַטש, ווייל איר דוכט זיך אויס, אַז ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען...

— יאָ... דוכט מיר, עס איז מיר עפּעס... ראַקעל... אויב איר האָט נישט דאַקעגן... אפשר צופאָרן דאָ צו אַ שטוב... אַריינגיין און אָפּרוען אַ ווײַלע...

— וואו האָט איר דען דאָ אַ שטוב? — רחלע האָט זיך אומגע־קוקט אין אַלע זייטן און געזען בוימער און הינטער זיי, ווייטע גרינע פּאַנאָראַמעס און איר הערצל האָט אָנגעהויבן פּאָכען פון רחמנות און מיטגעפיל צו איר גוטן באַלעבאָס — אפשר אַהיימ־פאָרן? איך זע דאָך דאָ נישט קיין שטוב...

דער באַלעבאָס האָט איר אָנגעכאַפּט די האַנט און זי פּעסט געדריקט און זי האָט געפילט ווי זיין קאַלטע האַנט ציטערט און זי האָט זי גענומען גלעטן כדי זי צו דערוואַרעמען.

אָבער פּלוצלינג האָט ער זיין האַנט אַרויסגעכאַפּט פון אירער, ער האָט מיט ביידע הענט אַ קערעווע געטאָן מיט ראָד, דער קאַטש האָט זיך פלינק אַריינגעדרייט אין אַ געסל וואו עס האָבן זיך באַוויזן הייזער און נאָך איידער רחלע האָט זיך געכאַפּט, אַז זיי געפונען זיך שוין אויף אַ באַוואוינטער גאַס, האָט זיך דער קאַטש אַ קערעווע געטאָן און אַריינגעפאָרן אין אַזאַ מאָדנע טויער ווי אין אַ טונעל און נאָך איידער רחלע האָט באַוויזן צו פרעגן וואו ער פאָרט דאָ מיט איר, האָט זיך דער קאַטש אָפּגעשטעלט און גלעטנדיק זי, האָט דער באַלעבאָס איר אַ זאָג געטאָן ציטערנדיק: — דאָ וועל איך קענען באַשטעלן אַ טרונק... איך פיל נישט גוט... קומט אַראָפּ...

זי איז געווען אַזוי דורכגענומען, אַז זי וואָלט אפשר געווען באַלד אַראָפּגעגאַנגען כדי צו העלפן איר באַלעבאָס, נאָר דער־זעענדיק דעם מענטש מיטן גאָלן קאָפּ און ווייסן פאַרטוך וואָס האָט פאַר איר געעפנט דאָס טירל, האָט איר עפּעס אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן און זי האָט אַ פרעג געטאָן, צי איז נישט בעסער אַז ער זאָל אַליין אַראָפּגיין און עפּעס טרינקען און זי וועט דאָ וואַרטן...

דער באַלעבאָס האָט זיך דורכגעשטופּט פאַר איר און פריער אַראָפּ, זי האָט נישט געהערט ווי דער מענטש אין ווייסן פאַרטוך האָט אים אַ זאָג געטאָן — „מענאַר״... און זי האָט נישט געזען ווי דער באַלעבאָס האָט אים מיט אַ ווינק שטיל געמאַכט, זי האָט שוין געמיינט, אַז דער באַלעבאָס פאָלגט זי, ער גייט אַליין אַראָפּ און זי וועט דאָ וואַרטן אויף אים.

אָבער ניין; דער באַלעבאָס האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט, זי האָט געפילט אַז ער ציטערט אינגאַנצן און ער האָט זי געבעטן:
— קום אַריין... אויף עטלעכע מינוט... איך פיל זיך שלעכט און אַז דו וועסט זיין מיט מיר, וועט מיר בעסער ווערן...

רחלע האָט זיך אַפילו נישט געכאַפּט, אַז ער זאָגט איר פּלוצלינג „דו״; דער מענטש מיטן ווייסן פאַרטוך און גאָלן קאָפּ איז פאַרשוואונדן הינטער אַ פאָרהאַנג און דער באַלעבאָס האָט רחלען אַ צי געטאָן נאָך זיך, נאָך האָבן פאַר איר אַ פונקל געטאָן די אַלע רעדלעך און שרייפלעך וואָס האָבן איר אָנטקעגנגעגלאַנצט אין קאָטש און זי האָט איבערגעפילט די גאַנצע פרייד וואָס דער שפּאַציר האָט איר פאַרשאַפט, אַז זי איז אומבאַוואוסטזיניק, אַ דאַנקבאַרע אַראָפּ פון קאָטש און זיך געלאָזן אַריינפירן פון באַלעבאָס הינטער דעם פאָרהאַנג.

דאָרט איז שוין געשטאַנען דער מענטש מיטן ווייסן פאַרטוך נעבן אַ צעעפנטער העל־באַלויכטענער שטוב, דער באַלעבאָס האָט אַ זאָג געטאָן צו אים — „קאָניאַק!״ — דער מענטש איז אוועק לענגאויס פון אַ טונקעלן קאָרידאָר און דער באַלעבאָס האָט רחלען צוגעפירט צו דער געעפנטער שטוב.

פירנדיק זי די עטלעכע טריט ביז צו דער שטוב, האָט ער זי אַרומגענומען און זיך אָנגעשפּאַרט אָן איר, אַזוי ווי ער וואָלט נישט געקאָנט אַליין גיין און ער האָט איר געגומען פּליסטערן אין אויער אַריין:

— אַלץ וועסטו פון מיר קריגן פאַר דיר און דיין מאַמען... אַלץ וואָס דו וועסט נאָר וועלן...

די ווערטער האָבן רחלען ווי האַמער־קלעפּ איבערן קאָפּ פאַרטויבט און זי האָט אויפן ערשטן מאָמענט ווי פאַרלוירן איר באַוואוסטזיין; אָבער דערזעענדיק די שטוב, מיט דעם ברייטן אויפגעבעטן בעט און די בילדער פון נאַקעטע פרויען אויף ביידע זייטן ווענט, איז איר פּלוצלינג פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן און זי

האָט געפילט אַז זי פאַלט, פאַלט אין אַ טיפן אָפּגרונט וואָס האָט נישט קיין דנאָ און זי וויל שרייען, רופן נאָך הילף, נאָר עס האָט איר אָפּגענומען דאָס לשון און עס דוכט זיך איר, אַז עמיץ האַלט איר גאָר צו דאָס מויל, אַז זי זאָל נישט קענען שרייען... יאָ... מען האַלט איר צו דאָס מויל... זי פילט די ציטערדיקע האַנט וואָס פאַרשטעלט איר דאָס מויל... זי הערט עפּעס ריידן... מען רעדט צו איר שטיל, אין אויער אַריין... — שרייט נישט — זאָגט מען איר... — שריי נישט, ווייל דו ביזט אַ „מענאַר דע עדאַד”, אַ מינדעריעריקע, און מען קען דיך דאָ דערהרגענען... ראַקעל... — ווער זאָגט איר דאָס?...

און רחלע קומט פּלוצלינג צו זיך, זי עפנט די אויגן און זי דערזעט נאָכאַמאָל דאָס בעט מיט די בילדער, די אויגן אירע גלאָצן אַרויס מיט פאַרצווייפלונג און פּלוצלינג גיט זי זיך אַ ריס פון איר פאַרפירערס הענט און איידער ער באַווייזט זי צוריק אַ כאַפּ צו טאָן אום זי צו פאַרהאַלטן, איז זי שוין אינדרויסן, פון שרעק דערזעט זי נישט אויפן מאָמענט דאָס שטיק פאַרהאַנג פון אַרויסגאַנג און אָט-אָט, און דער באַלעבאָס וואָלט זי אָנגעיאָגט; פון דער צווייטער זייט קאָרידאָר באַווייזט זיך אויך דער מיטן גאָלן קאָפּ און ווייסן פאַרטוך, ער דערזעט דאָס צעשויבערטע, פאַרצווייפלטע יונגע מיידל און אויך ער לאָזט זיך לויפן נאָך איר, אָבער אין געפערלעכסטן מאָמענט, ווען דער באַלעבאָס האָט שוין געשטרעקט די הענט זי אָנצוכאַפּן, האָט זי דערזען די עפענונג, זי האָט אַ ריס געטאָן דעם פאַרהאַנג, אַרויסגעלאָפן ווילד דורך דעם טונעל וואו זיי זיינען אַריינגעפאָרן, אַ סעקונדע שפּעטער איז זי שוין געווען אין גאַס, וואו זי האָט זיך געלאָזן לויפן מיט אַלע כוחות, ווי טויזנט בייזע גייסטער האַלטן זי נאָכגעיאָגט...

קאַפּיטל 27

אין קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ

שיינדעלע האָט זיך קיינמאָל נישט דערוואוסט וואָס מיט איר איינציקער טאָכטער איז פאָרגעקומען אין יענעם מוראדיקן טאָג, ווען רחלע איז אַהיימגעקומען אַזוי פאַרענדערט, ממש נישט צום דערקענען.

דאָס שיינע קינד איז אין דעם איינעם טאָג עלטער געוואָרן ווי־

מיט צען יאָר און איר קינדישער נייגעריקער שמייכל ווען זי האָט געזען עפּעס אַ נייע זאַך, איז פון איר פּנים אויף אייביק פאַר־שוואונדן.

דורך דעם איינעם טאָג, ניין, אין משך פון דער איינער שעה וואָס דער בייזער שפּאַציר אין דעם אויטאָ האָט געדויערט, איז רחלע אויסגעוואַקסן אין אַן ערנסטער פרוי וואָס איר באַוואוסטזיין איז אויסגעהאַמערט געוואָרן דורך שווערע קלעפּ פון רעאַלן לעבן און וויפל די מוטער האָט זי נישט געפרעגט און געפּרואווט פאַרשן ביי איר, פונוואַנען עס האָט זיך צו איר גענומען אַזאַ פאַרענדערונג, האָט שוין רחלע פאַרמאָגט גענוג גייסטיקן כוח צו באַגראָבן אין איר אייגענעם געמיט די גאַנצע שוידערלעכע איבערלעבעניש און איינשפּאָרן דער קראַנקער מאַמען די גרויסע פּיין, וואָס די מורא־דיקע געשעעניש וואָלט איר פאַראורזאַכט, ווען זי דערוויסט זיך וועגן איר.

און כאָטש רחלע אַליין איז שיער נישט צוזאַמענגעבראָכן ביי יעדן מאָל ווען זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר פאַרצווייפלט לויפן איבער די אומבאַקאַנטע גאַסן און געסלעך ביז זי איז צוגעקומען אויף אַ גאַס וואו עס איז שוין געגאַנגען אַ טראַמוויי, נאָר זי האָט נישט געהאַט ביי זיך קיין סענט צו קענען פאָרן מיט אים און ווי זי איז געגאַנגען אַ סך צענדליקער קוואַרטאַלן ביז זי האָט דערלעבט אָנצוקומען אַהיים, האָט זי פונדעסטוועגן געהאַט גענוג גייסטיקן כוח צו באַהאַלטן איר טיפן ווייטיק, אַז די מאַמע זאָל נישט האָבן קיין צער.

די שווערע האַמער־קלעפּ פון גורל האָבן רחלען געהאַרטעוועט און זי האָט אָנגעהויבן מיט דרייסטערן מוט אַנטקעגנגיין די שטור־מען פון לעבן.

די נויט אין שטוב איז געווען צו גרויס, אַז דאָס יונגע מיידל זאָל זיך קענען איזאָלירן און נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט מענ־טשן, זי האָט געמוזט זוכן אַרבעט און פּראָטעקציעס, אָבער מיט אויסגעהאַמערטן באַוואוסטזיין און איינגעבוירענעם שטאָלץ, האָט דער לעבנס־אינסטינקט און דער הייליקער ווילן צו ראַטעווען איר קראַנקע מאַמע, באַשאַפן אין איר אַ מין עקשנות, וואָס האָט גובר געווען אַלע אָנצוהערענישן און שפּיצלעך און ביטערע כ:לומרשטע גוטע־פריינטשאַפטן, זי האָט באַקומען אַרבעט, ווייטער געגאַנגען נאָך די פּעק און אָפּגעטראָגן זיי צוריק פּאַרטיקערהייט און אַלעס וואָס זי האָט אין אַכט גענומען בעת אירע באַגעגענישן מיט די

סוחרים און וואַרשטאַט-באַלעבאַטים, איז נאָר געווען וועגן איר אַר־בעט און פאַרדינסט און די איבעריקע ריידעלעך און ווערטעלעך, האָט זי אַוועקגעלאָזן מיטן ווינט.

אָ, די געשעעניש מיט דעם יונגן סוחר, וואָס האָט זי אַזוי ביט־רע אַרויסגענאַרט אויף דעם שפּאַציר און זי געפירט דורך דעם טו־נעל-טויער אין דעם הויז וואו דער מענטש מיטן ווייסן פאַרטוך און גאָלן קאָפּ האָט פאַר איר געעפנט די טיר פון אויטאָ, די געשעעניש האָט רחלען אַ סך געלערנט און די טרויעריקע דערפאַרונג איז אפשר ווערט געווען די איבערגעלעבטע פאַרצווייפלונג און שרעק; רחלע איז שוין איצט געווען ווי אַ דערוואַקסענער דרייסטער מענטש, וואָס קאָן אַנטקעגנגיין די שטורמען פון לעבן.

און וואָלטן די אַלע וואָס זיינען מיט איר געקומען אין קאָנ־טאַקט, זיך אַמאָל צייט גענומען אַ טראַכט צו טאָן וועגן דער לאַגע פון אַלע מיידלעך און אויסגעמוטשעטע אַרבעטער-פרויען וואָס קו־מען נאָך די פּעק און ברענגען זיי אָפּ צוריק פּאַרטיקערהייט; וואָלטן די אַלע סוחרים און וואַרשטאַט-אייגנטימער, אָדער ווי מען רופט זיי דאָ — „טאַזשעריסטן”, זיך אַמאָל צייט גענומען צו באַקענען זיך מיט די נויטן פון די אַלע מידע, אויסגעהאָרעוועטע, האַרעפּאַש־נע מיידלעך און פרויען וואָס אַרבעטן אין זייערע אָרימע היימען שטיק-אַרבעט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט און זיי יאָגן פון זיך די כוחות כדי צו פאַרדינען נאָך צען סענט און נאָך צען סענט, וואָלטן אפשר די אַלע געציילטע יחידים פאַר ווערמען עס אַר־בעט אַזאַ גרויסער אַנאָנימער אַרבעטער-שטאַב, געהאַט אַ בעסערע באַציאונג צו די אָרימע אַרבעטס-מענטשן און זיכער צו די אויס־דערוויילטע פון זיי, וואָס אימפּאָנירן זיך מיט פיינערער האַלטונג, מיט אינטעליגענטערן אויסדרוק און מיט מער גייסטיקער רייפקייט.

אָבער די סוחרים און טאַזשעריסטן האָבן נישט קיין צייט צו די נאַרישקייטן; צייט איז געלט און די מאַשין דאַרף כסדר זיין אין באַוועגונג און די אַנאָנימע אַרבעטער-מאַסע, דאָס זיינען דאָך נאָר שרייפלעך פון דער גרויסער מאַשין, די לוינען וואָס מען צאָלט זיי אויס, דאָס איז דאָך דער בוימל וואָס מען מוז געבן פאַר די שרייפ־לעך, כדי די מאַשין זאָל נישט פאַרלירן איר ריטם...

ציען די סוחרים און טאַזשעריסטן אויף זייערע פּנימער ערנסטע מינעס און זיי באַטראַכטן יעדעס שטיקל אויסגעאַרבעטע סחורה ווי אַן אינזשעניער באַטראַכט זיין מאָדעל פאַר אַ נייַ-דערפינדענער מאַשין און ביי דעם קלענסטן פּגם וואָס זיי געפינען אויף אַ נעטל,

מאַכן זיי די גרעסטע פּאַרוואורפן אַן שום איינזען און זיי פילן זיך ערשט גערעכט מיט זייערע פּאַרוואורפן, ווייל עס איז דאָך עפּעס קאָנפעקציע און די קאָנקורענץ איז גרויס און וועמענס קאָנפעקציע עס געפעלט בעסער, דער מאַכט געשעפט — איר פאַרשטייט? מיר צאָלן געלט, ווילן מיר דערפאַר אַרבעט און גוטע אַרבעט!...

פונדעסטוועגן, ווען אַ יונגע אַרבעטערין ברענגט אַ פּאַק, אמת, דער באַלעבאָס קוקט אויף דער קאָנפעקציע מיטן זעלבן ערנסטן בליק און פונקטלעכקייט און ער איז ערנסט אין זיינע פאָדערונגען, אָבער זיין פּנים לייטערט זיך מאָמענטנווייז אויס, אַ שמייכל גיט זיך אַ שפּיל אויף זיינע ליפּן און עס פילט זיך צומאָל, אַז דער באַלעבאָס האָט שוין באַשלאָסן ביי זיך, אַז פון דער גאַנצער קאָנפעקציע וואָס די יונגע אַרבעטערין האָט אים אָפּגעבראַכט, געפעלט אים די אַרבעטערין אַליין אַמבעסטן...

און רחלע איז דאָך טראַץ אירע ליידן געווען אַזוי שיין, מיט אַזאַ ליכטיק שיין פּנים און מיט אַזעלכע טיף-שוואַרצע קלוגע אויגן און מיט אַזאַ שיין בויגעוודיק פיגורל, וואָס די שווערע אַרבעט האָט נאָך נישט באַוויזן צו צעשטערן און ווי איז מעגלעך געווען, אַז אַ באַלעבאָס זאָל זיך האַלטן שטרענג צו איר אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט? עס האָט דאָך פון איר אַרויסגעוויעט אַזויפיל יוגנטלעכער רייץ און אַזויפיל צאַרטע אומשולד, אַז דאָס קאַלטסטע האַרץ האָט זיך געמוזט דערוואַרעמען פון איר בליק און נישט איינמאָל האָט עס געטראָפן, אַז אַ סוחר האָט איר געגעבן צו פילן, אַז פון איר אַרבעט איז ער נישט איבעראַשט, אָבער זי אַליין איבעראַשט אים און ער איז איר מוחל צוליב איר שיינקייט.

אָ, רחלע האָט שוין געזען און געוואוסט פון די אַלע הינטערגענגעלעך און כיטרע ריידעלעך און דאָס וואָס זי האָט נאָך נישט געוואוסט, האָבן איר געזאָגט די אַנדערע אַרבעטער-מיידלעך מיט וועלכע זי האָט זיך געטראָפן ביי די סוחרים.

עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין אַרבעטער-מיידלעך, וואָס האָבן געחוזקט פון רחלען, געלאַכט פון איר נאַאיוויטעט און גערווילט זיך איבער איר שטאָלץ; מאַנכע האָבן עס געטאָן פון קנאה און מאַנכע, לייכטערע גייערנס, האָבן זי געוואָלט לערנען ווי אַזוי זי קאָן זיך אויסבעסערן איר לאַגע און אויף אַ גרינגערן אופן העלפן אי זיך און אי דער קראַנקער מאַמע און זיי האָבן איר געגעבן לעקציעס ווי אַזוי זי וואָלט זיך באַדאַרפט אויפירן, אַז די פאַלשע אויס-

נוצערישע מענער זאָלן ליגן צו אירע פיס...

אָ, רחלע האָט שוין געוואוסט אַ סך זאַכן, וועלכע מיידלעך פון באַלעבאַטישע היימען, אין איר יונגער עלטער ווייסן אפשר נישט, אָבער דאָס ווייסן פון די אַלע בייזקייטן פון לעבן, האָט רחלען נאָך מער געשטאַרקט און זי האָט זיך מיט דרייסטן מוט אַריינגעוואָרפן אין קאַמף פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ און אויף צו קענען העלפן איר קראַנקער מאַמע.

קאַפּיטל 28

דער גרויסער נסיון

צוויי יאָר האָבן זיך אַזוי געצויגן. צוויי שווערע פּיינפולע יאָר פון איבער מענטשלעכע אָנשטרענגונגען פון רחלען, אָבער די מאַמען געזונט מאַכן האָט זי נישט באַוויזן.

דורך די צוויי יאָר האָט רחלע צובאַקומען נאָך אַ סך נייע דערפאַרונגען אין לעבן, אָבער זי האָט שוין אויך איינגעזען, אַז נישט אַלע מענער זיינען פאַרדאָרבן, זי האָט בלויז אָנגעהויבן איינזען, אַז אַזוי איז שוין די נאַטירלעכע קללה, אַז אַ שיינע פרוי מוז ווירקן אויף אַ מאַן און זי האָט צומאָל אָנגעהויבן האַסן איר אייגענע שיינקייט.

וויפל טויזנטער מיידלעך זיינען פאַראַן וואָס נוצן זאַלבן און פּאָמאַדעס און זייער איינציקע און גרעסטע זאָרג איז נאָר, ווי אַזוי צו מאַכן אַז דאָס פּנים זייערס זאָל אויסזען פריש און אָנציענדיק און רחלע איז געווען אַ פאַרקערטער פענאָמען. וואָס מער זי האָט זיך געפּילט שלעכט צוליב איר שיינקייט, אַלץ שענער איז זי געוואָרן און וואָס שענער זי איז געוואָרן, אַלץ מער אויפמערקזאַמקייט האָט זי געצויגן אויף זיך, אָבער געזונט מאַכן די מאַמען, האָט זי מיט איר בלויזער שיינקייט נישט געקענט.

רחלע האָט זיך שוין לאַנג צוגעוואוינט צו דער שווערער אַרבעט, אָבער די אַרבעט האָט נאָר דעמאָלט געקענט באַפרידיקן די נויטן פון שטוב, ווען די מאַמע האָט זיך כאָטש האַלב-וועגס גוט געפילט און זי איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב און אפילו באַוויזן אָפּצוקאָכן אַ מיטיק.

עס האָט אָבער אָנגערוקט אַזאַ שווערע צייט, ווען די מאַמע האָט נישט געקענט פאַרלאָזן דאָס בעט און מען האָט באַדאַרפט דאָקטוירים מיט מעדיצינען און רחלע האָט ווידער געמוזט לויפן פון איין סוחר צום צווייטן בעטן פאָראויס אַביסל געלט און ווידער האָבן זיך איבערגעחזרט די אָנצוהערענישן און דאָס פאַרצווייפלטע מיידל האָט נישט איינמאָל געמוזט ברעכן איר שטאָלץ און געבן יענעם צו פאַרשטיין, אַז איצט ליגט איר נאָר אינזינען איר מאַמע און אַבי זי וועט געזונט ווערן, וועט זי ווייסן ווי אַזוי צו זיין דאַנקבאַר צו דעם וואָס האָט איר געהאָלפן...

עס האָט רחלען געפלאַמט דאָס פנים פון בושה, ווען זי האָט אַזעלכעס געפּרואווט אפילו צו ליגנערן, אָבער אַנדערש איז עס נישט געגאַנגען און דאָס אָרימע מיידל האָט געמוזט אויסנוצן דעם געצוואונגענעם שמייכל פאַר איר הייליקן ציל.

אָבער אויך דאָס האָט נאָר געהאָלפן אויף אַ געוויסער צייט. אַ פאַרצויגענע קרענק קאָן הונדערט געזונטע מענטשן קראַנק מאַכן און מיט שיינדעלען איז אַזוי געווען דער פאַל.

דאָקטוירים האָבן איינגעזען, אַז ביי די באַדינגונגען איז שווער מען זאָל זי קענען דערהאַלטן ביים לעבן און דאָס שוידערלעכסטע איז געווען, וואָס דאָקטוירים האָבן נישט געהאַט קיין נאָמען פאַר איר קראַנקהייט; עס האָט שיינדעלען שוין גאָרנישט ווי געטאָן, נאָר די כוחות האָבן זיך איר פשוט אויסגעלאָזן און זי איז פּאַמעלעך אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.

— נאָר אַן אויסערגעוויינלעכע אָפּהיטונג און אַ גוטע פלעגע מיט אַ ספּעציעלע דיעטע און ספּעציפישע אינזשעקציעס וואָלטן אפשר נאָך באַוויזן צו שטאַרקן דעם אַזוי אָפּגעשוואַכטן אָרגאַניזם; אַזוי האָבן געזאָגט די דאָקטוירים און אַוודאי וואָלט גוט געווען ווען מען קאָן זיך דאָס אַלעם לייסטן ביי זיך אינדערהיים, ווען רחלע קאָן אַזוי זיצן נעבן דער מוטערס קראַנקן-בעט און אָפּהיטן זי מיט אַלעם נויטיקן; אָבער רחלע האָט דאָך געמוזט אַרבעטן! נישט אַרבעטן איין טאָג אפילו, האָט דאָך שוין געפעלט דער סענט אין שטוב און זי איז דאָך שוין אַזויפיל פאַרשולדיקט, זי האָט דאָך שוין גענומען אַזויפיל געלט פאָראויס און ווען זי זאָל אפילו אַרבעטן גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת-לעת ביז זי וועט זיך אַליין אַרויסשלאָגן פון די כוחות, וועט זי דען קענען פאַרדינען אַזויפיל אַז עס

זאָל סטייען אויף דעם אַלעם?

האָבן טאַקע די גוטע שכנים אָנגעהויבן שרייען, אַז רחלע זאָל די מוטער אינטערנירן אין אידישן שפּיטאָל, דאָרט וועט זי קודם קענען זיין אונטער כסדרדיקער מעדיצינישער אויפזיכט און די נייר־מאַשין וועט איר נישט קלאַפּן אין קאָפּ און דאָרט קאָן זי האָבן פיל מער אויפזיכט געזונט צו ווערן...

אָ, ווי שטאַרק רחלע האָט נישט געוואָלט שיידן זיך מיט איר מאַמען!

ווי שטאַרק זי האָט געמוזט קעמפן מיט זיך, ביז זי האָט זיך באַשלאָסן דאָס צו טאָן!

רחלע האָט זיך אין די טעג געפילט, ווי זי וואָלט געשטאַנען אויף אַ שמאָל ברעט, וואָס פון איין זייט ברעט ליגט אויסגעשפּרייט אַ שטורעמדיק טיפער ים און פון דער צווייטער זייט בושעוועט אַ העליש פייער און וואו זי זאָל זיך נישט אַ דריי טאָן, דראָט איר טויט און פאַרניכטונג.

יאָ, רחלע האָט געקאָנט אויספירן, אַז די מאַמע זאָל בלייבן אינדערהיים און זי זאָל זי קענען אַליין פלעגן מיט אַלעם נויטיקן און אַפילו אַרבעטן וואָלט זי אין דער צייט נישט באַדאַרפט, ווען זי זאָל נאָר וועלן נאָכגעבן דעם וואונטש פון איר ביז איצטיקן וואויל־טעטער,

אָ, זי וואָלט שוין אַלעם געהאַט! ער אַליין האָט עס איר צו־געזאָגט!

איר וואוילטעטער איז געווען אַ רייכער קאָנפעקציאָניסט, ביי וועמען זי האָט דורך פּראָטעקציעס באַקומען אַרבעט. ער איז גע־ווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ נידעריקער, אַ פעטער, מיט גלאַנציקע פלינק־אַרומלויפנדיקע קליינע אייגעלעך, וואָס מיט איין קוק פון זיינע אַרומלויפנדיקע בליקן, האָט ער געפינען צען פעלערן אויף יעדן שטיקל אַרבעט און ער האָט זיך געבייזערט אויף די אַר־בעטערינס, יאָ, אויף אַלע, אַ חוץ אויף רחלען. רחלען האָט ער אַלע־מאָל געלאָזן אויף לעצט, כדי קיינער זאָל נישט זען, אַז ער קאָן אויך האָבן צו אַן אַרבעטערין אַ בעסערע באַציאונג און ווען זי איז געבלי־בן די לעצטע, האָט ער זי אויפמערקזאַם באַטראַכט, דורכגעדרונגען זי מיט זיינע לויפנדיקע בליקן פון אויבן ביז אַראָפּ, אַ גוטמוטיקער־

שמייכל האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דעם זעלבן פּנים וואָס האָט ערשט אויסגעזען אַזוי כּעסדיק און ער האָט אָנגעהויבן ריידן צו איר זיסע ריידעלעך...

נאַרישקייטן; רחלע האָט זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו הערן אַזעלכע זיסע ריידעלעך; זיי זיינען איר שוין פון איין אויער אַריין און דורך דעם אַנדערן אַרויס; און ווען עס זיינען אָנגעקומען די שווערע טעג, האָט זי שוין אַפילו נישט געאַרט וואָס ער וועט איר זאָגן נאָך מער זיסע ריידעלעך, אַבי ער זאָל איר געבן נאָכאַמאָל אַ פּאַרשוס אויף איר אַרבעט און נאָכאַמאָל.

און ער האָט איר געזאָגט אַ סך נאַרישע זיסע ווערטער און געגעבן די פּאַרשוסן וויפל זי האָט נאָר פאַרלאַנגט, ביז איינמאָל האָט ער אָנגעהויבן ווערן ערנסט צו איר, און ער האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין עסקריטאָריאַ, געבעטן זי זיצן און זעצנדיק זיך אַנטקעגן איר, האָט ער אָנגעהויבן:

— איר פאַרשטייט... איך האָב אייך נישט געוואָלט זאָגן, נאָר עס גייט נישט ווייטער... איר האָט מיך אינגאַנצן געוואונען... איך ווייס, איך בין אַן אָנגעזעענער מענטש... אַ סוחר... איך האָב אַ פרוי מיט דריי קינדער... אָבער איך בענק נאָך אייך... איך טראַכט וועגן אייך און איך וואַרט נאָר, אַז איר זאָלט קומען עפּעס בעטן ביי מיר... אָבער ווייטער גייט עס נישט... איר הערט? איך קאָן נישט מער אַזוי... איך וויל אַז איר זאָלט זיין גליקלעך און איר זאָלט מיך אויך מאַכן גליקלעך... איר פאַרשטייט?... גאָרנישט זאָל אייך פעלן! מיין גאַנצע קאַסע וועט פאַר אייך שטיין אָפן!... אַלעס איז אייער, נאָר מאַכט מיך גליקלעך!... איר פאַרשטייט?...

אָ, רחלע האָט שוין גוט פאַרשטאַנען!... זי האָט געזען ווי דער מענטש זיצט אַזוי אַנטקעגן איר אַ פאַרשוויצטער און דאָך ציטערט ער פון דערוואַרטונג אויף איר ענטפער און זי האָט שוין גוט געוואוסט אויף וואָס פאַראַ ענטפער ער וואַרט, פונדעסטוועגן איז זי נישט אויפגעשפּרונגען פון איר פּלאַץ צום אַנטלויפן, עס האָבן בלויז אויפגעבליצט צוויי טרערן-טראָפּן אויף די ווינקלען פון אירע שיינע שוואַרצע אויגן, אַ בלוי אָדערל האָט זיך גענומען ציטעריק שפּילן אויף איר רעכטער ווייסער שלייף, זי האָט איינגעפּרעסט די פויסט פון דער רעכטער האַנט אין דער לינקער האַנטפלאַך און געבליבן זיצן שווייגנדיק.

ווען דער באַלעבאָס האָט געזען ווי די צוויי טרערן-טראָפּן גליטשען זיך אַראָפּ איבער אירע ציטערדיקע בעקלעך און אַנדערע

באווייזן זיך אויף זייער אָרט, איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין פּלאַץ, ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין טאַשנטוך און געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט געוואָלט צולויפן אָפּווישן איר די טרערן, אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך געענדערט, דערמאָנט זיך אין זיין באַלעבאַטישן שטאַנד, האָט ער דאָס טיכל געגומען צו דער נאָז און אַ שטאַרקן שנייץ געטאָן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט אויפוועקן פון אַ הינער-פּלעט און ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען נערוועז אין דער קליינער עסקריטאָריאַ, מורמלענדיק ווי צו זיך אַליין: — איך קאָן נישט מער... רחמנות האָב איך פיינט... איך בין אַ סוחר... אָדער, אָדער!...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן רחלען און באַטראַכטנדיק זי אַ ווײַלע, און זעענדיק ווי זי זיצט נאָך אַלץ אַזוי אַ שווייגנדיקע און די טרערן גליטשען זיך איר איבער די באַקן, האָט ער פּלוצלינג אַ רוק געטאָן מיט אַ שיפלאַד פון שרייבטיש, אַרויסגענומען פון דאָרט צוויי פּאַפּירענע צענערלעך, זיי צענויפגעקנייטשט, אַריינגע־שטופּט זיי ווי אויף כוח אין רחלעס האַנט, און ווען רחלע איז אויפ־געשטאַנען, האָט ער נאָך אַלץ געמורמלט: — איך בין אַ סוחר... אָדער, אָדער... איך האָב פיינט רחמנות... פונדעסטוועגן האָט ער איר געשענקט אַ רחמנותדיקן גלעט און צום אַרויסגיין האָט ער זיך ווידער געשטאַרקט און אַ זאָג געטאָן ווי מיט אַ פרעמד קול: — איך גיב אייך דעם לעצטן פּאַרשוים; אָדער, אָדער! קומט אַריין מאָרגן, איך וואַרט אויף אייך אין דער איצטיקער צייט!...

עס איז שוין געווען מיטיק-צייט, די אָנגעשטעלטע זיינען שוין געהאַט אַרוים פון געשעפט און רחלע האָט שנעל אָפּגעווישט מיט דעם קליינעם טיכעלע אירע טרערן און זי האָט ערשט פרייער אָפּגע־אָטעמט ווען זי איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס.

אומזיסט האָט דער סוחר אויפצומאַרגנס און אַלע ווייטערדיקע טעג געוואַרט אויף דעם בליענדיקן שיינעם מיידל, רחלע איז צו אים קיינמאָל מער נישט געקומען...

קאַפּיטל 29

אין שפּיטאָל

די קראַנקע שיינדעלע האָט גוט געזען, אַז איר איינציקע טאָכ־טער לעבט איבער שווערע טעג; זי איז געווען אויסערגעוויינלעך אָפּגעשוואַכט, אָבער איר באַוואוסטזיין איז געווען קלאָר און זי האָט גוט פאַרשטאַנען די אַלע מאַטעריעלע שוועריקייטן וואָס רחלע דאַרף איצט איבערקומען און זי האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז דאָס

יונגע קינד מוז אויסשטיין נישט ווייניק פיין ביז זי שאַפט דאָס אַלעס, אָבער וואָס האָט זי געקאָנט העלפן? קיין טרערן האָט זי שוין נישט געהאַט, איז זי געלעגן אַ בלאַס־אויסגעצערטע אין בעט און קוקנדיק מיט ווייט־אויפגעריסענע אויגן צום סופיט, האָט זי אין הארצן גאָט געבעטן פאַר איר איינציק קינד און אַז אויב ער וויל איר אָפּצאָלן מיט עפּעס פאַר איר שווער און פיינפול אָבער ערלעך לעבן, זאָל ער אויפהאַלטן אין איר דאָס ביסל חיות און איר נאָך געבן כוח צו דערלעבן זען רחלען מיט אַ מזלדיקן באַשערטן...

און עס איז געווען אין דעם טאָג, ווען רחלע איז אַהיימגעקומען אַ צעפּלאָמטע פון אינערלעכער בושה פון דעם סוחר וואָס האָט איר געמאַכט דעם אָפּנהאַרציקן פאָרשלאַג, ווען שיינדעלע האָט זי צו־גערופן צום בעט, געגלעט צוערשט אירע הענט און דערנאָך זי צו־געצויגן צו זיך, רחלע האָט זיך אָפּגעבויגן, געלייגט אויפן בעט נעבן דער קראַנקער מאַמע, שיינדעלע האָט איר געגלעט דעם קאָפּ און שטיל אין איר ווי אַריינגעשעפּטשעט:

— קינד מיינס... איך ווייס וויפל דו ליידסט... נאָר זיי שטאַרק... אַ מיידל, מעג זי זיין די מיאוסטע, פילט זיך אַלעמאָל דערהויבן ווען זי קעמפט ערלעך פאַר איר לעבן... און אַ מיידל, מעג זי זיין די שענסטע, אַבי זי האָט איינמאָל געלאָזן ברעכן איר מיידלשע אַמבי־ציע, מוז זי פאַרלירן איר אייגנליבע און זי פאַרלירט דעם ווערט פאַר יענעם ווי פאַר זיך אַליין...

רחלע האָט זיך ווי אין אימאַגינאַטישן צושטאַנד צוגעהערט צו איר קראַנקער מאַמעס ווערטער, וואָס האָבן זיך געגאָסן אין איר האַרץ און דאָרט גלייכצייטיק געשטאָכן און געוואַרימט און גלעטנ־דיק אירע האַר, האָט די מאַמע ווייטער געפּליסטערט:

— רחלע... די אומשולד איז נישט אַזוי טייער, ווי הייליק... אָפּ־היטנדיק די מיידלשע אומשולד, הייסט אָפּהיטן אַ הייליקייט וואָס באַשיצט קעגן אַלע אָפּגרונטן, וועלכע עגאָאיסטישע מענער שפּרייטן אויס פאַר דער פרוי... רחלע... קינד מיינס... איך ווייס, כאָטש דו דערציילסט עס מיר נישט... דו ליידסט אַ סך און צוליב מיר ליידסטו נאָך מער... איך וויל נישט דו זאָלסט צוליב מיר אַזוי פיל ליידן... איך וויל גיין אין שפּיטאָל, וועסטו קענען רואיק אַרבעטן און פאַר־דינען ערלעך דיין שטיקל ברויט... שוין גענוג געבעטן טובות ביי יענעם... קינד מיינס...

רחלע האָט זיך צוגעהערט און געשלוכצט אויף דער מאַמעס האַרץ. זי האָט געהערט דער מאַמעס ווערטער, אָבער גלייכצייטיק

ווי פון אַ ווידער-קול, האָט זי אויך געהערט די ווערטער פון דעם סוחר וואָס האָט איר ערשט היינט געזאָגט זיין „אָדער,אָדער!"...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צוויי טעג האָט עס געדויערט, ביז רחלע האָט ענדלעך נאָך די אַלע צוריידעכצן פון שכנים און פון דאָקטאָר, איינגעוויליקט, אַז די מוטער זאָל אינטערנירט ווערן אין שפּיטאָל.

און אפשר וואָלטן בלויז די אַלע צוריידעכצן אַליין נישט געהאָלפן, נאָר דער פּאַקט, אַז די מאַמע האָט זיך שוין אַזוי שלעכט געפילט, אַז מען האָט כסדר געמוזט אַרום איר אַרומגיין און עס איז רחלען נישט מעגלעך געווען זיך אָוועקצוזעצן צו דער מאַשין און עס איז איר נישט געבליבן עפּעס אַנדערש ווי ווידער גיין צו עמיצן בעטן געלט און אפשר טאַקע צו דעם נידעריקן דיקלעכן סוחר מיט די אַרומלויפנדיקע פּעטע אייגעלעך וואָס האָט איר געזאָגט, אַז אַלעס געהער איר... רחלע האָט זיך באמת נישט צו טראַכטן דערפון, זי האָט זיך געוואָלט איינריידן, אַז זי לאָזט די מאַמען אָפּפירן אין שפּיטאָל ווייל דאָרט וועט פאַר איר זיין בעסער, אַלע זאָגן דאָך דאָס זעלבע, אָבער עס האָט זי כסדר באַגלייט דער געדאַנק, אַז דאָס קומט זי דערמיט איבער אַ שווערן נסיון און נאָר דער מאַמעס ווערטער, דער קראַנקער מאַמעס אַריינשעפּטשען איר אין אויער אַז דער פרומס ריינקייט איז אַ הייליקייט וואָס באַשיצט זי קעגן אַלע אָפּגרונטן וואָס עגאָאיסטישע מענער שפּרייטן פאַר איר, די ווערטער האָבן זי געשטאַרקט און פונקט אַזוי ווי די מאַמע, האָט אויך רחלע געהאָפט, אַז אין שפּיטאָל וועט מען זי אויסקורירן און מאַמע און קינד וועלן ווידער קענען זיין צוזאַמען און צוזאַמען קעמפן פאַרן ערלעכן שטיקל ברויט.

די קוואַדרע אויף וועלאַזקאַ אין די ניין הונדערטער, איז פול געווען מיט נייגעריקע מענטשן וואָס בענקען נאָך אַן עמאָציע, ווען דער שפּיטאָל-אַמבולאַנס איז געשטאַנען פאַרן טויער פון שיינדעלעס וואוינונג און מען האָט פון דאָרט אויף אַ טראָג-בעטל אַרויסגעטראָגן די פאַרצערטע קראַנקע פרוי און אַריינגערוקט דאָס בעטל אין דעם אַמבולאַנס-ביידל.

אויך רחלע איז אַריין באַגלייטן די מאַמען, אַלע בליקן זיינען געווען געווענדעט צו דעם וואונדערשיינעם יונגן פאַרטרויערטן מיידל וואָס בלייבט איצט איינע אַליין אויף דער גרויסער וועלט און צענדלינקער פרויען האָבן זיך געווישט די טרערן פון מיטגעפיל און מאַנכע פון זיי האָבן שטיל געמורמלט איינע צו דער אַנדערער: — וועט נאָך די אָרימע פרוי אַמאָל קומען צוריק אַהיים?...

דער קאַטש האָט זיך געלאָזן אין גאַנג, דאָס ווייס-בלויע פענדל מיטן שפּיטאַל-קרייץ האָט גענומען פלאַטערן אויפן ווינט און דער אַמבולאַנס האָט זיך אַ פאַרקערעווע געטאָן צו טריאונוויראַטאַ צו און שנעל פאַרשוואונדן, בעת די פאַרזאַמלטע, ניַיגעריקע, עמאָציעס-זוכנדיקע מענטשן זיינען נאָך אַ לענגערע ווײַלע געשטאַנען און אויסגעדריקט זייער באַדויערן און מיטגעפיל צום אָרימען מענטשן בכלל און בפרט צו דער אָרימער פרוי וואָס מען האָט איצט אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל און ווער ווייס צי מען וועט זי נאָך זען צוריק...

קאַפּיטל 30

דער שטן — אסתר

שווערע אַרבעט איז שוין פאַר רחלען נישט געווען קיין נייעס און ווען זי איז באַלד נאָכן אינטערנירן די מאַמען אין שפּיטאָל אַוועק אַרבעטן אין אַ טאַזשער, האָט זי בלויז געטוישט דעם פּלאַץ פון דער אַרבעט, אָבער נישט די אַרבעט גופא.

פאַרקערט; אינדערהיים האָט זי נישט געהאַט קיין שעהן פאַר דער אַרבעט, דאָ האָט זי געמוזט אַוועקלייגן די אַרבעט און גיין באַדינען די קראַנקע מאַמע און דאָ האָט זי געמוזט אָפּשטעלן די מאַשין און זיך נעמען צום אויספּאַרטיקן מיט דער האַנט, און כדי אָנצוזאָגן די פאַרלוירענע צייט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט ביים קאָכן אַ מיטיק, און טאַקע כדי צו פאַרדינען וואָס מער, האָט זי געאַרבעט ביז אין שפּעטע נאַכט-שעהן; אָבער דאָ, אין טאַזשער, געענדיקט די אַכט שעה אַרבעט, גלייכט זי אויס די מידע ביינער און נאָכן אָרומוואַשן זיך, פאָרט זי באַזוכן איר מאַמע אין שפּיטאָל און זי איז עפּעס פיל פרייער, פיל זעלבסטשטענדיקער ווי פריער און אַמערסטנו באַפרידיקט זי דער פאַקט, וואָס זי דאַרף מער נישט גיין נאָך די פּעק און נישט אָפּטראָגן זיי צוריק, זי זיצט מיט נאָך אַנדערע מיידלעך, אַלע האָרעווען און נאָך דער האָרעוואַניע, ווערן זיי אַלע פרייע מענטשן און יעדער לעבט זיך פאַר זיך ווי עס איז בעסער.

און כאָטש אין טאַזשער קומט געווענג אָפּט אויס צו הערן ווערטער פון מאַנכע אַרבעטער און אַפילו אַרבעטערינס, ווערטער וואולגאַרע וואָס קלינגען אויסערגעוויינלעך באַרבאַריש אין רחלעס אויערן, פונדעסטוועגן זעט זי און זי פאַרשטייט, אַז די אַלע מיאוסע וואולגאַרע ווערטער ווערן מער אַרויסגעזאָגט פון געוואוינהייט, ווי צו מיינען עפּעס מיט זיי און זי הויבט אָן איינזען, אַז די אַלע פיינע ריידעלעך וואָס זי האָט פריער געהערט פון פאַרשידענע באַלעבאַ־

טים, האָבן זיכער געהאַט אַ פיל וואולגאַרערן הינטערגרונט ווי די פּראָסטע גראָבע שטעכווערטלעך וואָס די געזונטע הערעפּאַשנע אַר־בעטער־געזעלן און אַרבעטער־מיידלעך וואַרפן זיך איבער איינס צו דאָס אַנדערע.

נאָך עטלעכע טעג, איז רחלען שוין כמעט געווען צוגעוואוינט צו איר נייער לאַגע, זי האָט זיך ביי דער אַרבעט געהאַלטן שטיל און באַשיידן, זי האָט אפילו נישט געקאָנט חלומען אַז די אַרבעטערינס קוקן שוין אויף איר מיט קנאה און זיי האָבן זי שוין אינדערשטיל געקרוינט מיטן ביינאָמען — „די פּריצה" אָדער „די גראַפיניע"... פאַרקערט, זי האָט געפילט אויסערגעוויינלעכן דרך־ארץ פאַר די אַר־בעטער־מענטשן וואָס זי האָט געזען אַרום זיך און ווען מען האָט אויפן דריטן טאָג נאָך איר אָנקומען צו דער אַרבעט ביי איר געפאָ־דערט, אַז זי זאָל זיך איינשרייבן אין סינדיקאַט פון נאָדל־אַרבעטער, האָט זי זיך געפילט שטאָלץ דערמיט און באַלד דאָס דערנאָך דער־ציילט דער מאַמען אין שפּיטאָל.

פונדעסטוועגן, זיצנדיק איצט אַזוי ביים מיטיק אין רעסטאָראַן בריסטאָל אַנטקעגן דעם אַרבעטער־מיידל אסתר און הערנדיק אירע ווערטער, אירע פּאַראַלעלן פון בעסער לעבן און פאַרשקלאַפט לעבן, האָט זי אָנגעהויבן פילן איר עלנט, זי האָט אָנגעהויבן פילן, אַז אסתרס ווערטער צעפּרעסן פּאַמעלעך איר צופרידנקייט מיט איר שווערן גורל און כדי צו פאַרטרייבן דעם קאָשמאַר וואָס האָט זיך ווי בליי גענומען שפּרייטן אין איר מוח, האָט זי אסתרן שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— אויב דו טראַגסט זיך אַרום מיט אַזעלכע געדאַנקען, פאַר־וואָס אַרבעטסטו נאָך אין טאַזשער? דו ביסט דאָך אויך נישט קיין מיאוסע מיידל?

אסתר האָט טרויעריק געשמייכלט: — צו שפּעט!... איך בין געווען שענער, האָב איך געטראַכט אַזוי ווי דו און היינט, ווען איך בין צום שכל געקומען, איז שוין אַבּיסעלע צו שפּעט...

רחלע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיטשמועסערין און אין אירע בליקן האָט זיך אַ שפּיל־געטאָן אַ פראַגע־צייכן אויף וועלכן אסתר האָט זיך געאיילט צו ענטפערן:

— פאַרשטייסט? אַ מיידל איז דעמלט אין העכסטן ווערט, ווען זי האַלט אין שיין ווערן און אין צעבליען זיך... נישט ווען זי האַלט שוין אין בלאַקירן און פאַרוויאַנעט ווערן... איך ליג שוין אין קויש און דו ביסט ווי אַ נאַר־וואָס רייף־געוואָרענע פרוכט וואָס הענגט נאָך אויפן בוים...

אסתר האָט זיך ווי באַגייסטערט פון אירע אייגענע רייד. זי איז געזעסן אַ צעהיצטע קעגן דער שיינער רחלע און זייענדיק זי־כער, אַז אירע ווערטער האָבן שוין אויסגעאיבט אויף רחלען די געהעריקע ווירקונג, האָט זי זיך פּלוצלינג אַריבערגעבויגן מיטן קאָפּ צו רחלען ווי ווענדיק איר איינרוימען אַ סוד און זי האָט אַרויסגע־שעפּטשעט:

— זעסטו? דער דאָ, אין דער רעכטער זייט פון דיר... ער קוקט אויף דיר די גאַנצע צייט און לאָזט נישט אַראָפּ זיינע בליקן פון דיר... אויף מיר קוקט ער נישט... ער קוקט נאָר אויף דיר... ער ווייס וואָס גוט איז...

רחלע האָט פּלוצלינג דערפילט ווי זי וואָלט דאָ געזעסן נישט מיט אַ באַקאַנט אַרבעטער־מיידל וואָס האָרעוועט פּונקט אַזוי שווער ווי זי, נאָר ווי דער שטן אַליין וואָלט געזעסן מיט איר און געגאָסן גיפט אין איר האַרץ און נישט ענטפערנדיק מער קיין וואָרט, האָט זי זיך אויפגעשטעלט, בלויז מיט אַ קאָפּ־שאָקל זיך געזעגנט מיט אסתרן און נישט קוקנדיק אפילו אין דער זייט וואו אַ געניוג יונגער מענטש איז געזעסן און זי די גאַנצע צייט אָבסערווירט, איז רחלע צוריק אַרויסגעשוועבט לענגאויס דעם פראָנט־סאַלאָן פון רעסטאָראַן בריסטאָל.

ווען רחלע וואָלט געוועזן אַ קוק געטאָן צו דעם מענטש וואָס האָט זי אַזוי אָבסערווירט, וואָלט זי אין אים געוועזן דערקענט דעם יונגן סוחר, וואָס האָט זי אַמאָל אַזוי מיאוס אַריינגענאַרט אין זיין קאַטש און גענומען זי אויף דעם שרעקלעכן שפּאַציר...

קאַפּיטל 31

אין טאַזשער

היינט הייסט ער שוין מאָריסיאָ און ער פירט אָן אַלס „קאַ־פּאַטאַס" אַ גרויסן טאַזשער; אָבער דעמאָלט ווען עס האָט זיך אָפּ־געשפּילט אונדזער געשיכטע, האָט ער נאָך געהייסן מאָטל און ער האָט אין זיין וואוינונג אויף אַלווארעז געהאַט אַ טאַזשער אין וועלכן עס האָבן געאַרבעט אויפן ערשטן פּלאַן ער אַליין, זיין ווייב און אייך זון מיט צוויי טעכטער און חוץ זיי, האָבן נאָך געאַרבעט פיר מייד־לעך און דריי מענער, צווישן וועלכע איינער איז געוועזן דער פרע־סער.

מאָטלס ווייב און זיינע טעכטער, האָבן נישט געאַרבעט כסדר, זיי האָבן נאָר אין איילנדיקע מאָמענטן אַרויסגעהאָלפן אין אויס־

ענדיקן די אַרבעט, אָבער אַזעלכע איילנדיקע מאָמענטן זיינען גע־וועזן כמעט יעדן טאָג און דאָס נישט רעגלמעסיקע איז נאָר געווען אין דעם, וואָס זיי האָבן בלויז געאַרבעט צו עטלעכע שעה אין טאָג, בעת אַלע איבעריקע האָבן געמוזט קומען פּונקטלעך האַלב-אַכט אינדערפרי און אַרבעטן ביז האַלב צוועלף און פון איינס ביז פינף נאָכמיטיק.

דער זון, יאָסקע, אַן אַכצן-יעריקער יאַט, האָט שוין געאַרבעט ביי דער מאַשין פּונקט ווי די אַנדערע צוויי אַרבעטער, וואָס איינער פון זיי, מאָטלם אַ לאַנדסמאַן, איז שוין געווען אַן עלטערער אויסגע־האָרעוועטער איד מיט אַ גראָ בערדל, וואָס האָט אים געגעבן דעם טיפּישן אויסזען, ווי אַ שניידער פון אַן אַלט-היימיש שטעטל.

מאָטל אַליין האָט נישט געטאָן קיין באַשטימטע אַרבעט, אָבער ער האָט געהאַלטן אַן אויג אויף אַלע אַרבעטן מיטאָמאָל און ער איז געווען ביי יעדער מאַשין און ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז די אַרבעט זאָל איבעראַל קלאַפּן און אָנהאַלטן דעם פולן ריטם.

עס איז שווער פעסטצושטעלן צי מאָטל איז טאַקע געווען טויב, צי ער האָט זיך בלויז געמאַכט אַזוי, אַ פאַקט איז, אַז ער האָט קיינ־מאָל נישט דערהערט ווען אַן אַרבעטער, מאַן אָדער פרוי, האָט זיך עפּעס באַקלאָגט אָדער זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַר פאַרשפּעטיקן מיט עטלעכע מינוט צו דער אַרבעט; ער האָט אין אַזעלכע פאַלן אַ נעם געטאָן די האַנט פאַרן אויער: — העעע? און ווי ער וואָלט נישט געהערט קיין וואָרט, האָט ער זיך געבייזערט און געשריגן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט געהאַט אַ סיבה צו שרייען אויף אַן אַנדערן.

דער טאָזשער האָט זיך געפינען אין אַ פראָנט-סאַלע זיבן אויף קנאַפּע זעקס מעטער די גרויס, פיר ניי-מאַשינען זיינען געשטאַנען אין אַ גלייכער רייע נעבן די פענצטער און די מאַשין-נייער זיינען גע־זעסן מיט די פּלייצעס צו די פענצטער. פון דער זייט צו דער טיר צו, איז געשטאַנען אַ טיש נעבן וועלכן מאָטל האָט געקעניגט, דער־לאַנגענדיק פון דאָרט פרישע סחורות און באַפעלן און פון דער צוויי־טער, דווקא דאָרט וואו עס איז צוגעקומען ווייניקער פרישע לופט, איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש אויף וועלכן דער פרעסער האָט כסדר אַרומגעפירט דאָס הייסע שווערע פרעס-אייזן וואָס האָט פון זיך גע־שפּריים נישט בלויז היץ, נאָר אויך קוילן-גאַז.

די פיר מאַשינען מיט די צוויי טישן ביי די זייטן, האָבן פאַר־מירט אַ „ח" און אינעווייניק, אין דער „ח", אַנטקעגן די מאַשינען און צווישן די צוויי טישן, זיינען אויף נידעריקע בענקעלעך געזעסן די האַנט-אַרבעטערינס.

האָבנדיק פריער געאַרבעט אינדערהיים, האָט רחלע געקענט אַלע אַרבעטן. זי איז אַריין אין טאַזשער אַלס מאַשין־נייערין, אָבער ווען עס האָט אויסגעפעלט אַרבעט ביי דער מאַשין, האָט זי געמוזט פאַרנעמען פּלאַץ אויף אַזאַ נידעריק בענקעלע און טון אַנדערע אַר־בעט, צוגרייטונגס־אַרבעט פאַר דער מאַשין.

מאָטל, דער באַלעבאָס פון טאַזשער, האָט אָבער גוט פאַרשטאַ־נען ווי אים לוינט בעסער; ער האָט רחלען נישט אָוועקגענומען פון דער מאַשין כדי איר צו געבן אַרבעט וואָס צאָלט זיך ווייניקער, נאָר ער האָט איר געגעבן אַריינצונייען די קישעלעך אין די אַקסל פון רעקלעך און מאַנטלען, אַן אַרבעט וואָס צאָלט זיך טייערער ווי ביי דער מאַשין און מאָטל האָט שוין אַלעמאָל אַזוי אויסגעחשבונט, אַז פּונקט דעמאָלט ווען מען האָט גענייט מאַנטלען, האָט אויסגעפעלט צו דער מאַשין און רחלע האָט זיך געמוזט — כדי נישט צו בלייבן אָן אַרבעט — איבערזעצן זיך אויפן נידעריקן בענקעלע און הויבן כסדר די שווערע מאַנטלען און שטויסן פלינק די נאָדל דורך די האַר־טע ביליקע שטאָפן און דיקע קישעלעך און אַזוי איבערוואַרפן אַ פאַר צענדלינק אַריינגענייטע אַקסל־קישעלעך דורך אַ פרימאַרגן אָדער אַ נאָכמיטיק־אַרבעט.

זיצנדיק ביי דער מאַשין, האָט זיך רחלע פאַרט ווייניקער אָנ־געשטרענגט. די מאַשין גייט אויף אַ מאָטאָר, און רחלע דאַרף נאָר אַכטונג געבן אָנצוהאַלטן דעם ריטם מיט דער ליניע פון די צענויפ־געלייגטע זוימען, אַז זיי זאָלן זיך נישט צעפּאָרן און זיי זאָלן לויפן גלייך אונטער דער נאָדל און ווען דער פאָדים רייסט זיך, מוז מען פלינק צוריק אַריינפעדעמען און ווייטער פאָרן, ווייל יעדע מינוט, יעדע רגע קאָסט געלט...

אָ, רחלע איז נישט נאָר אין דער שול און דערנאָך אין „ליסעאָ" געווען אַ גוטע שילערין; זי האָט אויך ביי דער מאַמען גלענצנד גוט אויסגעלערנט די שווערע אַרבעט אַלס קאָנפעקציע־נייערין און די מאַשין האָט אָן איבעריקער אָנשטרענגונג אויסגעפאָלגט אירע באַ־פעלן; אָבער זיצנדיק אויפן נידעריקן בענקעלע און הויבנדיק די שווערע מאַנטלען האָט זי געפילט די שווערקייט פון דער אַרבעט. וויפל זי האָט זיך באַמיט צו זיצן מיט אויסגעגלייכטער פּלייצע, האָט זי די וואָג פון דעם שווערן מאַנטל אַראָפּגעשלעפּט און געבויגן אויף אַראָפּ און וויפל זי האָט אַכטונג געגעבן ביים שטויסן די נאָדל דורכן דיקן שטאָף, האָט זי זיך פאָרט נישט געקאָנט פאַרהיטן און גאַנץ אָפט האָט זי געמוזט מאַכן קורצע פויזעס בעת וועלכע זי האָט שנעל אַרויסגעזויגן די רויטע בלוט־קייקעלעך וואָס האָבן זיך באַ־וויזן אויפן צעשטאָכענעם פינגער.

און עס איז געווען נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס רחלע האָט בעסער געוואָלט זיצן ביי דער מאַשין; זיצנדיק ביי דער מאַשין, האָט זי אונטער דעם פאַרטויבנדיקן גערויש פון מאָטאָר, נישט געהערט אַזויפיל, נישט דאָס וואָרטשען פון טויבן באַלעבאָס און נישט די גראָבע רייד מיט וועלכע די אַרבעטער און אַפילו אַרבעטערינס האָבן זיך כסדר איבערגעוואָרפן. אָבער זיצנדיק אויפן נידעריקן בענקעלע, האָט זי אַ חוץ די מידקייטן אין די ביינער, נאָך געמוזט אויסהערן די וואולגאַרע שטעכווערטלעך, וואָס כאָטש זי האָט שוין געהאָט פעמטגעשטעלט אַז דאָס איז די פּראָסטע טאָג-טעגלעכע שפּראַך אין די שניידער-טאַזשערן און אַז אָט-אָ די פּראָסטע וואולגאַרע ווערטער זיינען אַלץ ריינער פון די פאַלשע שמייכל-רייד וועלכע זי האָט פריער באַדאַרפט אויסהערן, פונדעסטוועגן האָבן זי די ווערטער שאָקירט און זי האָט געאַרבעט רואיקער ווען זי איז געזעסן ביי דער מאַשין.

די אַרבעטער, זעענדיק אַז רחלע פילט זיך שלעכט פון זייערע פּראָסטע אויסדרוקן, האָבן אין דעם געפונען אַ ספּעציעלן פאַרגעניגן ד ו ק א אַזוי צו ריידן און דווקא אַזוי אַ שליידער טאָן די ווערטער, אַז רחלע זאָל זיי מוזן הערן און עס האָט נישט געהאָלפן דאָס אומזיסטע בייזערן זיך פון טויבן באַלעבאָס, די אַרבעטער-מיידלעך האָבן אָנגעקוואָלן זעענדיק ווי די „גראַפיניע" רויטלט זיך און טוט זיך שטאַרקער אריין אין דער אַרבעט, זי לויפט מיט דער נאָדל אַזוי שנעל, ביז זי פאַרשטעכט זיך די פינגער...

און גאַנץ אָפט, זיצנדיק אַזוי אויף דעם נידעריקן בענקעלע און פילנדיק ווייטיקן אין דעם געבויגענעם רוקן און מוזנדיק אויסהערן דערצו די וואולגאַרע רייד וואָס מען וואַרפט זיך איבער אַזוי פרייליך כדי איר ווי צו טאָן, האָט זי זיך דערמאָנט אָן די ווערטער פון אסתר, זי האָט זיך ווידער געזען זיצנדיק קעגן אסתרן אין רעסטאָראַן בריסטאָל און זי האָט געהערט אסתרס ווערטער: — צו שפּעט... איך בין געווען שיין, האָב איך געטראַכט אַזוי ווי דו און היינט, ווען איך בין צום שכל געקומען, איז שוין אַבּיסעלע צו שפּעט...

אָבער אַזוי שנעל ווי די געדאַנקען זיינען געקומען, האָט רחלע ווי פון ערגעץ-וויט אויך דערהערט אַ צאַרט-שטילע קוים שעפּטשענדיקע שטים, די שטים פון איר קראַנקער מאַמע, וואָס האָט איר אַריינגעפּליסטערט אין די אויערן — די אומשולד איז אַ הייליקייט וואָס באַשיצט די פרוי קעגן אַלע אָפּגרונטן, וואָס ענגאַיסטישע מענער שפּרייטן פאַר איר...

די אַרבעטער-חברטעס און חברים האָבן געזען און פאַרשטאַנען אַז רחלע לעבט אין אַן אַנדער וועלט ווי זיי, זיי האָבן זי אין האַרצן

רעספּעקטירט, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי נישט אויפגעהערט זי רופן „גראַפיניע” און זיי האָבן זיך ווייטער געקוויקט, זעענדיק ווי זייערע וואולגאַרע טאַזשער־אויסדרוקן שאָקירן דאָס יונגע געפּיל־פּולע מיידל...

קאַפּיטל 32

אַליין אויף דער גרויסער וועלט

לאַנג האָט זיך שיינדעלע נישט געמוטשעט אין שפּיטאָל.

צו שפּעט האָט דאָס געטרייע אָבער אומדערפאַרענע קינד באַשלאָסן צו אינטערנירן די מאַמען אין שפּיטאָל און עס האָבן שוין נישט געקאָנט העלפן די אַלע באַמיאונגען פון די דאָקטוירים, די אָרימע פרוי אָפּצוראַטעווען.

— געזונט זאָל מען זיין און מען זאָל נישט דאַרפן אָנקומען אהער; אָבער אויב אַ אידיש קינד ווערט חלילה קראַנק און מוז אָנקומען אהער, דאַן זעט מען ערשט ווי נויטיק עס איז דער אידישער שפּיטאָל!...

אַזוי האָבן ווייבער גערעדט צווישן זיך, סיי וואַרטנדיק אין די קאָרידאָרן נעבן די טירן פון די קאָנסולטאַריאָס, סיי אין וועסטיבולאָ נעבן דער אַדמיניסטראַציע, וואו זיי האָבן געזוכט פאַרשידענע פּראָטעקציעס, אָדער באַדאַרפט בעטן אינזשעקציעס אָדער ראַדיאָגראַפיעס אומזיסט.

מאַמעס מיט קראַנקע קינדער האָבן גערעדט צווישן זיך: — ווי קאָן אונדזערס גאַטונג גיין אין די גויאישע שפּיטעלער, אַז מיר קענען זיך נישט דורכשמועסן מיט די דאָקטוירים? דאָ ווייסטו דאָך וואָס דער דאָקטאָר זאָגט דיר און דער דאָקטאָר פאַרשטייט וואָס דו זאָגסט אים און עס איז דאָך עפּעס אַ גאַנץ אַנדער צוטרוי, ווען מען ווייסט אַז מען איז צווישן אייגענע!...

מען האָט אויך געהערט קריטיק; מען האָט געהערט דערמאָנען נעמען פון דאָקטוירים וואָס באַהאַנדלען בעסער און מען האָט געהערט פאַרקערט, דאָקטוירים וואָס זוכן אַריבערצוגעווינען קראַנקע פון שפּיטאָל פאַר זייערע פּריוואַטע קאָנסולטאָריעס, וואו זיי נעמען באַצאָלט פאַר די וויזיטן...

געבענטשט האָט מען די דאָקטוירים וואָס ריידן אַ ריינעם און זאַפטיקן אידיש. אויף אַזעלכע האָט מען געזאָגט: — זיי זיינען דאָך ווי אייגענע ברידער, ווי אייגן בלוט און פליייש און זיי נעמען דאָך צו די קראַנק בלויז מיט זייערע ווייכע טרייסטנדיקע רייד!...

שיינדעלע איז צום ערשטן מאָל זייט זי איז אַזוי אומגליקלעך געקומען קיין אַרגענטינע, געלעגן אין שפּיטאָל. זי איז געלעגן מיט די אויגן צום סופיט און זי האָט זיך געפילט אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זי האָט נישט געקאָנט אויסדרייען דעם קאָפּ.

בלויז ווען רחלע האָט זי באַזוכט, האָט זי מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג קוים באַוויזן אויסצודרייען דעם קאָפּ צו איר. דאָס האָט זי זיך אַזוי באַמיט, אַז רחלע זאָל נישט זען ווי מסוכן שלאַף זי איז.

שיינדעלע האָט געזען ווי די דאָקטוירים באַמיען זיך אַרום איר, מען האָט איר כסדר געגעבן אַנדערע אינזשעקציעס, די אינזשעקציעס האָבן איר זייער ווייגעטאָן ביים שטעלן זיי, בלויז ווען איינער פון די קראַנקן-פלעגער האָט איר געשטעלט די אינזשעקציע, האָט זי נישט געפילט קיין ווייטיקן און זי איז אים געווען אַזוי דאַנקבאַר און זי האָט איבערגעטראַכט וועגן זיין נאָמען, זי האָט געהערט ווי מען רופט אים פון ווייטן, מען רופט אים פון אַלע זייטן, מען רופט אים אָפּאַטאָווסקי און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אָפּאַטאָווסקי איז מער געניט ווי די אַנדערע אויף צו שטעלן די אינזשעקציעס און זי איז אים געווען אַזוי דאַנקבאַר ווען זי האָט אים געזען צוקומען צו איר בעט, כדי איר צו געבן די קוראַציע וואָס די דאָקטוירים האָבן איר פאַרשריבן; ער איז געווען אַזאַ פריילעכער, אַז אפילו צווישן די קראַנקע וואו עס איז געווען אַזוי טרויעריק, האָט ער אַלעמאָל אַ גוט וואָרט, אַ פריילעך וואָרט און אַ וויץ און עס האָט צומאָל אויסגעזען, אַז די ממש טויט-אָפּגעשוואַכטע שיינדעלע וויל זיך צעשמייכלען ווען ער קומט צו צו איר בעט...

אָבער פּלוצלינג האָט זיך דער אָפּאַטאָווסקי מער נישט באַוויזן אין סאַלע, זי האָט געהערט ווי קראַנקע רופן זיין נאָמען און אין הארצן האָט זי אים אויך גערופן, אָבער ער איז נישט געקומען און זי איז געלעגן אַזוי שוואַך, אַזוי שוואַך, אַז זי האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח אויסצודרייען איר קאָפּ צו רחלען, ווען זי איז געקומען נאָך דעם שווערן טאָג אַרבעט זען די מאַמען..

לאַנג האָט זיך שיינדעלע נישט געמוטשעט ביז זי האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם-צוג.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטיק, האָט שיינדעלע פּלוצלינג דערהערט ווי פייגעלעך צעזונגען זיך מיט זייערע טרעלן און עפּעס זיינען די טרעלן אַזעלכע זיסע און בענקענדיקע; האָט זי זיך גענומען שטאַרקער איינהערן צו דעם פויגל-געזאַנג און פּלוצלינג האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דאָס זינגען נישט קיין פייגעלעך, נאָר עפּעס אַ באַקאַנט קול, יאָ, מאַטעלעס קול... זי דערקען עס... און אָט זעט זי אים קעגן

זיך, ער קומט צו שוועבן פון דערהויך... זי זעט ווי זיינע ליפּן באַוועגן זיך און זי הערט זיין געזאַנג:

פליען טויבן פאַר מיין פענצטער
ווייסע טויבן צוויי...

זי וויל אים עפּעס זאָגן, זי וויל שטרעקן די הענט צו אים, נאָר עפּעס פעלט איר אָטעם און זי קאָן מיט קיין גליד נישט באַוועגן און עס טוט איר אַזוי ווי וואָס זי קאָן נישט אַרויסווייזן איר גרויסע פרייד וואָס זי זעט אים ענדלעך... זי וויל אים זאָגן, אַז זי האָט אַ גאַנץ לעבן געוואַרט אויף אים... אַ גאַנץ לעבן... קיינער האָט זי קיינמאָל נישט באַרירט... קיינער, ווייל זי האָט געוואַרט אויף אים.... אויף מאָטעלען... און זיין קינד, זיין רחלע האָט זי אויך אָפּגעהיטן... אוי, ווי שטאַרק זי וויל אים דערציילן, ווי פיין רחלע האָט זיך געלערנט אין שול און ווי זי האָט אַ גאַנץ לעבן געהאָרעוועט, אַז זיין רחלע זאָל ווערן אַ גרויסער מענטש... אָבער ניין... זי דאַרף עס אים נישט זאָגן, ער ווייס עס אַליין... אָט שמייכלט ער איר אַנטקעגן מיט דאַנקבאַרקייט... און וואו איז איר רחלע? — יאָ... רחלע איז אויך דאָ... זי פילט ווי איר טייער קינד ווישט איר דעם שוויים פון שטערן... זי וויל זי אַרומנעמען, צופרעסן רחלעס קאָפּ צו איר ברוסט.... זע ווי גוט דאָס איז, רחלע פאַרשטייט וואָס זי וויל, זי בויגט אַליין אָפּ דעם קאָפּ, שיינדעלע פילט דער טאָכטערס הייסע טרער אויף אירע באַקן און זי וויל איר זאָגן: — נאַרעלע, וואָס וויינסטו? דו זעסט דען נישט? דיין טאַטע איז דאָך דאָ... הערסט נישט ווי ער זינגט אַזוי צאַרט, אַזוי שיין...

טויבן פליען פאַר מיין פענצטער...

קיין ווערטער האָט מען נישט געהערט. רחלע האָט בלויז געזען ווי דער מאַמעס פאַרברענטע ליפּן האָבן זיך לייכט באַוואוינגן, עס האָט בלויז געדויערט געציילטע סעקונדן און ווי פּלוצלינג האָבן זיך די ליפּן געשלאָסן, אַ שמייכל האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף שיינדעלעס פאַרצערטן טויטן פּנים און מען האָט רחלען אַוועקגעריסן פון איר מוטערס בעטל.

שיינדעלע איז געשטאָרבן און רחלע איז געבליבן איינע אַליין אויף דער גרויסער וועלט...

— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

קאַפּיטל 33

ווען דאָס לעבן רופט

זיבער האָט עס געדויערט טעג, וואָכן און חדשים, ביז רחלע איז געקומען צו זיך נאָך דעם לעצטן קלאַפּ וואָס דער גורל האָט איר אַזוי אומברחמנותדיק דערלאַנגט, אָבער געקומען צו זיך איז זי.

די ערשטע צייט איז זי אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט געלעגן אינדערהיים און געוויינט, די שכנים האָבן זי צוגערעדט, אַז זי זאָל בייטן די דירה, אַז אַ לעבעדיקער מענטש טאָר נישט כסדר טרויערן נאָך אַ געשטאָרבענעם, מעג עס אַפּילו זיין די געטרייעסטע מאַמע; — וואָס די ערד דעקט צו, דאָס מוז פאַרגעסן ווערן — האָבן זיי גע־טענהט און גראָד האָט זיך אויפן זעלבן הויפל אָפּגעליידיקט אַן זויבער־שטיבל, האָט זיך רחלע אַריינגעקליבן דערין און עס קאָן זיין, אַז דאָס בייטן די דירה האָט אויך אַביסל געווירקט, רחלע האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך.

דערווייל האָט זיך געמאַכט, אַז דער סינדיקאַט פון נאָדל־אַר־בעטער האָט זיך געגרייט צו אַ שטרייק, מען האָט גערופן אַרבע־טער אין פאַראיין און רחלע האָט אויך געמוזט גיין און אַזוי האָט זי פּאַמעלעך אָנגעהויבן קומען צווישן מענטשן, זי האָט זיך צוערשט אומגערן און דערנאָך מיט פליים אַריינגעמישט אין די דיסקוסיעס פון די אַרבעטער האָבן צווישן זיך געפירט אין סינדיקאַט און רחלע מיט איר אינטעליגענץ, זי האָט דאָך פאַרט געענדיקט זעקס קלאַסן און אַפּילו געלערנט אַ קנאַפּ יאָר אין ליסעאַ, האָט זי גאַנץ אָפט אַרויסגעוויזן אַ שנעלערע אָריענטאַציע אין פאַרשידענע וויכטיקע פראַגן און מען האָט זיך צו איר צוגעהערט מיט פולער אויפמערק־זאַמקייט און אָט־אָ די דיסקוסיעס, די אויפמערקזאַמקייט וואָס מען שענקט אירע ווערטער, האָבן איר געגעבן אַ זין פאַר איר לעבן, זי האָט בעת די דיסקוסיעס אַ סך מאָל איבערגעלעבט דערהויבנדיקע מאָמענטן וואָס האָבן זי געמאַכט פאַרגעסן אַן אַלע אירע פּיינפולע איבערלעבענישן.

פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין בחורים, יונגע אַרבעטער, חברים פון זעלבן סינדיקאַט, וואָס האָבן זיך באַ־מיט צו געווינען די סימפּאַטיע פון דעם וואונדערשיינעם און אינטע־ליגענטן אַרבעטער־מיידל. נישט נאָר די אַרבעטער, נאָר אויך אַל־בערטאָ, אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, אַ טוער אין סינדיקאַט, האָט זיך אויך און אפשר טאַקע אַמשטאַרקסטן באַמיט צו געווינען רחלעס אויפמערקזאַמקייט, און עס איז פאַר אים געווען ווי געווינטשן, ווען

ער האָט זיך דערוואוסט, אַז רחלע קאָן שרייבן אויף מאַשין, ער האָט שוין געהאַט אין דעם אַן אָנהאַלט, ער האָט זי געמאַכט זי זאָל אויסשרייבן בריוו צו מיטגלידער, האַפנדיק, אַז דאָס וועט דערנענטערן זיין קאָנטאַקט מיט איר.

רחלע האָט גערן אָנגענומען די אַרבעט, עס איז דאָך עפּעס פאַרן סינדיקאַט, אָבער אַלבערטאָן גופא האָט זי דווקא נישט געשענקט קיין איבעריקע אויפמערקזאַמקייט. זי האָט געוואוסט וועגן אים פאַרשידענע זאַכן; די מיידלעך אין סינדיקאַט האָבן נישט איינמאָל גערעדט וועגן אים און אויסטיילנדיק אַפילו די ווערטער וואָס זי האָט פאַרשטאַנען אַז זיי קומען פון קנאה פון איין חברטע קעגן דער צווייטער, האָט זי פונדעסטוועגן איינגעזען, אַז דער טוער איז אַ בחורל וואָס האָט ליב אַ פלירטל און עס איז אים נישט קיין חילוק מיט וועמען, אַבי אַ נייע פּנימל, ווערט ער דערצו ווי צוגעקאָוועט...

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן און קומען אין קאָנטאַקט מיט מענטשן, האָט רחלען אַ סך געלערנט.

זי האָט נאָך איר מוטערס טויט געקאָנט גיין אַרבעטן אין אַ ביוראָ אַלס מאַשין־שרייבערקע, די שכנים האָבן זי צוגערעדט דערצו; פאַר זיך, איינע אַליין, האָבן זיי געטענהט, וועט זי פאַרדינען גענוג און זי וועט נאָך קענען ווייטער לערנען; אָבער ווען זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פעט־לייביקן באַהאַרטן באַלעבאָס וואָס האָט איר דיקטירט די בריוו מיט די פאַקטורעס און די אָנצוהערענישן וואָס ער האָט איר געגעבן בעת זי האָט אים געבעטן צען פעזעס פאַרשוס, די בלויזע דערמאָנונג אָן דעם, האָט זי געעקלט און געדענקענדיק די דערפאַרונגען וואָס זי האָט געהאַט מיט אַנדערע באַלעבאַטים און מיט די אַלע געפּאַטשקעטע מענטשעלעך צו וועמען זי האָט באַדאַרפט אָנקומען, האָט זי איינגעזען, אַז אַט־אָ די פּראָסטע אַרבעטער, מעגן זיי אַפילו ריידן אויף אַ שפּראַך וואָס קלינגט אַזוי באַרבאַריש אין אירע אויערן, זיינען זיי אַלץ ערלעכער און אויפריכטיקער און זיי באַנעמען זיך נאָר אַזוי, ווייל דאָס האַרטע לעבן האָט זיי נישט געקאָנט אויסלערנען קיין ווייכע שפּראַך...

אָבער אין דעם טוער פון סינדיקאַט, האָט זי געזען אַ געפּאַטשקעטן יונגענמאַנטשיק וואָס באַמיט זיך נאָכצומאַכן די רייכע זינדלעך פון קאָנינגער סוחרים און טאַזשערניקעס און רחלע האָט איינגעזען אַז די מיידלעך זיינען גערעכט, ווען זיי זאָגן אויף אים, אַז אַ געמאַכטע מכשפה איז ערגער ווי אַ געבוירענע...

פונדעסטוועגן, האָט אַלבערטאָ מיט אייפער געטאָן זיין אַרבעט און ער האָט דערפירט דעם קאָנפליקט פון די נאָדל־אַרבעטער מיט זייערע באַלעבאַטים ביז צום קולמינאַציע־פונקט — שטרייק!

דער שטרייק האָט רחלען נאָך מער אריינגעריסן אין דער אַר־בעט, דער סינדיקאַט האָט געמוזט האָבן די פּעאיקערע און אינטעלי־גענטערע כוחות פון אייגענעם קרייז, צו דער פּראָפּאַגאַנדע־אַר־בעט, מען האָט געמוזט זוכן מיטלען אָפּצושוואַכן די גרויסע געפאַר וואָס די היים־אַרבעטער האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט פאַר די שטרייקנדיקע טאַזשער־אַרבעטער; מען האָט געמוזט זוכן מיטל ווי אַזוי אויך די היים־אַרבעטער צוצוציען צו אַ סאָלידאַריטעט־שטרייק, כדי צו ברעכן די האַרטנעקיקייט פון די רייכע קאָנפעקציאָניסטן און באַלד האָבן אויך אָנגעהויבן אויספעלן די מיטל אויף צו שטיצן די שטרייקנדע מיטגלידער וואָס דאַרפן דערנערן זייערע קליינע קינדער, מען האָט באַדאַרפט אָרגאַניזירן אונטערנעמונגען און רחלע האָט זיך מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט און מיט דער גאַנצער ער־לעכקייט פון איר ריינער נשמה אריינגעוואָרפן אין דער הייליקער אַרבעט אויף צו קענען אויסהאַלטן דעם קאַמף ביז צום זיג.

און בעת דער גרויסער אַרבעט, האָט זי זיך ערשט נאָכמער איבערצייגט, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין טעות מיט איר אָנ־האַלטן די געהעריקע דיסטאַנץ פון דעם טויער אין סינדיקאַט.

זי האָט קעגן זיינע האַנדלונגען געהאַט אַ סך טענות אויסצו־זעצן; אַרבעטער־מיידלעך שעמען זיך נישט, זיי זאָגן וואָס זיי האָבן צו זאָגן און ווען זיי זיינען געקומען צו אַלבערטאָן וועגן אַ שטיצע פון שטרייק־פאָנד, האָט ער זיך צו זיי אָנגעהויבן באַנעמען מעשה באַלעבאָס און ער האָט אַפילו דערלויבט טשעפּען זיך צו זיי און די מיידלעך האָבן געמורמלט אויפן קול וועגן דעם און רחלע האָט גע־וואַגט אים פאַרצוואוואַרפן אַזאַ פירונג און דעמאָלט איז עס געקומען צו דעם צוזאַמענשטויס, וואָס האָט רחלען באַוואויגן צוריקציען זיך פון אַקטיווער אַרבעט.

רחלע האָט אים זיין האַנדלונג פאַרגעוואָרפן נישט אין געזעל־שאַפט נאָר אונטער פיר אויגן און ער האָט זיך דעמאָלט אַזוי רואיק צוגעהערט פאַרזשמורעט איין אויגל, ווי העסלעך ער האָט דעמאָלט אויסגעזעען אין אירע אויגן... און ער האָט נאָך געוואַגט זי אָנצונע־מען פאַר דער האַנט און צוציען צו זיך און זאָגן איר: — שענקט איר מיר אייער צוטרוי און איך שווער אייך, אַז קיין שום אַנדערע וועט מיך מער נישט אינטערעסירן!...

ווי זי האָט אים דאָס דעמאָלט אַ קוק אָן געגעבן!

מיט אַ טאָן פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעפילט עקל, האָט זי אים אַ זאָג געטאָן:

— צוטרוי דאַרף מען נישט בעטלען; אַן אנשטענדיקער מענטש דאַרף זיך שעמען צו באַקומען צוטרוי, ווי אַ בעטלער אַ נדבה... צו־טרוי דאַרף מען זיך דערווערבן, פאַרדינען ווי אַ געווויסנהאַפטער מענטש מיט כבוד!...

קאַפּיטל 34

דאַוויד

קוים צען מינוט זיינען פאַרגאַנגען, זייט דאַוויד האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ ביי אַ טישל אין דער פאַמיליען־אָפּטיילונג פון באַר לעאָן, אָבער די צען מינוט האָבן זיך פאַר דאַווידן געצויגן ווי צען לאַנגע יאָר פון בענקשאַפט און דערוואַרטונג.

שוין דריי וואָכן ווי ער האָט רחלען נישט געזען און זיין האַרץ האָט זיך אין אים געצאַפּלט פון פרייד, וואָס אָט־אָט און ער וועט ווידער פילן איר נאָענטקייט; אָט־אָט און ער וועט ווידער זיך קע־נען שפּיגלען אין אירע שיינע שוואַרצע אויגן, וועמענס בליקן עס גלעטן און וואַרעמען אַזוי זיין נשמה.

דאַוויד איז ערשט זייט צוויי יאָר אין אַרגענטינע.

קוקט נישט וואָס די האָר ביי זיינע שלייפן זיינען שוין גראָ און וואָס ווען ער פאַרטראַכט זיך, רונצלט זיך אים דער שטערן און דאָס גיט אים אַן אויסזען פון מיטעלן עלטער; קוקט בעסער אין זיינע יונ־גע לייכטנדיקע בלויע אויגן און איר וועט לייכט גלויבן, אַז ער איז ערשט אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט.

די שווערע איבערלעבונגען זיינע, האָבן אים געווייסט די האָר און געקאַרבט דעם שטערן פאַר דער צייט.

דאַוויד איז אַ זון פון רייכע עלטערן וואָס האָבן פון דור־דורות געוואוינט אין טשענסטעכאָוו, אָבער ווען דאַוויד איז אַלט געווען פופצן יאָר, האָט זיך זיין גאַנצע פאַמיליע אַריבערגעקליבן פון טשענסטעכאָוו קיין מאַנהיים, וואו דער פאָטער האָט אין דער אינ־פלאַציע־צייט געהאַט געקויפט צוויי הייזער, דאָרט האָט זיין פאָטער געמאַכט גוטע געשעפטן און דאַוויד האָט פאָרגעזעצט זיין שטו־דיום, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ביז דאַווידס פאָטער איז געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע אידישע אידן אין דער דיי־טשער שטאָט מאַנהיים.

זייער גליק אין דער נייער היים האט אבער נישט לאנג אנ־געהאלטן.

פון פארוואָרפענע הינטערשטאָטישע ביר־שענקן האבן אנגע־הויבן בלאזן פינצטערע ווינטן, אין דער הויך־שול וואו דאוויד האָט שוין שטודירט אלס אינזשעניער, האבן צוערשט איינער און וואָס ווייטער אלץ מער ריין־דייטשע סטודענטן אנגעהויבן קוקן קרום אויף זייערע אידישע קאלעגן, דאָס קרומע קוקן האָט זיך באלד פארוואנדלט אין אפענע שטרייטן, די לופט אין דער הויך־שול איז געוואָרפן אנגעפילט מיט קנאה און שנאה קעגן די אידישע מיט־שי־לער און דער אנטיסעמיטיזם צוליב וועלכן דאווידס עלטערן זיינען אוועק פון פוילן, האט זיך מיט א נאך בייזוויליקערער מאכט אנ־געהויבן פילן אין דייטשלאנד.

עם קאָן זיין, אז ווען זיי וואלטן נישט געווען שוין אזוי פאר־בונדן מיט פארשידענע גרויסע אונטערנעמונגען, וואלטן זיי אויך פון דייטשלאנד אויסגעוואנדערט, אבער נישט אזוי גרינג קאָן מען אזעלכעם באשליסן איבערצולאזן האב און גוטס און לאזן זיך אויף נייע וואנדער־וועגן און אגב האבן זיי נאך געהאפט, אז די אנטיסע־מיטישע פעסט וואָס האָט זיך אזוי פלוצלינג געיאוועט, וועט שנעל אונטערדריקט ווערן און עס וועט ווידער ווערן גוט, און אזוי איז עס געשען, אז זיי זיינען געבליבן ביז דער גרעסטער המן פון אלע צייטן האט באקומען די גאנצע מאכט און גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגע־גאָסן אויף די אידן וואס זיינען געבליבן אונטער דעם המנס גיפ־טיקע נעגל.

ביי אזעלכע אומשטענדן, האבן זיי שוין געזוכט וועגן ווי אזוי עוקר צו זיין פון דייטשלאנד, אבער טויזנט אויגן האבן שוין בא־וואכט זייער יעדן ריר און עס האט זיך שוין אנגעהויבן א רופעניש אין אמטן, פארשרייבעניש פון פארמעגן, יעדן טאג נייע רעגיסטרא־ציעס און אין דער הויך־שול איז געוואָרן כסדר ערגער, דאוויד האט אנגעהויבן זען דעם טויט פאר די אויגן, איינמאל האבן בעסטיאלי־שע קאלעגן אים געכאפט אין קארידאר און זיי האבן אים געשלאגן ביז בלוט און איינער פון די בעסטיעס האט פארגעלייגט, אז מען דארף אים נישט אנדערש, נאר קרייציקן און עס האט נישט לאנג געדויערט ווי עטלעכע סטודענטן האבן פון ערגיץ געבראכט א גרוים ברעט און זיי האבן געכאפט דעם אפגעמאטערטן און ביז בלוט צעשלאגענעם דאוויד, צוגעשטעלט אים צום ברעט, צעשפרייט אים די הענט און באלד האט זיך געיאוועט א סטודענט מיט א ווילד

צעפלאַמט פּנים, ער האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ האַמער און אין דער צווייטער — טשוועקעס און זיי וואָלטן זיכער געווען אויס־געפירט די שווידערלעכע עקזעקוציע, ווען עס קומט נישט פּונקט אָן דער פּראָפעסאָר, אַ גרייז־גרויסער אַלטער מאַן געשטיצט אויף אַ שטעקן.

דאַוויד געדענקט נישט גענוי ווי אַזוי דער אַלטער פּראָפעסאָר האָט אים באַוויזן אָפּצוראַטעווען פון די בלוטדורשטיקע קאַלעגן זיינע; ווי אין חלום געדענקט ער בלויז ווי דער אַלטער פּראָפעסאָר האָט אויפגעהויבן זיין שטעקן, זיינע אויגן האָבן געקוקט מיט שרעק און רחמנות און וויטער ווייס ער בלויז, אַז מען האָט אים אַוועק־געפירט אַ פאַרהלשטן אַהיים.

מיט גרויסע פּראָטעקציעס און מיט נישט ווייניק כּאַבאַר, האָט זיך זיי איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון מאַנהיים קיין בערלין, דאָרט האָט מען געזאָגט אַז עס לעבט זיך נאָך אַלץ דעם אידן אַבּיסל לייכטער, אָבער אויפן וועג פון מאַנהיים קיין בערלין, האָט מען זיין ברודער אַלבערט אַראָפּגענומען פון באַן און עס האָבן נישט גע־האָלפן קיין שום באַמיאונגען, זיי האָבן זיך מער קיינמאָל נישט דערוואוסט וואָס מיט אים איז געוואָרן.

אַ געוויסע צייט, האָבן זיי אין בערלין אַפילו אָפּגעאָטעמט פרייער. זיי זיינען געווען פּוילישע אונטערטאַנען און דער פּוילישער קאָנסולאַט האָט מער־ווייניק באַשיצט זייערע רעכט, אָבער אויך דאָס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן דעפּאָרטאַציעס, און מען האָט געהערט מוראדיקע געשיכטעס, ווי די זעלבע פּוילישע רעגירונג וואָס באַשיצט אירע אידישע בירגער אין דייטשלאַנד, לאָזט אָבער די זעלבע בירגער וואָס ווערן דעפּאָר־טירט, נישט אַריין צוריק קיין פּוילן, נאָר מען האַלט זיי קאָנצענ־טרירט צווישן די גרעניצן אין דעם אַזוי־גערופענעם קיינעמסלאַנד...

און ענדלעך איז געקומען דאָס שרעקלעכסטע.

דאָס איז געווען אין אַ בייזער מאיומדיקער נאַכט, ווען מענטשן פאַרוואַנדלטע אין חיות זיינען איבערגעפאַלן אידישע היימען, אונ־טערגעצונדן אידישע שולן און גערויבט און געשלאָגן און גלייכצייַ־טיק נישט געלאָזן אויסשרייען פון ווייטיק און פּיין.

דאַווידן האָבן עטלעכע אוניפאָרמירטע באַנדיטן אַרויסגע־שלעפּט פון שטוב, זיי האָבן מיט אים געוואָרפן ווי מיט אַ שפּיל־צייג פון איינעם צום אַנדערן און ענדלעך האָט מען אים אַריינגע־וואָרפן אין אַ לאַסט־אויטאָ און אַוועקגעפירט איבער פעלדער און

וועלדער און נאָך עטלעכע שעה פאָרן, האָבן די אוניפאָרמירטע באַנדיטן אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן פון פאָרנדיקן לאַסט-אויטאָ די קרבנות זייערע.

דער אויטאָ איז געלאָפן מיט דער גרעסטער שנעלקייט, ווען די באַנדיטן האָבן כסדר, קוקנדיק אויף אַ זייגערל, יעדע פינף מינוט, אַראָפּגעשליידערט אַן אַנדערן, ביז די רייע איז אויך געקומען צו דאַווידן.

צום גליק, האָט עס דאַווידן אַ שליידער געטאָן אויף אַ ווייכן גראָז-בערגל און נאָך אַ קורצער אָנמאַכט איז ער געקומען צו זיך.

אַ צעשלאָגענער מיט ביילן איבערן גאַנצן פּנים און אַן אָפּגעריסענער, האָט דאַוויד געוואַנדערט איבער פעלדער און וועלדער אויף באַהאַלטענע סטעזשקעס, ער האָט פאַרלוירן דעם חשבון פון צייט און אָרט און אַ כמעט פאַרחלושטער פון הונגער און מידקייט, איז ער ענדלעך אָנגעקומען אין אַ דערפל פון טשעכאָסלאָוואַקיע.

אַ פּויער האָט אים פריינטלעך אויפגענומען אין זיין דאָרפישער כאַטע, געגעבן אים אָפּצועסן און אַ פּלאַץ אויסצורוען און מיט גרויס מאַטערניש, האָט זיך דאַוויד דערנאָך באַקומען ביז קיין פּראַג.

אָבער אויך אין פּראַג האָט דאַוויד נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שרייבן און אָנפרעגן עפּעס וועגן זיינע עלטערן, ווייל דאָס איז געווען פּונקט אין דער צייט, ווען די דייטשע האָרדעס האָבן זיך געגרייט פאַרנעמען דעם סודעטן געביט און אין פּראַג האָט שוין געהערשט די פּאַנישע שטימונג פון ערב-אינוואַזיע.

און די אינוואַזיע איז געקומען.

אידן האָבן אויף שנעל געכאַפּט די וואַנדער-שטעקנס און זיך געלאָזן לויפן איבער אַלע וועגן זוכן רעטונג, דאַוויד איז מיטגעלאָפן, און נישט ווינסנדיק אַפילו ווי אַזוי, האָט ער אָנגעשפּאַרט אין אַ קליין פּראָווינציזיש שטעטל, וואו אַ אידישער קאָמיטעט האָט פאַרצייכנט די נעמען פון די פּליטים, אַ פעלד-קיך האָט זיי געשפּייזט און נאָך אַ קורצער צייט, האָט מען זיי, זיי זיינען געווען אַ היבשע גרופּע — אויפגעזעצט אויף לאַסט-אויטאָס און דערנאָך זיינען זיי געפאָרן אין פּראָווינציזישע לאַסט-וואַגאָנען ביז קיין האַוור און דאָרט האָט מען זיי אַריבערפירט אויף אַ גרויסער שיף, וואָס האָט זיך געלאָזן אין וועג איבער ווייטע ימען.

ניין, דאַוויד קאָן זיך נישט אַלעם דערמאָנען. ער ווייס נאָר, אַז די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרשידענע פּאָרטן, מען האָט קיינעם פון זיי נישט אַראָפּגעלאָזן און די שיף איז חדשים לאַנג ווי־

געבלאָנדזשעט איבער די גרויסע ימען און זיך נישט געקאָנט דער־שלאָגן צו קיין ברעג וואו מען זאָל אויפנעמען די אומגליקלעכע אי־מיגראַנטן־פּליטים.

נאָך עטלעכע חדשים בלאָנדזשען איבער ימים, האָט זיך פּאָרט דערוועקט מענטשלעכער רחמנות, מען האָט איינגעטיילט די פּלי־טים אין עטלעכע גרופּעס, די ערשטע האָט מען אַראָפּגעלאָזן אין בראַזיל, אַ צווייטע אין אורוגווייַ און דאַוויד מיט נאָך עטלעכע צענדלינקער ווי ער, האָט מען אַראָפּגעלאָזן אין בוענאָס־איירעס און איינקוואַרטירט זיי אין אימיגראַנטן האָטעל.

דער אידישער אימיגראַנטן־שוץ־פאַריין אין אַרגענטינע האָט נישט געקאַרגט מיט באַמיאונגען, אַז כאָטש אַ טייל זאָל אַראָפּגע־לאָזן ווערן אין שטאָט אַריין, די איבעריקע האָט מען פאַרהאַלטן אויף אָוועקצושיקן אין אַנדערע לענדער, אָבער דאַוויד האָט זיך געפינען צווישן די גליקלעכע וואָס האָבן באַקומען אַזיל־רעכט אין בוענאָס איירעס.

די ערשטע טעג, האָט זיך דאַוויד געפילט אינגאַנצן ווי פאַר־לוירן.

עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, און דאַוויד האָט אין פּויליש־אידישן פאַרבאַנד און אין דייטש־אידישן שוץ־פאַראיין גע־ווינען סימפּאַטיע, מען האָט אים געגעבן רעקאָמענדאַציעס און נישט קענענדיק די שפּראַך, האָט ער גענומען אַ פּאָסטן אַלס נאַכט־וועכטער אין אַ גרויס געשעפט.

דאַוויד האָט עס גוט אויסגערעכנט; אויב שוין יאָ ווייניק פאַר־דינען, זאָל עס זיין אַ פּאָסטן אָן אַרבעט, וואָס כאָטש אַזאַ פּאָסטן פּאַסט נישט פאַר אַ יונגן מענטש, וועט ער אָבער האָבן גענוג צייט צו לערנען די לאַנד־שפּראַך און דערנאָך וועט ער זען וואָס ער קאָן טאָן.

ווי נאַר דאַוויד האָט זיך מער־ווייניק איינגעאָרדנט, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן בריוו; ער האָט געשריבן קיין פּוילן, ער האָט געשריבן קיין דייטשלאַנד און ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט ער געשריבן צום רויטן־קרייץ, אָבער וועגן זיינע טאַטע־מאַמע האָט ער נישט באַקומען קיין שום לעבנסצייכן.

נאָך לאַנגע חדשים האָט ער פון רויטן־קרייץ אין צוריך באַקו־מען אַ בריוול מיט בלויז עטלעכע ווערטער, אַז אויף די אַדרעסן אין מאַנהיים און בערלין וואָס דאַוויד האָט אָנגעגעבן, וואוינען היינט דיינע אַריער...

נישט האָבנדיק אַלס נאַכט־וועכטער וואָס צו טאָן, האָט ער זיין גאַנצע ענערגיע און זיין גאַנצן פליים אַריינגעלייגט אין לערנען. ער האָט אָנגעהויבן פון אַ שפּאַניש שול־ביכל פון ערשטן קלאַס און גאַנ־צע נעכט האָט ער איינגעחזרט אין וואָרט און אין שריפט די דערהאַ־בערטע שפּאַנישע ווערטער און פון די קנאַפּע פּאַרדינסטן, האָט ער זיך כסדר געקויפט נייע ביכער און בלויז זעקס חדשים שפּע־טער, האָט ער זיך שוין געקאָנט גאַנץ גוט פאַרשטענדיקן אויף שפּאַניש.

דאַוויד האָט אויפגעגעבן דעם פּאָסטן אַלס נאַכט־וועכטער אין דעם גרויסן געשעפט, וואו ער איז געלעגן איינגעשלאָסן פון אַכט אַזייגער אָוונט ביז אַכט אינדערפרי, עטלעכע וואָכן האָט ער געזוכט צו וואָס ער זאָל זיך נעמען און ענדלעך האָט ער אַדאַנק רעקאָמענ־דאַציעס באַקומען ביי אַ קאָנפעקציאָניסט מוסטערן פון זיינע קאָנ־פעקציעס און ער האָט זיך אָנגעהויבן איינאַרבעטן אַלס קאָרעדאָר.

דאַוויד האָט פאַרדינט גענוג אויף צו קענען מאַכן אַ באַשיידן לעבן, ער האָט ווייטער געלערנט און געלייענט ביכער און גע־טראַכט, אַז אפשר וועט זיך אים גאָר איינגעבן, כאָטש אַביסל פאַר־שפּעטיקט, פאָרצוזעצן זיין שטודיום, אָבער שנעל האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ביי די אומשטענדן פון איינזאַמקייט און בענקעניש, וועט עס זיך אים נישט איינגעבן, ווייל וויפל מאָל ער האָט זיך גע־נומען צום לערנען, זיינען אים באַלד אויפגעשוואומען די בילדער פון זיין אוניווערזיטעט אין מאַנהיים, וואו די סטודענטן האָבן אים געוואָלט קרייציקן און דערנאָך די שוידערלעכע בילדער פון פּאַ־ניק און די דערינערונגען האָבן אָנגעלייגט אַ שווערן קאָשמאַר אויף זיין מוח און ביי אַזעלכע אומשטענדן איז אים געווען אוממעגלעך צו טראַכטן וועגן נאָרמאַלע סטודיען.

און וואָס ווייטער איז עס מיט אים געוואָרן ערגער; נישט נאָר שטודירן האָט ער נישט געקאָנט, נאָר אַפילו די אַרבעט אַלס קאָ־רעדאָר האָט ביי אים אָנגעהויבן גיין ערגער; עס האָט אויסגעזען, אַז די איבערלעבענישן האָבן געהאַט אָפּגעטעמפּט אויף אַ צייט זיי־נע עמפּפינדונגען און איצט האָבן די עמפּפינדונגען אויפגעלעבט די אַלע זכרונות און די שוידער־בילדער פון זיינע איבערלעבענישן האָבן אים אָנגעהויבן באַגלייטן אויף שריט און טריט און זיי האָבן גערויבט זיין מוט, אָפּגעשוואַכט זיין ענערגיע און צעמישט זיינע געדאַנקען און ווער ווייס וואָס פון אים וואָלט געוואָרן, ווען ער באַ־

קענט זיך נישט אין דער צייט מיט דער שיינער און צאַרטער רחלע...

קאַפּיטל 35

אויף אַ פּיקניק אין אַליוואַס

באַקענט האָט זיך דאַוויד מיט רחלען, אויף אַ פּיקניק וואָס די נאָדל-אַרבעטער האָבן איינגעאָרדנט אין אַליוואַס.

די פריינט און באַקאַנטע וואָס דאַוויד האָט זיך דאָ דערוואָרבן, האָבן זיך באַמיט צו הויבן דאַווידס מוט און זייענדיק גאַנץ אָפט אין קאָנטאַקט מיט די קאָנפעקציע-אַרבעטער, האָבן זיי אים צוגע-רעדט, ער זאָל מיט זיי מיטגיין אויפן פּיקניק וואָס די אַרבעטער פון זייער בראַנזשע פירן דורך אין אַ שיינער קינטע.

דאַווידס פריינט האָבן געוואָלט מאַכן גוט, אָבער צום ערשטן מאָל אויף אַזאַ פּיקניק, האָט עס אין דאַווידס אויגן אויסגעזען ווי אַ ווייסטער יריד, עפּעס ענלעכעס צו אַן „אָטפּוסט" וואָס ער געדענקט פון קינדווייז אין די פּוילישע שטעטלעך, ווען די פּויערים און פּויער-טעס זיינען „עולה-רגל" צו אַ הייליק בילד און זיי זעצן זיך אוים גראַמאַדעסוויז אויף דער ערד צום אָפּרוען...

און אָבי עס האָט אים דערמאָנט אָן דער אַלטער היים, אָן יענער זייט ים, האָט ער שוין מער נישט געזען דעם פּיקניק, ער האָט נאָר געזען מחנות אַנטלויפנדיקע צעשראָקענע מענטשן און אָט האָט זיך פאַר אים ווידער באַוויזן דאָס ברעט אויף וועלכן זיינע הויך-שול-קאָלעגן אין מאַנהיים האָבן אים געוואָלט קרייציקן...

אַ צעטומלטער האָט זיך דאַוויד אַוועקגעלייגט אויפן גראָז אין שאָטן הינטער אַ ביימל. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן כדי נישט צו זען די שווידער-בילדער, אָבער די בילדער זיינען געווען איינגע-קריצט אין זיין מוח און ער האָט זיי געזען אַפילו מיט פאַרמאַכטע אויגן.

אַ לענגערע צייט איז ער אַזוי געלעגן נישט באַוועגנדיק מיט קיין גליד און עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געשלאָפן. אָבער דאַוויד איז נישט געשלאָפן. ער איז געלעגן אין אַ מין פאַרגליווערטן צושטאַנד. אינסטינקטיוו האָט ער זיך באַמיט עפּעס צו טראַכטן, אָבער קיין שום געדאַנק איז אים נישט געקומען אין קאָפּ אַריין און אַפילו די שווידער-בילדער זיינען גיך אַרוים און ער האָט געפילט אין

זיין מוח אַ מין אויסלייזנדיקע ליידיקייט וואָס טעמפּט אָפּ יעדן געפיל.

אָבער פלוצלינג האָט אין אים צוריק אויפגעבליצט דער באַוואוסטזיין און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער און ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ראַטעווען פון עמיצן וואָס פאַרפאָלגט אים, האָט ער זיך פאַרזיכטיק גענומען אַרומקוקן אין אַלע זייטן, ביז ער האָט פונדערווייטנס געזען ווי איינער פון זיינע פריינט וואָס האָט אים אַהערגעבראַכט, טאַנצט דאָרט אויף דעם אַספאַלטירטן קוואַדראַט מיט אַ מיידל און זיין בליק איז געבליבן געווענדעט צו דער ריכטונג פון די טאַנצנדיקע פאָרלעך.

ער האָט געקוקט צו די טאַנצנדיקע פּאָרלעך אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט אויספּרואוון צי ער האָט אַן אינטערעס צו זען טאַנצן און ווי ער וואָלט זיך ענדלעך איבערצייגט, אַז דאָס אינטערעסירט אים נ י ש ט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו דעם וואַסער-שפּיגל וואָס האָט אים אַנטקעגנגעגלאַנצט פונדערווייטנס, אַנטקעגן דער קינטע און האַלטנדיק זיך ביי דער זייט פון דעם גאַנצן פּיקניק הו-האַ, האָט ער זיך געלאָזן אַזוי ביי דער זייט, לענגאויס דער קינטע, צום וואַסער.

צוויי מאָל האָבן זיך אים אויפן וועג צעמישט די געדאַנקען און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט פלוצלינג פאַרלוירן דעם ציל און געבלאָנדזשעט ערגיץ-וואו, אָבער באַלד האָט ער זיך אַליין גענומען שטאַרקן און מיט פעסטערע טריט גענומען גיין צום וואַסער-ברעג.

עס איז שוין געווען אין די נאָכמיטיק-שעהן, ווען דאָס וואַסער האָט געהאַלטן אין צוקומען און יעדע אָנגעלאָפענע כוואַליע האָט איבערגעלאָזן קאַלוזשעס וואַסער אין די גריבער נעענטער צו דער קינטע און דאַוויד האָט געמוזט מאַכן אָנגעשטרענגטע שפּרייזן און שפּרינגען פון איין גרויסן שטיין אויפן אַנדערן כדי צוצוקומען צום ברעג.

שוין פונווייטנס האָט מען געקאָנט זען די פּילע מענער און פרויען וואָס האָבן זיך געבאָדן און די אַלע וואָס האָבן געשוואומען אָדער געלערנט זיך שווימען, אָבער דאַוויד האָט נישט געזען די שווימענדיקע, נאָר דאָס וואַסער. עפּעס האָבן אים די אָנלויפנדיקע כוואַליעס וואָס זיינען באַלד צוריקגעלאָפן, ווי באַרואיקט זיין געמיט און ער האָט געוואָלט אַזוי שטיין און קוקן און עס איז אים געווען גוט אַזוי, צו שטיין און קוקן, אַז אַ טרער האָט זיך אים

אזש אַרויסגעריסן פון אויג און געבליבן הענגען אויף דער אונ־טערשטער ברעם.

פלוצלינג האָט זיך פון ערגיץ־וואו נישט ווייט פון דאַווידן, דער־הערט אַ געמיטלעכע פרויען־שטימע, וואָס האָט הארציק, מיט אַביסל צעצויגענע מעלאַנכאָלישע טענער אויסגעזונגען אַ אידיש לידל. דאַוויד האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך איצט נישט געריכט צו הערן אַזאַ צאַרטע באַרואיקנדיקע שטים. ער האָט זיך נישט אויסגעדרייט קוקן וואו מען זינגט און ווער עס זינגט, ווי מורא האָבנדיק, אַז דאָס געזאַנג וועט אויפהערן.

ערשט ווען דאָס לידל איז געווען געענדיקט, האָט ער זיך אומ־געקוקט, געזוכט מיט זיינע בליקן די זינגערין, אָבער אויף דער זייט פונוואַנען דאָס געמיטלעכע קול איז געקומען, זיינען געלעגן ווי אָנ־געוואָרפן גרעסערע און קלענערע פעלז־שטיינער וועלכע זיינען שוין געווען אַרומגערינגלט פון צוגעקומענעם וואַסער און קיינער האָט זיך נישט געזען.

נאָר ווען דאָס קול האָט זיך ווידער געלאָזן הערן, האָט דאַוויד ערשט דערזען אַ שלאַנקן פרויען־קערפער ליגן אויסגעצויגן אויף איינעם פון די פעלז־שטיינער; דער קערפער איז געלעגן מיט די פיס אַראָפּגעהאַנגען צו דער צווייטער זייט פון שטיין און דער גרינער באַד־קאָסטיום וואָס איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן אויף דעם שלאַנקן קערפער, האָט דער זינגערין געגעבן דעם אויסזען פון אַ נימפע, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אַרויסגעכאַפּט פון וואַסער, כדי זיך אָנצו־וואַרעמען אויף דער זון.

דאָס בילד האָט אויף דאַווידן געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק און ער איז אַזוי געבליבן שטיין און געקוקט צו איר פונ־דערווייטנס. ער האָט שוין אַביסל געקענט היגע פרויען און עס האָט זיך אים גאָרנישט געגלויבט, אַז אַ היגע פרוי אָדער מיידל, זאָל אַזוי, איינע אַליין, זיך פלוצלינג אוועקלייגן אויף אַ פעלז און זינגען אַזוי צאַרט און געמיטלעך און נאָך דערצו אַ אידיש לידל; עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ נייגעריקייט צו זען די פּערזאָן וואָס זינגט אַזוי שיין און מיט אַזאַ בענקשאַפט און אומעט וואָס וויברירט אין די צעצויגענע טענער און ער האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום פעלז.

די זינגערין האָט נישט געוואוסט אַז עמיץ דערנענטערט זיך צו איר, זי איז ווייטער אַזוי געלעגן אין איר פאַרחלומטן צושטאַנד און די געזאַנגען האָבן זיך געריסן פון איר בענקענדיקער ברוסט:

טויבן פליען פאַר מיין פענצטער
ווייסע טויבן צווי...

נאָר פלוצלינג האָט זיך דאָס געזאַנג איבערגעריסן. די זינגע־רין האָט דערפילט אַז עמיץ דערנענטערט זיך און זי האָט זיך האַס־טיק, ווי איבערגעשראָקן אויפגעזעצט און דערזען אַנטקעגן זיך, בלויז עטלעכע טריט פון פעלז, אַ פרעמדן מענטשן.

אַ ווײַלע איז דאָוויד געבליבן שטיין ווי אַפּהענטיק; די זינ־גערין איז געווען אַזאַ שיינקייט, איר ליכטיק פּנים האָט פאַר אים אַזאַ שעמעריר געטאָן און אירע בליקן, כאָטש זיי זיינען איצט גע־ווען צעשראָקן, האָבן פון זיך אויסגעשטראַלט אַזויפיל גלעטנדיקע ווייכקייט, אַז דאָוויד האָט זיך אינגאַנצן פארלוירן. ער האָט נאָר געקוקט אויף איר ווי אַ פאַרשולדיקטער און ערשט ווען ער האָט געזען, אַז איר בליק ווערט מילדער, האָט ער באַקומען מוט און אַ זאָג געטאָן:

— אַנטשולדיקט מיר... איך בין דאָ געשטאַנען אַזוי פאַרבענקט און געקוקט צו די ווייטקייטן און פלוצלינג האָב איך דערהערט ווי אַ צאַרט בענקענדיקע שטים זינגט אויס אַזוי האַרציק אַ שיין לידל, האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און בין צוגעקומען אַ קוק טאָן אויף דער זינגערין...

דאָס מיידל האָט באַמערקט די טרער וואָס איז נאָך אַלץ גע־האַנגען אויף דאָווידס אויג, זי האָט אים די גאַנצע צייט ווען ער האָט גערעדט, אָבסערווירט און געקוקט אויף אים ווי מיט פאַר־דאַכט, אָבער פּאַמעלעך איז דער פאַרדאַכט פאַרשוואונדן פון אירע בליקן און געמאַכט פּלאַץ פאַר איר ליכטיק־ליבלעכן שמייכל וואָס האָט זיך שנעל אויסגעשפּרייט אויף איר שיינעם פּנים, זי האָט זיך אויפגעהויבן פון פעלז און איבערגעזעצט זיך מיט די פיס אַראָפּ־געהאַנגען פון שטיין צו דער זייט וואו דאָוויד איז געשטאַנען און זיצנדיק אַזוי אויף דעם פעלז, מיט די אַראָפּגעהאַנגענע שיין־גע־טאָקטע פיס, האָט זי אויסגעזען ווי אַ וואונדערלעך קינסטלערישע מאַרמאָר־סטאַטוע פון אַ יונג־מיידל, וואָס זיצט אויף אַ פעלז נעבן ים־ברעג...

קאפיטל 36

ווען הערצער דערפילן זיך...

די זינגערין אויפן פעלז-שטיין נעבן לא פלאטא-טייך אין אלי־וואס, איז געווען רחלע, אדער ווי מען פלעגט זי שוין רופן אין איר געגנט — די שטאלצע שיינקייט פון ווישא קרעספא.

דאוויד האט געוועקט איר צוטרוי. זיין אפהענטיקייט, זיין אנטשולדיקן זיך און זיינע שיין-ארויסגעזאגטע ווערטער זיינען גע־ווען אזוי אנדערש פון דעם אלעם וואס זי זעט און הערט פון אנדע־רע יונגעלייט, די אזוי-גערופענע קאבאזשעראס, אז עפעם האט זיך א באוועג געטאן אין איר הארץ און ווי מורא האבנדיק, אז דער באַ־שיידענער יונגער מענטש זאל נישט וועלן אוועקגיין, האט זי אים געמוטיקט מיט אירע גלעטנדיקע בליקן און ענדלעך האט זי גע־מאכט א באוועגונג צום אראפגיין פון פעלז און דאוויד איז שנעל אונטערגעלאפן, דערלאנגט איר די האנט וועלכע זי האט שנעל אנ־גענומען און אראפגעשפרונגען פון שטיין אזוי, אז זי איז ווי געפאלן אין זיינע ארעמס.

דאס אנשטויסן זיך פון איר כמעט נאקעטן שיינעם קערפער אן זיינעם, האט אים ווי עלעקטריזירט און ער האט געפילט, ווי צו פאלן צו אירע פיס און וויינען, וויינען א סך, ארויסוויינען פון זיך אלע זיינע פיינפולע איבערלעבענישן, וואס יעדע דערמאנונג אן זיי, דערפירט אים ביז צו דער שוועל פון משוגעת...

און אפשר האט אויך רחלע אין דעם מאמענט געפילט עפעס ענלעכעס; אפשר האט אויך רחלע געפילט א דערלייזונג, קוקנדיק אין דעם יונגן מענטשנס שיינע בלויע אויגן, פון וועלכע עס שטראלט ארוים אזויפיל אויפריכטיקייט, אזוי פיל צער און בענקשאפט...

רחלע האט דאך נישט פארלאזן די גאנצע טאנצנדיקע געזעל־שאפט אין דער קינטע און זיך גלאט אזוי אפגעזוכט אן איינזאם ווינקעלע אויפן פעלזן-שטיין נעבן ברעג, כדי דארט אויסצוזינגען א לידל; זי האט זיך דאך אפגעטיילט פון אירע טאנצנדיקע חברטעס, ווייל דער גאנצער פיקניק-הו־הא איז איר געווען פונקט אזוי דער־ווידער ווי דאווידן און זי האט געפילט א באדערפעניש צו זיין מיט זיך אליין און זי האט זיך ערשט אנגעהויבן פילן דערלייכטערט, נאכדעם ווי זי האט ארויסגעזונגען פון זיך די נאגענדיקע בענק־שאפט פון איר הארץ.

גייען זיי איצטביידע, דאַוויד מיט רחלען צוזאַמען, דאָס יונגע שיינע פּאָרל וואָס ערשט מיט אַ פּופצן מינוט פריער האָבן זיי זיך אַפילו נישט געקענט, זיי האַלטן זיך ביי די הענט, ער העלפט איר אַריבערשפּרינגען איבער די קאַלוזשעס וואַסער וואָס האָבן זיך שוין פאַרמערט ביז טיף אין דער קינטע אַריין און ביידע פילן זיך אַזוי גוט, אַזוי פריינטלעך, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך שוין געקענט ווי לאַנג.

און ווי פריילעך זיי זיינען דאָס ביידע געוואָרן!

וואָס אַזוינס האָט דאָס רחלע געטאָן פאַר דאַווידן, וואָס ער פילט צו איר אַזויפיל גרעניצלאָזע דאַנקבאַרקייט?

וואָס אַזוינס האָט דאַוויד געטאָן פאַר רחלען, וואָס זי האָט פּלוצלינג ווי פאַרגעסן אָן איר שטאָלץ און צוריקגעצויגנקייט און זי שענקט אים אַזויפיל צוטרוי און זי פילט זיך אַזוי גוט ווען ער גייט זי אַ ציי מיט זיך, כדי אַריבערצושפּרינגען אַ קאַלוזשע?

נישט דער באַוואוסטזיין וואָס דיקטירט דאַנקבאַרקייט נאָר פאַר אַ גוטער טאַט, האָט זיי אַזוי שנעל באַפריינדעט, נאָר זייערע בליקן; דאָס באַגעגענען זיך פון רחלעס טיף-שוואַרצע מיט דאַווידס הימלבלויע אויגן, די קעגנזייטיקע בליקן וואָס האָבן אין דעם מאָמענט פון זייער ביידנס אויסערגעוויינלעכן גייסטיקן צושטאַנד גע־האָט די קראַפט אַריינצודרינגען דורך די אויגן-פענצטערלעך ביז צום האַרצן, דאָס האָט זיי אַזוי שנעל באַפריינדעט און געמאַכט זיי פילן, ווי זיי וואָלטן זיך שוין געקענט ווי לאַנג.

די הערצער האָבן זיך דערפילט און ערשט ווען זיי זיינען אַרי־בערגעקומען דעם פאַרגאַסענעם טייל פון דער קינטע און זיי האָבן שוין געקענט גיין אויפן גלייכן וועג, האָט זיך רחלע דערמאָנט, אַז זי גייט מיט אַ ווילד-פרעמדן יונגענמאַן, וואָס זי ווייסט אַפילו נישט זיין נאָמען, און זי האָט זיך פאַרשעמט וואָס זי גייט אַזוי אין דעם בלויזן באַד-קאָסטיום, כמעט אַ נאַקעטע און נישט קוקנדיק מער אין זיין זייט, האָט זי אויסגערופן, אַז ער זאָל דאָ וואַרטן אויף איר, זי גייט זיך איבערטאָן און זי האָט זיך געלאָזן לויפן לענגאויס דער קינטע צום פּראָנט צו, וואו עס זיינען געווען די גאַרדעראָב-קע־מערלעך.

דאַוויד האָט איר נאָכגעקוקט מיט פאַרבענקטע בליקן, ביז זי איז פאַרשוואונדן הינטער עטלעכע ביימער. ער האָט געפילט ווי נאָכצולויפן איר, אַהינלויפן און שטיין דאָרט, נעענטער צו איר און וואַרטן ביז זי וועט זיך ווידער באַוויזן, אָבער ער האָט זיך גע־

שטאַרקט און געבליבן שטיין אויפן זעלבן פּלאַץ וואו זי האָט אים איבערגעלאָזן.

לאַנג האָבן זיך געצויגן די מינוטן פון זיין וואַרטן און ווען זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַוויזן, האָט דאַוויד שוין אָנגעהויבן צווייפלען, צי זי וועט איבערהויפּט נאָך צוריקקומען; ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער קען זי אַפילו נישט, ער ווייס נישט ווער זי איז און ווי זי הייסט און פּלוצלינג האָט אים אַ געדאַנק אַ שלאַג געטאָן אין קאָפּ אַריין, אַז אפשר האָט ער בלויז געזען אַ וויזיע? אפשר איז עס גאָר זיין קראַנקע פאַנטאַזיע וואָס האָט אים געמאָלן און פאַרגעשטעלט אַזאַ געטלעך וועזן און געמאַכט אים הערן זינגען אירס אַ ליד און געמאַכט אים פילן, ווי ער וואָלט געהאַלטן איר האַנט אין זיינער און איר געהאַלפן אַראָפּשפּרינגען פון פעלדשטיין? איז מעגלעך, אַז דאָס איז טאַקע בלויז געווען אַזאַ שיינער וואַכנדיקער חלום?

אָבער ניין! דאָס איז נישט געווען קיין חלום! נאָך פילט ער ווי עס ריזלט אין זיין אָרעם דער עלעקטרישער שטראָם וואָס איז דורכגעלאָפן זיין גאַנצן קערפּער, ווען ער האָט דערפילט איר האַנט אין זיינער; נאָך פילט ער דעם סאַמעט-ווייכן בליק פון אירע טיף-שוואַרצע אויגן, וואָס דרינגט אים ביז אין האַרץ אַריין און שפּרייט זיך דאָרט ווי אַ באַלזאַם וואָס קוויקט זיין געמיט...

און אפשר איז עס גאָר אַזאַ מיידל וואָס האָט אים גענומען אויף חוזק?...

אָט איז זי געווען אַזוי גוט צו אים, באַשענקט אים מיט אַזאַ זיסן שמייכל און פּלוצלינג איז זי אַוועק און געהייסן אים דאָ וואַרטן אויפן נעכטיקן טאָג...

אָבער אויך דעם געדאַנק האָט ער פון זיך געטריבן; ניין, דאָס איז נישט מעגלעך, זי וועט אַוודאי באַלד צוקומען און זיך אַנטשולדיקן וואָס עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט.

אינדעראמתן האָט עס גאָרנישט אַזוי לאַנג געדויערט, ווי עס האָט זיך דאַווידן אין זיין אומגעדולד אויסגעוויזן; עס האָט בלויז געדויערט אַזוי לאַנג, ביז רחלע האָט זיך נעבן דער פּלומפּ וואָס געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט הינטער די בוימער — אַרומגעוואַשן און ביז זי האָט אין קעמערל זיך איבערגעטאָן אין איר געווינלעכן, אָבער ציכטיקן זיידענעם קליידל און פאַרקעמט די האָר.

קיין פּודער און פאַרב האָט זי נישט באַדאַרפט צו איר פּנים, ווייל די נאַטור האָט זי באַשאָנקען מיט אַזאַ ליכטיקער שיינקייט, וואָס קיין שום קאָסמעטיק קאָן נישט אימיטירן.

שנעל ווי זי האָט עס געמאַכט, האָט עס אויך פאַר איר אויס-

געזען צו לאַנג און ווי נאָר זי איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי זיך שנעל געלאָזן אין דער ריכטונג וואו זי האָט דאַווידן געהייסן וואַרטן און דאָס האַרץ האָט אין איר געפּאָכעט פון נייגעריקייט און מורא, צי ער וואַרט נאָך אויף איר...

די אומגעדולד, האָט זייער צוזאַמענטרעפן געמאַכט נאָך האַר־ציקער און איינדרוקספולער און ווי זי וואָלט זיך געהיטן אַז עמיץ פון די טאַנצנדיקע זאָל זי נישט באַמערקן פונוויטן, האָט זי דאַווידן אַ צי געטאָן ביי דער האַנט און זאָגנדיק אים דאָס איינע וואָרט: — קומט, האָבן זיי זיך ביי דער זייט פון דעם גאַנצן פּיקניק־טומל, ווי אַרויסגעשאַרט פון דער קינטע און ביידע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען זיי האָבן זיך געפונען אויף דער ברייטער פיין־אַספאַלטירטער אַוועניודע פון אַליוואָס.

ערשט אינדרויסן האָבן זיי זיך גלייכצייטיק דערמאָנט און זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט איינס פאַרן אַנדערן.

קאַפּיטל 37

בענקשאַפט און אומרו

זיצנדיק ביים טיש אין דער פאַמיליען־אָפּטיילונג פון באַר לעאָן, וואַרטנדיק מיט אַזויפיל אומגעדולד אויף דעם אָנקומען פון רחלען, האָט דאַוויד געפונען אַ טרייסט אין איבערטראַכטן און אין אויפ־לעבן אין זיך די איינדרוקן פון זיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט דעם וואונדערלעכן מיידל און ווי אַזוי די צופעליקע באַקאַנטשאַפט האָט זיך אַנטוויקלט און צוגעבונדן זיי איינס צום אַנדערן מיט טויזנטער אומזעבאַרע זיידענע פעדים.

אַ שמייכל האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף זיין פּנים, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיי האָבן זיך געפּאָרשט איינער ביים אַנ־דערן ווער זיי זיינען און וואָס עס איז זייער טאָן; ווי ער האָט מורא געהאַט, טאָמער איז זי אַ טאָכטער פון רייכע עלטערן וואָס וועלן שטערן זייער פריינטשאַפט און זי האָט וועגן אים געטראַכט דאָס זעלבע... און עס האָט זיך אָנגעהויבן רונצלען זיין שטערן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אירע אָנצוהערענישן וועגן אירע פּיינפולע אי־בערלעבענישן, וועגן וועלכע זי האָט אפילו נאָך גאָרנישט דערציילט, נאָר זי האָט זיי בלויז דערמאָנט, כדי אים צו טרייסטן, ווען ער האָט צופיל נאָכגעטראַכט וועגן זיינע אייגענע איבערלעבענישן...

אַ וואַרימקייט האָט אַרומגענומען זיין געמיט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין געדריקטן צושטאַנד ווען ער האָט זיך באַקענט מיט

איר און ווי אזוי זי האָט אים פּאַמעלעך אַרויסגעהויבן פון דעם געדריקטן גייסטיקן צושטאַנד, ווי זי האָט אים צוגעגעבן מוט און ווי זי האָט אים געעצהט, אַז ער זאָל פאַרלאָזן דעם אַרבעטס-פּלאַץ וואו מען האַלט נישט פון זיין אַרבעט און בעסער זוכן אַ פּלאַץ וואו ער זאָל קענען מיט באַנייטער ענערגיע געווינען צוטרוי און אָנערקענונג... — אַ, רחלע איז פאַר אים געוואָרן נישט נאָר אַ חברטע, אַ פריינדין אָן וועלכער ער קאָן מער נישט לעבן, נאָר זי איז אים געוואָרן אַ מאַמע, אַ צערטלעכע און קלוגע מאַמע און ער האָט זיך צוגעהערט צו אַלע אירע עצות און אָט האָט ער באַקומען אַ פּאָסטן אַרויסצופאָרן אַלס רייזנדער-אַגענט אויף דער פּראָווינץ. זיין ערשטע רייזע האָט געדויערט בלויז דריי וואָכן און ער האָט דורך די דריי וואָכן פאַרדינט מערער ווי פריער דורך זעקס חדשים און כאָטש די גרויסע בענקשאַפט וואָס האָט אים געפּייניקט אויף דער פּראָווינץ, זעט ער אָבער, אַז ער האָט אַן עקזיסטענץ און ער וויל זאָגן רחלען, אַז זיי קענען שוין אָנהויבןריידן וועגן אַ תכלית... און ער וואַרט שוין דאָ געשפּאַנט ער זאָל זען רחלען און איר דאָס זאָגן, ער זאָל איר דערציילן וועגן זיין רייזע און וועגן זיין גרויסער בענקשאַפט און הערן איר וואָרט וועגן זיין פּלאַן פון פּאַראייניקונג...

די אומגעדולד איז ביי דאַווידן געוואַקסן.

— ווער ווייסט צי זי וועט קומען?... אפשר איז זי גאָר ברוגז וואָס ער האָט געקלונגען צו איר אין טאַזשער און זי באַשטעלט אַהער? ער ווייס דאָך אָבער, אַז זי איז נישט צופרידן ווען ער קומט צו איר פּלוצלינג אַהיים, און ער דאַרף זי לאָזן אַרויסרופן פון איר שטיבל און שטיין מיט איר פאַרן טויער... און ער האָט דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט ריידן צו איר, זאָגן איר, אַז ער איז שוין געקומען...

אַזוי זוכט זיך דאַוויד אַליין צו פאַרענטפערן פאַרוואָס ער איז בעסער נישט געגאַנגען צו איר אַהיים נאָר זי פריער באַשטעלט אַהער, אָבער די מינוטן ציען זיך ווי אייביקייטן און זי איז נאָך אַלץ נישטאָ...

אין דער פאַמיליען-אָפּטיילונג פון באַר לעאָן זיינען דערווייל אַריינגעקומען אַנדערע מיידלעך און פרויען, אויך צוויי פּאָרלעך זייענען אַריינגעקומען און זיך אוועקגעזעצט אין די צוויי אַנטקעגנדיקע ווינקלען נעבן די פענצטער, די פּאָרלעך זיינען געזעסן און נאָכן באַשטעלן ביים קעלנער, האָבן זיי זיך פאַרטיפט אין שטילע שמועסן און די עטלעכע מיידלעך און פרויען וואָס זיינען געזעסן אַליין, האָבן טיילווייז אַריינגעקוקט אין אילוסטרירטע זשורנאַלן (רעוויסטאַס) און טיילווייז האָבן זיי זיך צורעכט געמאַכט די פריזורן אָדער צוגעפּודערט די פנימער.

יאָ, פרויען האָבן אַלעמאָל מיט וואָס צו פאַרטרייבן די צייט, אָבער דאַוויד איז געזעסן אַליין און נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיך, האָט ער זיך איינגעהערט צום גערויש וואָס איז געקומען פון דער צווייטער זייט ווענטל, פון דאָרט וואו עס זיצן די שטאַם-געסט און שפּילן שאַך, און ער האָט געהערט אַ סך שטימען וואָס אַמפּערן זיך צוליב אַ פערד און אַ הויך געלעכטער וואָס האָט איבערגעשלאָגן די אַלע שטימען און ווען עס איז שטיל געוואָרן די קריגעריי, האָט ער געהערט דאָס קלאַפּן פון ביינערנע בילאַרד-באַלן, וואָס האָט זיך ווי אַריינגעפּאַסט צום טאָן פון דעם הערשנדיקן זשום וואָס האָט זיך פון דאָרט געטראָגן.

און רחלע איז נאָך אַלץ נישט געקומען.

דאַוויד האָט זיך אָנגעהויבן פילן שלעכט אַזוי; איין מאַן אַליין אין דער פאַמיליען-אָפּטיילונג פון באַר לעאָן, וואו פאַרלעך זיצן און אָט זיינען שוין צו די עטלעכע מיידלעך אַריינגעקומען זייערע באַ-שטעלטע יונגעלייט און זיי האָבן זיך אַזוי פריידיק באַגריסט און ער זיצט נאָך אַלץ איינער אַליין און ער זעט ווי דער קעלנער קוקט שוין אויף אים ווי מיט אומצוטרוי און אים ווייזט זיך אויך אויס. אַז דאָס מיידל, די קאָקעטיש-אויסגעפּוצטע דאַמיטשקע, קוקט אויף אים מיט פאַרזשמורעטע בליצנדיקע אייגעלעך און ער פילט, אַז אים ווערט דאָ ענג די לופט און ער טראַכט שוין בעסער אַרויסצוגיין אינ-דרויסן און וואַרטן אויף איר נעבן סובטע, ווען פּלוצלינג גיט עס אים אַ שומער אין די אויגן, ער שפּרינגט אויף פון פּלאַץ, רחלע איז אַריינגעקומען און אָט שטייט זי קעגן אים נעבן טישל.

קאַפּיטל 38

וואָס איז געשען מיט רחלן?

רחלעס אַריינקומען אין דעם שיינעם סאַלאָן, האָט געמאַכט היבשן פוראָר.

איר נאַטירלעכע, נישט געקינצלטע שיינקייט, האָט אָנגעוויעט מיט אַזאַ פרישקייט, אַזוי ווי אַן אנגענעם פרילינגס-ווינטל און די מענער וואָס זיינען געזעסן אין געזעלשאַפט פון זייערע דאַמען, האָבן נישט אויסגעהאַלטן נישט צו שענקען זייער אויפמערקזאַמקייט צו דער אנגענעמער דערשיינונג וואָס האָט זיך דאָ אַזוי פּלוצלינג באַ-וויזן.

ווען דאָ זאָלן נישט געווען זיצן קיין פרעמדע מענטשן, וואָלט דאַוויד זיכער נישט געווען אויסגעהאַלטן, נאָר ער וואָלט רחלען

באַלד אַרומגעכאַפּט און זיכער זיך צעקושט מיט איר; אַזוי אָבער, האָט ער זיך געמוזט באַגניגן מיט ווארים דריקן איר האַנט און זי באַגריסן.

אָבער שוין ביים דריקן איר האַנט, האָט ער דערפילט, אַז עס פעלט אין איר די ווארימקייט וואָס פלעגט אים אַלעמאָל ווי עלעקטריזירן און באַלד האָט ער אויך דערזען, אַז איר בליק אין נישט דער זעלבער; זי האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגן אים, ער האָט געזען איר ליכטיק פּנים אַזוי ווי אַלעמאָל, אויך אירע טיף־שוואַרצע אויגן פונקלען ווי אַלעמאָל, אָבער צו דוכט זיך אים, צו ווייזט זיך אים בלויז אוים, אַז ער זעט אין זיי עפּעס פרעמדע פייערלעך וואָס ווארימען נישט און ער פילט נישט די סאַמעט־ווייכקייט אין אירע בליקן?...

ר ח ל ע ? ! ? — ער האָט זי געוואָלט עפּעס פרעגן, ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, ער האָט דאָך איר אַזויפיל צו דערציילן, אָבער עפּעס ווי אַ חיהלע אינעווייניק וואָלט זיך איינגעביסן אין זיין האַלדז און ער האָט נישט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט.

אויך רחלע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דערווייל איז צוגעקומען דער קעלנער און זי האָט באַשטעלט אַ טיי מיט מילך, דער קעלנער איז אַוועק און דאַוויד האָט געפילט, אַז רחלע זאָגט אים איצט נישט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן איידער דער קעלנער איז צוגעקומען און איר געשטערט.

זי איז געזעסן אַנטקעגן דאַווידן און זיך מעכאַניש געשפּילט מיט די קונסט־בלימלעך וואָס זיינען געשטאַנען אויפן טיש אין דעם זילבערנעם בלומען־קוישעלע און יעדע ווילע האָט זי זיך אומגעקוקט צו דער טיר, ווי זי וואָלט דערוואָרט עמיצנס אַריינקומען, און ווי שרעקנדיק זיך פאַר עפּעס, האָט זי אויסגעמיטן דאַווידס בליקן.

דאַוויד האָט מער נישט אויסגעהאַלטן.

— ר ח ל ע ! ? . . .

אין זיין איצטיקן אויסרוף האָט זיך געפילט די פראַגע פון לעבן און טויט; דאַוויד האָט שוין איצט גוט געזען, אַז עפּעס האָט מיט איר געמוזט געשען אין משך פון די דריי וואָכן וואָס ער איז געווען אויף דער רייזע און ער האָט געוואָלט שוין ווימן די סיבה פון איר ענדערונג.

— רחלע, זאָג מיר, — האָט ער זיך ווי געבעטן: — איך זע דאָך דיך עפּעס אַ גאַנץ אַנדערע... וואָס איז געשען... מיט טויזנט בענקענישן אין האַרצן האָב איך געאײלט צו דיר און איך בין געווען זיכער, אַז דו וועסט זיך מיט מיר דערפרייען פונקט אַזוי ווי איך מיט

דיר און דאָ זע איך דיך עפּעס אַן אַנדערע... רחלע!...

ער האָט אָנגענומען איר האַנט מיט וועלכער זי האָט זיך אומ־ווילקירלעך געשפּילט מיט די בלימלעך און ער האָט זי אַזוי פעסט געדריקט, אַז זי האָט שוין געמוזט אויף אים אַ קוק טאָן און ער האָט דערזען, אַז אירע אויגן זיינען פאַרלאָפן פון טרערן, וועלכע זי באַ־מיט זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרהאַלטן.

— רחלע, זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר געשען? ביזטו אפשר נישט געזונט? זאָג מיר, איך וועל דאָך אויסשרייען פון ווייטיק!...

און ווי מורא האָבנדיק אַז ער זאָל טאַקע נישט אויסשרייען אויפן קול, האָט זי זיך באַמיט אים צו באַרואיקן:

— עס איז גאָרנישט געשען, דאַוויד; אָבער אַמליבסטן וואָלט מיר געווען, ווען מיר קענען שוין אַוועקגיין פונדאַנען.

דער קעלנער האָט דערווייל געבראַכט דאָס באַשטעלטע, אַוועק־גיין גלאַט אַזוי, איז שוין נישט געווען קיין מעגלעכקייט, האָבן זיי איילנדיק אויסגעטרונקען דעם טיי, רחלע איז פון רגע צו רגע גע־וואָרן נערוועזער און ווען דער קעלנער האָט זיך נאָכאַמאָל באַוויזן, איז זי אויפגעשטאַנען און געזאָגט אַז זי פילט זיך נישט גוט און זי האָט זיך געלאָזן צו דער אַרויסגאַנג־טיר.

דאַוויד האָט שנעל באַצאָלט און איר נאָכגעגאַנגען; אַרויסקו־מענדיק, איז זי שנעל אַריבער דעם ברייטן וועג איבער קאָריענטעס און זיך געלאָזן אַראָפּגיין אין דער סובטע לאַקראָסע.

נעבן די טרעפּ איז שוין דאַוויד געשטאַנען נעבן איר און רחלע איז געוואָרן אַקטיוו.

זי האָט אים אַ צי געטאָן ביי דער האַנט נאָך זיך, שנעל איז זי אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ און איילנדיק האָט זי אַרויסגעכאַפּט צוויי מטבעות און אַריינגעוואָרפן אין דעם אויטאָמאַט און נאָכציענדיק דאַווידן נאָך זיך, זיינען זיי דורך דעם אויטאָמאַטישן דורכגאַנג און זיך געלאָזן אַראָפּפאָרן דורך די אויטאָמאַטישע טרעפּ צו דער פּלאַט־פאָרם פון סובטעראַנעאָ.

דאַוויד איז געזעסן מיט דער פּלייצע צו דער שאַך־אָפּטיילונג אין באַר לעאָן און ער האָט נישט געקאָנט באַמערקן ווי די טיר פון דעם דורכגעטיילטן באַריער האָט זיך כסדר אָביסל געעפנט און צוויי גיריקע בליקן האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער שמאָלער עפע־נונג צו זיי. דאָס זיינען געווען די בליקן וואָס האָבן פאַראורזאַכט רחלעס נערוועזיטעט און איילעניש און זיי האָבן אויך נישט געזען, ווי בלויז איין מינוט שפּעטער ווי זיי זיינען אַרויס פון דער פאַמי־ליען־אָפּטיילונג, ווי נאָר זיי זיינען אַראָפּ אין סובטע, איז פון דער מענער־אָפּטיילונג אין באַר לעאָן אַרויס איילנדיק אַ געניט יונגער

עלעגאַנט געקליידעטער מאַן, מיט אַ שוואַרצע באַנד אויפן אַרבל, דאָס איז געווען דער זעלבער וואָס האָט צו זיי אַריינגעשפּיזט זיינע בליקן, ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און נישט זעענדיק די וואָס ער האָט אַזוי איילנדיק געזוכט, האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ קללה און ער איז אַוועק צו פּאַסאַ צו וואו עס איז געשטאַנען זיין קאַטש, ער איז אַריין און זיך געלאָזן לענגאויס קאַריענטעס צו די העכערע נומערן.

דער מאַן מיט דעם שוואַרצן באַנד אויף דעם רעכטן אַרבל, וואָס איז אַוועק מיט דעם קאַטש, איז געווען דער זעלבער סוחר, וואָס האָט רחלען מיט יאָרן צוריק געוואָלט פאַרפירן אין דעם הויז וואו עס האָט זיי אויפגענומען דער מאַן מיטן ווייסן פאַרטוך און מיטן פליך אויפן קאָפּ. דער מאַן איז געווען דער זעלבער, נאָר זיין אויטאָ-מאָביל איז געווען אַ נייער...

קאַפּיטל 39

ביים קבר פון דער מאַמען

ווער קען נישט די שיינע רחלע פון ווישאַ קרעספּאָ? און וועל-כער מאַן וואָס האָט זי נאָר איין מאָל באַגעגנט האָט זיך דאָס נישט געקליגט ווי אַזוי צו געווינען איר סימפּאַטיע?

די מיידלעך פון איר געגנט און די חברטעס מיט וועלכע זי האָט צוזאַמען געאַרבעט אָדער באַגעגנט זיך מיט זיי אין רעסטאָראַן ביים מיטיק, האָבן זי מקנא געווען און מאַנכע, אַזעלכע און ענלעכע ווי אסתר, האָבן זיך נישט איינמאָל געטראַכט, אַז ווען זיי וואָלטן גע-האַט דאָס גליק צו זיין אַזוי שיין און אַזוי רייצנד ווי רחלע, וואָלטן זיי שוין זיכער נישט געזעסן און געשקלאַפּט אין טאַזשער...

די פרויען אויף וועלאַזקאַ וואָס האָבן רחלען נאָך געקאַנט פון קליינערהייט, האָבן זיפצנדיק געזאָגט איינע צו דער אַנדערער: — שיין איז רחלע פון ווישאַ קרעספּאַ, נאָר קיין מזל האָט זי נישט... און אַ צווייטע פרוי האָט צוגעגעבן: — עס איז בעסער אַ מיאוס פּנים מיט אַ שיין מזל, איידער אַ שיין פּנים מיט אַ ביטערן מזל...

און ווען רחלע האָט זיך שוין געהאַט באַקענט מיט דאַווידן און זי האָט זיך מיט אים געוויזן אויף איר גאַס, ווען ער האָט זי באַ-גלייט אַהיים, האָבן אויפריכטיקע פרויען זיי נאָכגעקוקט און באַ-וואונדערנדיק די שיינקייט פון ביידן, האָבן זיי אין האַרצן געלויבט גאָט, וואָס ער האָט זיי צונויפגעפירט און מען האָט זיי געווינטשן גליק.

אָבער רחלע איז נאָך ווייט נישט געווען גליקלעך.

נאָכן פאַרענדיקן דעם שטרייק, האָט דער טויבער מאָטל פאַר־מאַכט זיין טאַזשער, ער איז געוואָרן קאָפּטאָס פון אַ גרויסן טאַ־זשער אין צענטר און רחלע האָט געמוזט זוכן אַרבעט. צום גליק האָט קיין אַרבעט נישט געפעלט, זי האָט באַלד באַקומען אַרבעט און דווקא נישט ווייט פון איר היים, אויף טהאָמעז אין די זעקס הונדער־טער, דאָס איז געווען אַן ענלעכער טאַזשער ווי ביים טויבן מאָטל, אָבער די אַרבעטער, סיי די מענער ווי די מיידלעך, זיינען געווען פון פּראָסטן שניט און זיי האָבן פון קנאה צו רחלעס שיינקייט, כסדר זיך באַמיט צו טאָן איר וואָס מער אין דער גאַל אריין.

אפשר דערפאַר, ווייל זי האָט שוין געפילט אַז זי האָט אַ מענטש וואָס וואָלט גרייט געווען זי צו באַשיצן און פאַרטיידיקן, איז רחלע היינט געוואָרן עמפינדלעכער אויף די פּראָסטאַקישע וואולגאַרע ווערטער; אָ, דאַוויד, ווען ער זאָל וויסן וואָס זי דאַרף אַלץ נישט אויסשטיין אין דעם טאַזשער, וואָלט ער זיכער זיך אונטערגעוואָרפן צו דער שווערסטער שקלאַפן־אַרבעט, אַבי זי זאָל דאָס נישט דאַרפן ליידן! אָבער זי האָט אים וועגן די זאַכן נישט דערציילט, זי האָט זיך בלויז באַמיט אים צו טרייסטן און מאַכן פאַרגעסן זיינע שווערע איבערלעבענישן און וועקן אין אים מוט און גלויבן אין זיך, און אַ האָפענונג פאַר אַ בעסערער צוקונפט.

האָט זי זיך געמוזט צוהערן צו די מיאוסע ווערטער וואָס מען האָט געשליידערט מכלומרשט סתם אין דער וועלט אריין, אָבער נאָר מיטן מיין רחלען צו טרעפן און די ווערטער האָבן זי טאַקע געטראָפן און געשטאָכן אַזוי ווי נאָדלען.

— פאַני, איז עס טאַקע אמת, אַז גראַפיניעס האָבן ליב איינצו־מאַרענירן זייער אומשולד?...

— ראָסאַ, אפשר קאָנסט איר מיר זאָגן, אין וועלכער פאַבריק עס ווערן אויסגעאַרבעט אַזעלכע שיינע אויטאָמאַטישע מאַניעקינס וואָס קענען אַרבעטן אין אַ טאַזשער און האַלטן זיך ווי די גראַפיניעס?...

— איך וואָלט נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט קיין צו שיי־נער פרוי, ווייל שיינע פרויען זיינען מערסטנטיילס אַ קאָלעקטיווער אייגנטום!...

אַזוי און מיט נאָך ערגערע ווערטלעך און אָנצוהערענישן האָט מען רחלען געשטאָכן און אפילו דער באַלעבאָס, יאָסקע, אָדער דאָן כאָסע, האָט אויך געהאַט זיינע שטעכיקע ווערטלעך, און ווען רחלע האָט זיך אַמאָל פאַרשפּעטיקט אויף פינף מינוט צו דער אַרבעט, האָט ער זי מיט אַן ערנסטער מינע צוגעפירט צום קאַלענדאַר און

געוויזן איר אויפן בלעטל: — וואָס איז דאָס? עס איז דאָך היינט ערשט דער אַכטער? שוין ווידער פּאַרשפּעטיקט?...

אָ, ווי רחלע האָט שוין היינט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די אַלע וואולגאַרע שטעכווערטלעך און אַריינזאָגעכצן און וויפל איר איינ־געבוירענער פיין־געפיל האָט דערפון געליטן!

איז רחלע טאַקע יעדן זונטיק אַרויסגעפאָרן אויפן בית־עולם קיין סיודאַדעלאַ און דאָרט, ביי דער מאַמעס קבר, האָט זי זיך גוט אַראָפּגעוויינט פון האַרצן און מיט די טרערן אירע אַראָפּגעשווענקט די אַלע אָנגעזאַמלטע ווייטיקן וואָס האָבן זיך אין משך פון דער אַר־בעטס־וואָך געלייגט ווי בליי אויף איר געמיט.

אַ סך מאָל האָט רחלע געטראַכט, אַז זי דאַרף אפשר געבן אירע אַרבעטס חברים און חברטעס אַ לעקציע, אַז זייער האַנדלונג איז שלעכט, מיאוס, אַז נישט אַזוי דאַרף האַנדלען איין אַרבעטער קעגן אַנדערן, אַז נישט בלויז ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ לוין־הוספה, דאַרף מען זיין סאָלידאַריש, נאָר עס וואָלט געווען פיל שענער און בעסער, ווען אַרבעטער האָבן בכלל אַ בעסערע באַציאונג איינער צום אַנדערן און מער מענטשלעכן איינזען און מיטגעפיל אפילו צום פּריוואַטן טאָג־טעגלעכן לעבן... אָבער רחלע האָט גוט איינגעזען, אַז די אַלע ווערטער קומען נישט אַזוי ווייט פון שלעכטקייט, ווי פון מאַנגל אין פאַרשטיין און פון פּראָסטאַקישער אומבאַהאָלפנקייט צו קענען אָפּזוכן פאַר זיך אַ בעסערן אונטערהאַלט בעת דער אַרבעט און ווידער די מיידלעך? — דאָס איז דאָך פּשוט קנאה וואָס הערשט בכלל אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און קנאה פאַר אַנדערש אויסזען, אַנדערש אויפירן זיך, אַנדערע האַלטונג און אַנדערע לעבנס־אַרט, אַזאַ קנאה וועט אפשר קיינמאָל נישט אויפהערן...

יאָ, רחלע האָט געוואוסט ווי אַזוי זיך אַליין צו טרייסטן און באַגאַטעליזירן אירע עגמת־נפשן, אָבער געליטן האָט זי און אפילו ווען זי האָט זיך געפינען צוזאַמען מיט דאַווידן, האָט זי געמוזט באַ־האַלטן אירע ווייטיקן פון טאַזשער כדי אים נישט וויי צו טאָן און בלויז נעבן דער מאַמעס קבר האָט זי דערפילט אַן אויסלייזונג און פאַר דעם האַרט־האַרציקסטן מענטש וואָלט אפשר שווער געווען צוריקצוהאַלטן די טרערן, ווען ער שטייט אַזוי און זעט, ווי רחלע שטייט אַריבערגעבויגן איבער דעם געצוימטן קבר פון איר מאַמען און אירע ליפּן מורמלען עפּעס שטיל און אירע טרערן רונען און פאַלן אויף דעם קבר פון דער דורכגעליטענער מאַמע און עס זעט אויס ווי דאָס יונגע שיינע מיידל וואָלט זיך עפּעס שטיל דורכגע־שמועסט און זיך איינגעהערט אין די ענטפערס וואָס קומען אַרויס פון קבר...

רחלע האָט יעדן זונטיק, אַבי עס האָט נאָר נישט געגאָסן קיין רעגן, באַזוכט איר מאַמעס קבר און זי איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין איר טרויער, אַז זי האָט נישט באַמערקט, ווי זייט עטלעכע וואָכן קומט דאָרט צו אַ קבר נישט ווייט פון איר מאַמעס, אַ יונגער־מאַן מיט אַ אינגעלע פון אַן ערך זיבן יאָר און ווי ער קוקט איר נאָך יעדע באַוועגונג און עס זעט אויס, ווי ער וואָלט פאַרגעסן אַז ער איז געקומען צום קבר פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענער פרוי...

און איינמאָל, אין אַ שיינעם זונטיק אינדערפרי, איז דער יונ־גערמאַן געקומען אַליין, אָן דעם אינגעלע, ער איז געשטאַנען אַ ווילע נעבן קבר פון זיין פרוי, זיינע בליקן האָבן אָבער זייטיק געקוקט צו רחלען, ווי זי איז אַזוי געשטאַנען געבויגן איבער דער מוטערס קבר און אירע ליפן האָבן שטיל עפּעס געמורמלט.

רחלע האָט דעם זונטיק געהאַט זייער פיל אַראָפּצואווינען פון האַרץ; מיט צוויי טעג צוריק איז דאַוויד געהאַט אַרויסגעפאָרן גע־שעפטלעך אויף זיין ערשטער רייזע און אין טאַזשער האָט זי די לעצטע וואָך אויך זייער פיל געליטן, האָט זי מער און געפילפולער אויסגעדריקט אירע ווייטיקן פאַר דער טויטער מאַמען און עס איז געקומען אַ מאָמענט, ווען זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום קליינעם שטיין און אָנגעהויבן שלוכצן אויף אַ קול.

דעם מאָמענט האָט דער יונגערמאַן אויסגענוצט, ער איז צוגע־לאָפן, לייכט באַרירט רחלעס אָרעם און איר געהאָלפן אויפשטיין.

— באַהערשט אייך, סעניאָריטאַ ראַקעל... וואָס די ערד דעקט צו, מוז מען זיך באַמיען צו פאַרגעסן...

רחלע איז געווען אַזוי דורכגענומען פון איר טרויער, אַז זי האָט אָפילו נישט געהערט ווי ער האָט אָנגערופן זי ביים נאָמען. זי האָט זיך גלייכגעשטעלט און באַמיט זיך צו באַהערשן און זי האָט אָפילו נישט רעאַגירט, ווען ער האָט אָפּגעשטויבט פון איר די אָנגענומע־נע ערד.

דער יונגערמאַן איז געוואָרן דרייסטער:

— מען מוז זיך באַהערשן... איך בין אויך אין טרויער... אוי, ווען איר ווייסט, ראַקעל...

ערשט איצט האָט זי זיך געכאַפּט אַז מען רופט זי אָן ביים נאָ־מען און זי האָט אַ קוק געטאָן ווער עס רעדט מיט איר, און זי האָט דערקענט אין אים דעם זעלבן יונגן סוחר, וואָס האָט זי אַמאָל גע־האָט אַזוי שענדלעך אַריינגענאַרט.

דאָס פּלוצלינגדיקע צוזאַמענטרעפן זיך מיט דעם פאַרשוין נעבן איר מאַמעס קבר, האָט ביי איר אָפּגענומען דאָס לשון. זי איז גע־וואָרן ווייס ווי קאַלך און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן בייטן די פאַרבן

אויף איר פנים און נישט אויסריידנדיק צו אים קיין וואָרט, האָט זי זיך פלוצלינג אַ וואָרף געטאָן אויף איר מאַמעס קבר און אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין: — מאַמעניו, באַשיץ מיך פון שלעכטע מענטשן!...

דער יונגערמאַן איז אַ ווײַלע געשטאַנען ווי פאַרלוירן, ער האָט נאָך געטראַכט צו פּרוּוון נאָכאַמאָל זיין מזל, אָבער באַלד האָט ער איינגעזען אַז נישט איצט איז דער מאָמענט, האָט ער זיך צוריקגעצויגן, געלאָזט זיך צום אַרויסגאַנג פון בית-עולם און דאָרט האָט ער באַשלאָסן צו וואַרטן ביז רחלע וועט אַרויסקומען...

קאַפּיטל 40

„לאָז מיך גוט מאַכן מיין פעלער"

עס האָט אויסגעזען, אַז רחלע האָט זיך גערעכנט דערויף אַז ער וועט זי אָפּוואַרטן, ווייל מער ווי אַ שעה האָט געדויערט ביז זי איז אַרויסגעקומען פון טויער פון בית-עולם.

דער רייכער יונגערמאַן האָט זיך געשטעלט קעגן איר מיט אַראָפּגעלאָזענע ווי פאַרשעמטע בליקן און ער האָט אויסגערופן בעטנדיק:

— איין וואָרט הערט מיך אויס; איין וואָרט בלויז! צי גלויבט איר דען אַז איך בין געקומען אייך שלעכטס טאָן ביי אייער מוטערס קבר, וואָס געפינט זיך אַזוי נאָענט נעבן מיין פאַרשטאָרבענער פרוי?...

רחלע האָט זיך צוערשט נישט געוואָלט אפילו צוהערן, זי האָט געוואָלט אַריבערגיין די גאַס און וואַרטן אויפן קאָלעקטיוון אויטאָ, אָבער ער איז געשטאַנען קעגן איר און כמעט מיט אַ וויינענדיקער שטימע פאַרגעזעצט:

— ראַקעל... איך ווייס, איך בין אַמאָל קעגן אייך באַגאַנגען אַ גרויסע עולה, אַ פאַרברעך, אָבער איר זייט דאָך שוין נישט קיין קינד, צי פאַרשטייט איר נישט אַז יעדער זינדיקער מענטש קאָן אַמאָל באַגיין דעם גרעסטן פעלער?... ראַקעל, איך וויל מיין פעלער גוט מאַכן... איך האָב אַלע יאָרן באַדויערט מיין שלעכטע טאַט קעגן אייך... איך ווייס נישט וואָס מיט מיר איז דעמאָלט געשען... פאַרגעסט אָן דעם... ראַקעל, איך וויל גוט מאַכן מיין פעלער, איך וויל אייך גליקלעך מאַכן... איך וויל, אַז איר זאָלט ווערן מיין געזעצלעכע ערלעכע פרוי!...

אַ ווײַלע האָט עס אויסגעזען, אַז זי הערט זיך שוין צו צו זײַנע ווערטער, אָט האָט זי אויפגעהויבן אירע בליקן צו אים און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זעט אין זיי דעם אָפּגלאַנץ פון פאַרגע־בונג און ער האָט שוין שיער געוואָלט וואָגן צו זאָגן, אַז זי דאַרף נישט וואַרטן אויף קיין קאָלעקטיווע, ער האָט דאָ זײַן קאָטש...

אָבער פּלוצלינג האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פאָראויס, עס איז אָנגעלאָפן אַ קאָלעקטיוו, זי האָט אים געגעבן אַ צייכן און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און נישט אויסדרייענדיק אַפילו דעם קאָפּ צו דעם יונגנמאַן, איז זי אַרויף אויפן קאָטש און ער האָט לאַנג נאָכ־געקוקט מיט ווייטיקלעכער מינע, ביז דער קאָטש איז פאַרשוואונדן און ערשט דאַן איז ער מיט מידע טריט צוגעגאַנגען און אײַנגעשטיגן אין זײַן אייגענעם שיינעם קאָטש, געלאָזט די מאַשין אין גאַנג און שנעל זיך דערווייטערט אויפן וועג צו דער שטאָט.

— —

— לאָז מיך גוט מאַכן מײַן פעלער... — האָט זיך דער יונגער אַלמן נאָכאַמאָל געבעטן ביי רחלען צומאָרגנס, ווען ער האָט זי אָפּגעוואַרט אויפן וועג ווען זי איז געגאַנגען אַהיים פון דער אַר־בעט; — לאָז מיך גוט מאַכן מײַן פעלער, ווײַל איך קאָן קיין רו נישט געפינען...

רחלע האָט אים אַלץ נישט געענטפערט. זי איז געגאַנגען איר וועג און אַפילו נישט געקוקט אין זײַן זייט.

אין משך פון דער וואָך, האָט ער זי עטלעכע מאָל אָפּגעוואַרט, איינמאָל האָט זי אַפילו געזען טרערן אין זײַנע אויגן און זי האָט שוין געפילט אַביסל ווייכקייט צו אים, נאָר די דערמאָנונג אָן איר אַמאָליקער איבערלעבונג צוליב אים, האָט זי צוריק פאַרהאַרטעוועט און זי האָט אים פשוט געטריבן פון זיך.

די טעג אין טאַזשער זײַנען פאַר רחלען געווען זייער שווערע, עס האָט אויסגעזען ווי די אַרבעטערינס וואָלטן געוואוסט פון רחלעס לײַדן, ווײַל זיי האָבן געחוזקט פון איר וואָס זי זיצט נאָך אַלץ אין טאַזשער, בעת זי וואָלט געקאָנט דערגרייכן די גרעסטע גליקן... די שטעכווערטלעך האָבן איר היינט ווי געטאָן מער ווי אַלעמאָל און די בענקענישן נאָך דאַווידן האָבן זי אויך געפּייניקט, האָט זי שוין געוואַרט אויפן זונטיק, ווען זי וועט זיך קענען ווידער אויסוויינען ביי דער מאַמעס קבר, אָבער גלייכצייטיק האָט זיך זיך געשראָקן, ווויסנדיק, אַז זי וועט זיך דאָרט אוודאי באַגעגענען מיט דעם מענ־טשן, וואָס האָט זי אין איר יונגסטער יוגנט אַזוי שווידערלעך באַ־לײַדיקט...

רחלעס שרעק איז נישט געווען אומזיסט. דאָסמאָל האָט זי אים

געזעגן נעבן קבר פון זיין פרוי, ער איז געשטאנען מיטן אינגעלע און זי האָט געזען ווי דאָס אינגעלע צעשפּרייט ווײנענדיק בלומען אויף זיין יונג-פארשטארבענער מאמעס קבר.

דאָסמאָל, האָט ער זי ווידער אָפּגעוואָרט אינדרויסן נעבן טויער, און ווי נאָר זי איז אַרויסגעקומען, איז ער צוזאַמען מיט זיין אינגעלע צוגעקומען צו איר און זאָגנדיק צום אינגעלע: — דו זעסט? דאָס איז די שיינע און גוטע ראָקעל וועגן וועלכער איך האָב דיר דערציילט... גיב איר די האַנט.

דאָס אינגעלע האָט מיט שמייכלענדיקע אייגעלעך אויסגעצ-שטרעקט זיין הענטל צו רחלען און רחלען האָט עפּעס אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן, עס האָבן זיך באַוויזן טרערן אין אירע אויגן און זי האָט אָנגענומען דעם אינגעלעס הענטל און עס וואַרים געדריקט.

— ראָקעל... זעסט, דאָס איז מיין יתומל... איך ווייס, דו ביזט אַ סך יונגער פון מיר... אָבער איך האָב צוטרוי אַז דו וואָלסט געווען אַ גוטע מאַמע צו אים... זעסט, מיין זונדל קען דיך שוין... איך האָב אים דערציילט וועגן דיר אַ סך שיינעס... ראָקעל... מאַך אונדז ביידן גליקלעך און דו וועסט אויך גליקלעך זיין...

דאָס אינגעלע, לעאָנסיטאָ, האָט ווייזט אויס שטאַרק געבענקט נאָך מוטערלעכער וואַרימקייט, ווייל ער האָט זיך ווי צוגעקלעפּט צו רחלען און איר כסדר געקוקט גלייך אין די אויגן און רחלע האָט זיך צוליב דעם קינדס צוגעלאָזנקייט איינגאַנצן ווי פאַרלוירן און אַזוי איז עס געוואָרן, אַז נאָך אַ האַלבע שעה שפּאַצירן הין צוריק אַנטקעגן דער מויער פון בית-עולם, האָט זי נאָך אַ לענגערן צושטיין פון פאָטער און נאָכמער פון קינד, איינגעוויליקט צו לאָזן זיך אָפּפירן אַהיים אין זייער שיינעם קאָטש...

קאַפּיטל 41

ליבע און רייכטום אויף דער וואָגשאָל

פאַר רחלען זיינען געקומען שווערע טעג.

שכנים האָבן געזען ווי דער באַקאַנטער יונגער סוחר, דער אַלמן, האָט רחלען צוגעפירט מיט זיין קאָטש צו דער שטוב און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מורמלעניש און שכנים האָבן איינגעזען, אַז דאָס וואָלט טאַקע געווען אַ גרויס גליק פאַר רחלען און די גוטע שכנות האָבן אָנגעהויבן איינטענהן מיט איר, אין וואָס פאַר אַ רייכטום זי וואָלט דאָ אַריינגעפאַלן און ווי לאַנג איז דען דער שיער צו שקלאַפן אין פרעמדע טאַזשערן...

ווען רחלע האָט געפּרוּווט דערמאָנען אַז זי האָט שוין אַן אויס-

דערווײַלטן, האָבן זיך די גוטע שכנות נישט אָפּגעשראָקן, זיי האָבן זיך ווײַטער באַמיט רחלען צו איבערצײַגן, אַז דער אינגל מיט וועמען זיי האָבן זי שוין געזען עטלעכע מאָל, זעט אויס עפּעס אַ צעחושטער... אַן אָרימער בחור און וואָס דערוואַרט זי ביי אים? צי וועט זי אַמאָל נישט מוזן ווײַטער שקלאַפּן ביי דער מאַשין און אַזוי אָפּקומען און אָפּמוטשען זיך אַ שווער לעבן און שטאַרבן פאַר דער צײַט, אַזוי ווי איר מאַמע?

און דאָ האָט נאָך דער יונגער רײַכער אַלמן יעדן פאַרנאַכט זי אָפּגעוואַרט ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פון דער אַרבעט, ער האָט מיט זיך מיטגענומען זײַן אינגעלע און מיטן תירוץ אַז לעאָנסיטאָ האָט געבענקט נאָך איר, האָט ער זי פּשוט באַהערשט און רחלע האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי ענטפערן אויף דעם קינדס שמייכל און צוגעלאָזנקייט און אַזוי האָבן זיי יעדן פאַרנאַכט, נישט קוקנדיק וואָס רחלע איז געגאַנגען אין דעם אָרימען אַרבעטערקליידל, צוזאַמען שפּאַצירט און דער אַלמן האָט נישט אויפגעהערט פאַרזיכערן זײַן אויפריכטיקייט מיט איר און זאָל זי נאָר זאָגן איר יאָ-וואָרט, איז ער גרייט צו פאַלן צו אירע פיס און ער וועט זי מער נישט לאָזן אַרבעטן, באַלד וועט אַריבער דאָס טרויער-יאָר און ער וועט מיט איר חתונה האָבן לויט דעם אידישן דין און לויט די געזעצן פון לאַנד...

אויך אין טאַזשער האָט מען זיך געמוזט עפּעס דערוויסן, ווײַל פּלוצלינג האָט זיך אַלעמענס באַציאונג צו רחלען געענדערט, עפּעס האָט זיך געפילט אַ באַהאַלטענער רעספּעקט צו איר, און מען האָט אָנגעהויבן ריידן ערנסט, וועגן מענטשלעכע מזלות, ווי איינעם איז באַשערט אָפּצושקלאַפּן אַ לעבן און איינעם קומט דאָס גליק אין שטוב אַרײַן... און אין די רייד האָט אויך נישט געפעלט די וואָרענונג, אַז אַ מענטש קאָן אַמאָל מיט אייגענע הענט אָפּשטויסן דאָס גרעסטע גליק, און באַדויערן דערנאָך אַ גאַנץ לעבן...

וואָלט רחלע געהאַט די קלענסטע סיבה צו צווייפלען אין דער אויפריכטיקייט פון דעם רײַכן אַלמן, וואָלט זי געבליבן פעסט אין איר גלײַכגעוויכט. זי וואָלט אים אָפּגעטריבן פון זיך אויף אַזאַ אופן, אַז ער וואָלט מער נישט געוואַגט זי צו באַלעסטיקן; אָבער זי האָט גוט געזען, אַז ער מיינט עס ערנסט מיט איר און שפּילנדיק זיך מיט דעם קליינעם שיינעם לעאָנסיטאָ, האָט זי פאַרגעסן אָן איר אַמאָליקער איבערלעבעניש מיט זײַן פאָטער און דאָ זײַנען פאַרגאַנגען טעג און זי האָט פון דאַווידן נישט באַקומען קיין ידיעה, ווער ווייסט... ווער ווייסט... ווער ווייסט...

דעם צווייפלענדיקן „ווער ווייסט?" האָבן אין רחלען די גוטע

שכנות אויפגעוועקט; אַט איז געקומען אַ מאָמענט, ווען רחלע האָט זיך שוין געזען אַלס רייכע פרוי. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט זי דורכגעלעבט אַזאַ אנגענעמען געפיל און דער געפיל האָט אַ סך צוגעהאָלפן צום דערוועקן אין איר דעם צווייפל, צוערשט צי דאָוויד ליבט זי טאַקע, דערנאָך — צי זי ליבט אים אויף אַן אמת און ווען די בענקשאַפט נאָך דאָווידן האָט גענומען קעמפן קעגן אַלע אַנדערע געפילן, האָט זי זיך ווידער געפרעגט: — צי קאָן מען טאַקע זיין גליקלעך מיט בלויזער ליבע? צי האָט זי איר מאַמען נישט געליבט און צי האָט די מאַמע זיך נישט מקריב געווען פאַר איר? נו, זיינען זיי געווען גליקלעך? האָט די מאַמע דען געהאַט עפּעס מער ווי די שווערע פראַצע ביז זי איז געפאַלן פון די פיס?...

אין רחלען האָבן געקעמפט האַרץ און מוח. דאָס האַרץ האָט זיך געצאַפּלט פון ליבע און בענקשאַפט צו דאָווידן און דער מוח האָט געזוכט צו פאַרטרייבן די געפילן דורך אויפוועקן אַנדערע, אַנדערע געפילן וואָס מאָלן שיינע בילדער פון רייכטום און וואויל-טאָג, וואָס אַ יונג שיין מיידל, מעג זי זיין ווי אינטעליגענט און באַ-וואוסטזיניק, קאָן זיך פון זיי נישט אַזוי לייכט באַפרייען.

אוודאי, ווען רחלע זאָל געווען וויסן, אַז אַן אומגעריכט גליק וואַרט שוין אויף איר, ווען זי זאָל געווען האָבן אַן אַנונג, אַז איר גליק איז שוין אַזוי נאָענט, וואָלט זי אַפילו נישט צוגעלאָזן דעם גע-דאַנק וועגן קלענסטן צווייפל אין איר ליבע צו דאָווידן און זי וואָלט די אַלע גוטע פריינט, די געטרייע שכנות פשוט אָפּגעטריבן פון זיך; אָבער אירע ליידן אין טאָזשער די שטעכענישן וואָס זי האָט אָנגע-הויבן פילן אין די זייטן, ווען עס איז איר אויסגעקומען צו זיצן אויף דעם נידעריקן בענקעלע נישט ווייט פון פּרעסער, פונוואַנען עס האָט געשפּאַרט צו איר די היץ מיטן שטיקנדיקן קוילן-גאַז און פון דער צווייטער זייט האָט דער צוג-ווינט פון די אָפענע טיר און פענצטער ווי מיט פייכטע טיכער געקלאַפּט אויף איר לייב און וויפל מאָל זי האָט געבעטן אַז מען זאָל פאַרמאַכן די טיר, האָט מען זי דווקא אויפ-געפּראַלט, זאָגנדיק, אַז אַ „גראַפיניע" מעג זיך אויך צוגעוויינען צו אַביסעלע אַ שווערער לעבן...

זיכער האָט רחלע נאָך אַזאַ שווערן טאָג אַרבעט און אַזויפיל פאַרביטערונגען, געמוזט טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט מיט אַמאָל אויסגעלייזט צו ווערן פון דער פּיין און וויפל דאָס בילד פון דאָווידן האָט אַליין נישט געשוועבט פאַר אירע אויגן, האָט זי אַליין נישט גע-קאָנט פאַרטרייבן פון זיך דעם געדאַנק וועגן די גרויסע מעגלעכ-קייטן אירע, ווען זי זאָל נאָר באַשליסן צו ענטפערן דעם רייכן אַלמן

כאַטש איין גוט וואָרט, אַן אָנצוהערעניש, אַז זי וויל אים לאָזן גוט מאַכן זיין פעלער...

אַזוי האָט רחלע געפּלאָטערט ווי אַ צינגל פון אַ וואָגשאָל צווישן ליבע און רייכטום, אָט האָט עס אַראָפּגעשווערט אויף איין זייט און אָט אויף דער אַנדערער און נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט און פאַרבי־טערונג, האָט זי ביינאַכט אויף איר געלעגער אין דעם קליינעם אויי־בערשטיבל, אויך נישט געפינען קיין רו. זי איז געלעגן אויף איר געלעגער און געקוקט אויפן בילד פון איר פאָטער און מוטער, וואָס זי האָט געלאָזט מאַכן באַלד נאָך איר מוטערס טויט און אין אַ שיי־נער ראַם אויפגעהאַנגען עס אַנטקעגן איר בעט, זי האָט געקוקט און מאַמענטנווייז האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס פאַרשווינדט דער שמייכל פון פאָטערס פּנים און אַז די מוטער קוקט אויף איר מיט טרויעריקן בליק — ווען זי טראַכט וועגן די גליקן וואָס זי קאָן האָבן ביי דעם אלמן וואָס האָט זי אַמאָל געוואָלט אויף אַזאַ שענדלעכן אופן פאַרפירן און עס לייטערט זיך דער בליק פון איר גוטער מאַמע און עס שיינט איר פאָטערס שמייכל, ווען זי טראַכט וועגן דאַווידן...

און דאָס איז געווען נאָך אַזאַ שווערער נאַכט פון טראַכטעניש, ווען זי האָט באַקומען די ידיעה אַז דאַוויד איז צוריקגעקומען פון פּראָווינץ און ער וועט אויף איר וואַרטן אין דער פאַמיליען־אַפּטיי־לונג פון באַר לעאָן.

זי האָט נאָך אין משך פון טאָג געהאַט אַ סך עגמת־נפש אין טאַזשער און דאָס איז געווען די סיבה פון איר צוריקגעהאַלטנקייט צו דאַווידן און איר אָנגעשטרענגטע קאַלטקייט.

אָבער ווי נאָר זיי זיינען אַרויס פון באַר לעאָן און אַראָפּגעקו־מען אין סובטע, האָט די וואָגשאָל פון ליבע ווייט אַריבערגעוואויגן און רחלע האָט צוגעצויגן דאַווידן נענטער צו זיך, זי האָט געקוקט אין זיינע שיינע בלויע אויגן און זי האָט אים אינסטינקטיוו גע־האַלטן ביים אָרבל, ווי מורא האָבנדיק, אַז מען זאָל אים פון איר נישט אָוועקרייסן...

קאַפּיטל 42

אין רחלס אויבער־שטיבל

איצט האָט זיך רחלע געפילט גוט. האָבנדיק דאַווידן נעבן זיך, האָט זי זיך געפילט ווי באַשיצט קעגן די זינדיקע געדאַנקען וואָס האָבן זי מאָמענטנווייז שיער נישט אינגאַנצן באַהערשט.

זי האָט ערשט איצט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן קריטישער די

פאַרשלאָגן און די חרטה־אויסברוכן פון דעם רייכן אַלמן און ווען זי האָט זיך איצט דערמאָנט אָן די שפּיזיקע בליקן וואָס ער האָט איר צוגעוואָרפן אין באַר לעאָן דורך דער אַביסל געעפנטער טיר פון דער שאַף־אָפּטיילונג, האָט זי אָנגעהויבן פילן, אַז דאָס איז זיינס אַ נייע פּאַסטקע פון געמיינהייט און זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו דאַווידן און אים שטיל אַ זאָג געטאָן: — דאַוויד, דו וועסט מער נישט פאָרן אויף דער פּראָווינץ... אַזאַ יונגער מענטש ווי דו, קאָן דאָ אויך עפּעס אויפטאָן... די שטאָט איז גרויס, מעגלעכקייטן זיינען פאַראַן, מען דאַרף נאָר האָבן מוט און ווילן...

דאַוויד האָט איר וואַרים געדריקט די האַנט. — יאָ, נעבן איר, פילט ער זיך מוטיק און מיט אַ סך ווילנס־קראַפט און ער אַליין האָט שוין געטראַכט דערפון, אַז ער דאַרף אָנהויבן זוכן עפּעס אויפן פּלאַץ, כדי צו קענען זיין צוזאַמען מיט איר. אָ, ווי שטאַרק ער וואָלט גע־וואָלט פאַר איר עפּעס אויפטאָן, אַז זי זאָל נישט דאַרפן אַרבעטן אַזוי שווער!...

אַרויסקומענדיק פון סובטע אויף מאַלאַביאַ, האָבן זיי איבערן וועג צו וועלאַזקאָ, כסדר זיך אַליין געמוטיקט מיט האָפענונגספולע רייד, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום טויער פון רחלעס וואוינונג.

דאַוויד האָט איר דערציילט, אַז ער האָט דורך די דריי וואָכן אויף דער פּראָווינץ פאַרדינט אַריבער זעקס הונדערט פּעזאָס ריין געלט און אַז מיט דעם געלט וועט ער דאָ אָנהויבן האַנדלען אויף אייגענער האַנט און ער וועט זיך מיט איר זען יעדן טאָג און דאָס וועט אים שטאַרקן און — וועסט זען, רחלע, מיר וועלן באַלד זיין גליקלעך...

אָבער פּלוצלינג איז רחלע בלאַס געוואָרן.

זי האָט דערזען ווי אויפן ראָג גאַס שטעלט זיך אָפּ אַ קאַטש און זי האָט געפילט, אַז דאָס איז דער קאַטש פון דעם רייכן אַלמן.

ערשט איצט האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ, אַז ער טשאַ־טעוועט אויף איר אויף אַ מיאוסן אופן, פּונקט ווי אַמאָל, ווען ער האָט זי אַריינגענאַרט אין זיין קאַטש מיטן פּאַק סחורה...

רחלע האָט געציטערט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָכדעם ווי ער האָט איר נאָכשפּיאָנירט סיי צום באַר לעאָן און איצט, ווען ער זעט זי דאָ אין געזעלשאַפט פון דאַווידן, וועט ער זי אוודאי ווייטער פאַר־פאָלגן און זי האָט מורא געהאַט, אַז ער קאָן נאָך וואַגן צו וועלן קומען אין איר הויז... אָ, אַזעלכע טיפּן, ווען זיי האָבן נאָך דערצו אַ סך געלט, וואַגן זיי שוין אויף אַלץ און זעענדיק אַז דער קאַטש קערעוועט זיך אוים צוצופאָרן נענטער צו זיי, האָט זי שנעל אַ צי געטאָן דאַווידן נאָך זיך און אים אַריינגעפירט אין הויז.

דאָוויד האָט זיך ווי פאַרלוירן.

אַלץ איז עפּעס היינט געווען אַזוי מאָדנע, די גאַנצע האַלטונג רחלעס, איז היינט געווען אַנדערש ווי אַלעמאָל און ער האָט זיך שוין אַזוי געשראָקן און פּלוצלינג אַזאַ ענדערונג צום גוטן, אַזאַ איבערגעווינלעכע גוטסקייט וואָס פילט אָן זיין געמיט מיט אַזויפיל ענטציקן, מיט אַזויפיל פרייד וואָס פאַרשיכורט אים און ער האָט זיך געלאָזן פון איר פירן ווי אַ באַרוישטער פון גליק.

רחלע האָט אים געפירט איבער שמאָלע טרעפּלעך וואָס האָבן זיך געצויגן פון הויף אויף אַרויף צו דעם אויבערשטיבל, ענלעך צום שטיבל וואו ער אַליין וואוינט און אַ מינוט שפּעטער, האָט ער צום ערשטן מאָל באַטראַכטן די הוים פון זיין אויסדערוויילטער האַרציקער רחלע.

אָנשטאָט באַלד אַ קוועטש טאָן דאָס קנעפּל און ליכטיק מאַכן אין שטיבל, האָט רחלע מיטן גאַנצן פייער פון איר יונגן געמיט און מיט ברען פון איר הייסער ליבע, אַרומגעכאַפּט דאָווידן, אַנגעקלאַמערט זיך מיט אירע הענט אַרום דאָווידס אַקסל און נאַקן און אָנהענגענדיק זיך אָן אים, האָט זי אים אָנגעהויבן קושן, קושן די אויגן, דאָס מויל, די באַקן, און וואו נאָר אירע דורשטיקע ליפּן האָבן געטראָפן אויף דאָווידס פאַרפלאַמטן פּנים...

דאָוויד איז געווען צעטומלט. דאָס גליק האָט אים געטראָפן אַזוי פּלוצלינג, אַזוי אומדערוואַרט, אַז ער האָט זיך פאַרלוירן. אויב ער האָט געחלומט וועגן אַזאַ הייסער נאָנטער באַציאונג מיט רחלען, האָט ער אַפילו אין חלום געטראַכט אַז דאָס וועט אפשר זיין אַמאָל, אַז ער וועט זיך עס ביי איר פאַרדינען, אַז ער וועט האָבן פאַר איר אויפגעטאָן עפּעס גרויסעס, אָבער אַזוי פּלוצלינג... — גאָט מיינער!...

די צוויי ווערטער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט און ער האָט זי אַרומגעכאַפּט, געדריקט זי צו זיך מיט זיין גאַנצער קראַפט און אָנגעהויבן אַפּצועטפּערן אויף אירע קושן און ער האָט זי געקושט מיט אַזאַ באַגייסטערונג, מיט אַזאַ הייליקן פייער און מיט אַזויפיל גליסטונג, נאָר ווי אַ וואַנדערנדיקער אין אַ מדבר וואָס האָט שוין געהאַלטן ביי אויסגיין פון דורשט און ער געפינט פּלוצלינג אַ וואַסער-קוואַל און ער כאַפּט זיך צום טרינקען...

קאַפּיטל 43

צעריסן די נעץ...

ווען רחלע איז געבליבן אַליין אין איר קליין אויבערשטיבל, איז זי נאָך לאַנג געלעגן אין בעט און נישט געקאָנט איינשלאָפן.

זי איז געלעגן און געקוקט אויפן בילד פון אירע טאַטע־מאַמע און זי האָט געזען אַזויפיל צופרידנהייט אויף זייערע פּנימער, פּונקט אַזויפיל צופרידנהייט וויפל זי האָט איצט געפילט אין איר אייגן האַרץ.

ערשט איצט האָט זי געפילט ווי שטאַרק ליב זי האָט דאַווידן.

זי האָט געקוקט אויפן בילד פון אירע טאַטע־מאַמע און צווישן זייערע פּנימער און איבער זיי, האָט כסדר געשוועבט דאַווידס בילד. אָט האָט זי געזען זיין טרויעריק פאַרטראַכט פּנים און אָט האָט זי אים געזען מיט דער טרער אין אויג, ווי זי האָט אים געטראָפן בעת זייער ערשטער באַגעגעניש ביים ים־ברעג און אָט זעט זי ווי זיין פּנים לייכט אויף מיט קראַפט, האָפענונג און גלויבן אין זיך און זי פילט, אַז אָט־אָ דער יונגער בחור וואָס האָט זיך שוין אַליין געהאַט פאַראורטיילט צו אומקום, וועט נאָך אַ סך דערגרייכן און זי וועט זיין גליקלעך ביי אים און זי וועט ביי אים באַקומען פאַרגעלטונג פאַר אַלע אירע ליידן און זי זעט די צאַרט־שמייכלענדיקע פּנימער פון אירע טאַטע־מאַמע, און זי לייענט פון זיי אַראָפּ, אַז אויך זיי זיינען גליקלעך, אַז אויך זיי פילן אַז דאַוויד וועט איר געבן אַזויפיל גליק, וואָס וועט אויך פאַרגעלטן זייערע ליידן...

ערשט שפּעט פאַרטאָג איז זי איינגעשלאָפן און אַ גוטער זיסער חלום האָט ווייטער געגלעט איר געמיט, אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווען דער אָנגעשטעלטער וועקזייגער האָט זיך צעקלונגען מיט שטורם און איבערגעריסן איר שיינעם חלום.

דער וועקזייגער איז אין יעדער אַרבעטער־שטוב דער בייזער שליח פון דער מאַנענדיקערווירקלעכקייט, וואָס רייסט איבער די שענסטע חלומות אין דער בעסטער מיט; דאָס טרויעריקסטע איז, וואָס דער אַרבעטער, מאַן אָדער פרוי, שטעלן נאָך אַליין אָן דעם שליח און זיי זאָרגן נאָך אַליין דערפאַר, אַז דער שליח זאָל חלילה נישט פאַרגעסן איבערצורייסן זייערע חלומות...

אוי, ווי גערן רחלע וואָלט נאָך אַזוי געלעגן און צוריק פאַרמאַכט די אויגן, כדי כאָטש נאָך אַביסל פאַרצווזעצן מיט איר זיסן חלום!...

אָבער דער זייגער וועקט און מאָנט און נאָך מוראדיקער מאָנט די פּלוצלינגנדיקע שטילקייט, ווען דער זייגער הערט אויף קלינגען, די שטילקייט נאָך דער גרעלער מאָנונג מאָנט נאָך שטאַרקער, ווייל זי דראָט מיט דער געפאַר, אַז מען זאָל נאָר נישט צוריק איינשלאָפן...

און רחלע רייסט איבער די מוראדיקע שטילקייט מיט אַ לידל וואָס זי הויבט אָן שטיל זינגען, כדי זיך צו מוטיקן און זי שפּרינגט אַראָפּ פון בעטל און נעמט זיך שנעל אָנטאָן.

אַ האַלבע שעה שפּעטער, פאַרלאָזט זי שוין איילנדיק די שטוב, זי גייט אַראָפּ די טרעפּ און אָט איז זי שוין אין גאַס און לאָזט זיך אויפן קורצן וועג צו איר מאַזשער.

אָבער קוים האָט זי געשטעלט עטלעכע טריט, וואַקסט פאַר איר אוים ווי פון אונטער דער ערד, דער רייכער אלמן.

— איך האָב אייך נעכטן געזען און נאָכגעגאַנגען... אַנטשולדיקט מיר... איך האָב אייך געזען מיט אַ יונגן מאַן... איך קען אים... אַ גאַנץ וואוילער בחור, אָבער איר קאָנט נישט גליקלעך זיין מיט אים... ראַקעל... איך וויל אייך גליקלעך מאַכן... מיין קינד בענקט נאָך אייך... ער פרעגט זיך אויף אייך... שטויסט נישט אָפּ אייער גליק...

רחלע איז געשטאַנען קעגן אים ווי אַ סטאַטוע. בלויז דאָס קליינע ברוינע האַנט-בייטעלע אין וועלכן עס איז געלעגן איר קעמל, טיכעלע און פינגערהוט, האָט זיך הענגענדיק אויף איר האַנט, לייכט און ציטערדיק באַוואויגן. צוערשט איבעראַשט, האָט זי אָבער באַלד דערפילט אַ צופרידנקייט וואָס ער האָט זי דאָ איצט אָפּגעוואַרט, כדי זי זאָל אים קענען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַראָפּזאָגן וואָס זי האָט און דאַרף אים אַראָפּזאָגן און צערייסן די נעץ וואָס ער שפּרייט פאַר איר.

סעניאָר... אומזיסט איז געווען אייער געמיינע מי מיטן יאָרן צוריק און אומזיסט איז אייער מי אויך היינט.

— אָבער... איך וויל דאָך מיין פעלער גוט מאַכן... איך האָב דאָך געמיינט, אַז איר זייט שוין צופרידן, אַז איר שאַצט שוין אָפּ דאָס גליק וואָס אייך דערוואַרט ביי מיר...

— ביי אייך, גליק? — האָט רחלע אויסגערופן מיט עקל אין איר שטים: — ביי אייך גליק? אָ, נישט פאַר מיר...

— מיין קינד... מיין זונדעלע...

— מישט נישט אַריין אייער אומשולדיק קינד! — האָט רחלע אויסגערופן מיט הייליקער אויפרעגונג: — איך בין געווען כמעט אַ

קינד, ווען איר האָט געוואָגט מיך אויף אַזאַ שענדלעכן אופן צו באַליידיקן... יאָ! — האָט איר פּלוצלינג אַ שלאָג געטאָן אַ געדאַנק אין מוח: — יאָ, ווען איר האָט מיך אַזוי שענדלעך באַליידיקט, האָט איר גאָרנישט קיין טראַכט געטאָן, אַז אייער קינד ליגט אפשר אין דעם זעלבן מאָמענט ביי דער מאַמעס ברוסט... דערמאָנט בעסער נישט דאָס וואָרט קינד, ווייל איר שענדעט דערמיט דעם אָנדענק פון אייער פאַרשטאָרבענער פרוי...

דער רייכער סוחר האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, ער האָט עפּעס שטיל צו זיך אַליין געמורמלט און וועלנדיק אָפּהאַקן און אַ סוף מאַכן צו דעם פיינלעכן צוזאַמענטרעף, האָט רחלע מיט דעם זעלבן הייליקן אייפער פאַרגעזעצט:

— הערט, איך האָב מיין אומגליקלעכן פאָטער קיינמאָל נישט געקענט, ווייל עטלעכע טעג איידער מיין אָרימע מוטער איז געקומען מיט מיר קיין אַרגענטינע, האָט אַן אויטאָ איבערגעשניטן מיין פאָטערס יונגע לעבן. מיט יאָרן שפּעטער, ווען מיין אָרימע מאַמע האָט זיך אַזוי געמוטשעט מיך צו דערציען, האָט איר מיך אין מיין יונגער רייפקייט געוואָלט איבערפאָרן מיט אייער אויטאָ... איר האָט געוואָלט צוליב אייער עגאָאיזם איבערשניידן מיין יונג לעבן און ווייסט עס, אַז מיך עקלט פון אייך און איר זאָלט עס נישט וואַגן מיך מער צו באַלעסטיקן!...

און נישט קוקנדיק אַפילו מער אין זיין זייט, האָט זי זיך געלאָזן לענגאויס דער גאַס און בלויז עטלעכע מינוטן שפּעטער, איז זי שוין געזעסן ביי דער ניי-מאַשין וואָס האָט מיט איר ריטמישן גערויש פאַרטויבט דאָס קלאַפּן פון רחלעס האַרץ...

קאַפּיטל 44

ווען די זון פון גליק שיינט אויף

ווען דאַוויד איז אַרויס פון רחלעס אָרימען שטיבל און זיך געלאָזן דורך סעראַנאַ צו קאָריענטעס צו, האָט ער געפילט נישט ווי ער וואָלט געגאַנגען, נאָר ווי ער וואָלט געשוועבט.

ער איז געווען אָנגעפילט מיט אַזויפיל גליק, מיט אַזויפיל פרייד, אַז ער האָט געשוועבט אין העכערע וועלטן, איבער שיינע ליכטיקע הימלען.

אָבער קומענדיק אין סובטע, האָט ער פאַמעלעך אָנגעהויבן

דערוואַכן צו דערווירקלעכקייט און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זיינע רעאַלע מעגלעכקייטן עפּעס צו טאָן, אַז רחלע זאָל קענען וואָס שנעלער זיין אינגאַנצן זיינע, אַז ער זאָל מיט רחלען וואָס שנעלער קענען ווערן איינס; אַז ער זאָל דערלעבן די מינוט, ווען ער וועט זי קענען באַפרייען פון איר שווערער אַרבעט און זיך פאַראייניקן מיט איר אַלס מאַן און פרוי.

אַ, דאַוויד האָט אין זיך איצט געפילט אויסערגעוויינלעכע כּוחות; ער וואָלט גרייט געווען און ער איז געווען זיכער, אַז ער וואָלט עס באַוויזן, אַרויסצורייסן אַ גאַנץ הויז און אַריבערטראָגן עס אויף זיינע פּלייצעס אויף אַ צווייטן פּלאַץ, ווען דאָס זאָל נאָר נויטיק זיין פאַר רחלעס גליק!

ער האָט אָנגעהויבן רעכענען געני זיינע פאַרדינסטן אויף דער פּראַווינץ, יאָ, איבער זעקס הונדערט פּעזעס; ער וועט איינקויפן סחורה פאַר דעם געלט און אָנהויבן האַנדלען... ער וועט אָנהויבן קליין און וועט שטרעבן צו גיין גרעסער... ער וועט...

דער סובטע האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז שוין אויף פּאַסטעור און פאַרלאָזנדיק איילנדיק דעם וואַגאָן, האָט זיך איבערגעריסן דער פאָדים פון זיינע פּלענער.

ער איז געגאַנגען לענג־אויס קאָריענטעס ביז אַזקוענאַגאַ, דאָרט, אין די צוויי הונדערטער האָט ער געוואוינט אין אַ קליין אויבערשטיבל, ענלעך צו רחלעס, נאָר נישט אַזוי שיין און זאָרגפעלטיק צוגערוימט און באַפּוצט און וואָס נענטער ער איז געקומען צו זיין היים, אַלץ שווערער איז ווידער געוואָרן זיין געמיט; ער האָט אָנגעהויבן צווייפלען צי ער וועט טאַקע קענען עפּעס אויפטאָן מיט זיינע זעקס הונדערט פּעזעס אויף אייגענער האַנט און אַ טרויעריקער איז ער אַריינגעקומען אין זיין שטיבל.

ערשט ווען ער האָט אָנגעצונדן די עלעקטרישע ליכט, האָט ער דערזען אויף דער ערד נעבן דער טיר אַ בריוול, וואָס דער באַלעבאָס פון הויפּל האָט זיכער אַריינגעשטופּט אונטן דורך דעם שפּאַלט צווישן טיר און פאַל.

ער האָט ווי נישט גערן אַ קוק געטאָן אויף דער צווייטער זייט בריוו, זען פון וועמען ער איז און פּלוצלינג האָט זיך אַ רויטקייט אויסגעשפּרייט אויף זיין פּנים, ער האָט נערוועז אויפגעריסן דעם קאָנווערט און אַרויסגענומען אַ קליין בריוול און שנעל איבערגעלייענט דעם אינהאַלט.

אויפן מאָמענט, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט

צום קאָפּ, ער האָט זיך געריבן די שלייפן אַזוי ווי ער וואָלט זיך נישט געגלויבט צי ער האָט טאַקע אַזוינס געלייענט און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום קליינעם טישל און נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די עטלעכע געציילטע שורות, אין וועלכע מען טיילט אים מיט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ בריוו פון זיין פאָטער, דער בריוו איז פון אַמעריקע און ער קאָן אים קומען אָפּנעמען אין דער סעקרעטאַריע פון פּויליש-אידישן פאַרבאַנד יעדן טאָג פון 17 ביז 20 אַזייגער.

דאַוויד האָט געוואָלט אויסשרייען פון פרייד; ער האָט געפילט ווי שוין צוריקצולויפן צו רחלען און איר אָנזאָגן די בשורה, אַז ער האָט געפינען זיין פאָטער; די פריידיקע איבעראַשונג איז פאַר דאַווידן געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַרומטאַנצן אין דעם קליינעם שטיבל און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָט ער געלייענט די דערפרייענדיקע ווערטער און ער האָט אַזש אָנגעהויבן לאַכן וואָס עס שרייבט זיך, אַז יעדן טאָג קאָן ער קומען אָפּנעמען דעם בריוו... יעדן טאָג... מאָרגן, אוי, ווען עס איז איצט נישט נאַכט, וואָלט ער דאָך שוין איצט געלאָפן אין פאַרבאַנד...

די ידיעה פון פאַרבאַנד אַז עס איז דאָ אַ בריוו פאַר אים פון זיין פאָטער, איז געקומען פּלוצלינג; שוין מער ווי אַ יאָר, זייט דאַוויד האָט אָנגעוואוירן יעדע האָפענונג נאָך ווען עס איז צו באַקומען אַ צייכן וואו זיינע עלטערן זיינע אַהינגעקומען; ער האָט שוין געהאַט געשריבן דורכן פאַרבאַנד צו פאַרשידענע רויטע קרייץ-געזעלשאַפטן, פון דער שווייץ, פון אַמעריקע, פון שוועדן, אפילו דורך יאַפּאַן און טערקיי, אָבער וויפל מאָל ער איז געקומען אין פאַרבאַנד פרעגן צי עס איז דאָ עפּעס אַ ידיעה, האָט ער אַלעמאָל באַקומען דעם זעלבן טרויעריקן ענטפער, אַז דערווייל — גאָרנישט, אַז עס וועט עפּעס קומען, וועט מען אים שוין געבן צו וויסן...

לאַנג האָט עס געדויערט ביז דאַוויד האָט זיך צוגעוואוינט צו דער נייער פרייד וואָס האָט אָנגעפילט זיין געמיט, ער האָט איין גליק פאַראייניקט מיטן צווייטן און ער האָט געציטערט פון דערוואַרטונג אויפן מאָרגנדיקן טאָג, אפשר וועט ער נאָך קענען איבערדערפרי, פאַר דער אָנגעוויזענער צייט זיך עפּעס דערוויסן אָדער אפשר גאָר קענען באַקומען דעם בריוו פון זיין פאָטער.

ליגנדיק שוין עטלעכע שעה אין בעט, האָט זיך פּלוצלינג אַ שאָטן אויסגעשפּרייט אויף זיין פּנים, אַ טרויער האָט אים באַהערשט, ווער ווייסט אין וואָס פאַראַ לאַגע זיין פאָטער געפינט זיך, זוער ווייס וויפל ער האָט געליטן ביז ער האָט זיך געראַטעוועט פון

די בלוטיקע נאַצישע נעגל און ווער וויים צי דער פּאַטער ליידט נישט קיין נויט און וואָס איז מיט דער מאַמען?...

ערשט שפּעט פאַרטאָג האָט דאַוויד באַוויזן איינצושלאָפן, אָבער קוים אַ שעה שפּעטער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אויף שנעל זיך אָנגעטאָן, אַרומגעוואַשן און אַרויס אין גאַס.

זיין ערשטער וועג איז געווען אין פּויליש-אידישן פאַרבאַנד, אָבער דאָרט האָט אים אַן ענקאַרגאַדאָ געזאָגט, אַז פּאַר פינף אַזייגער נאָכמיטיק האָט ער נישט וואָס צו זוכן, ווייל דער באַאַמטער קומט ערשט אין דער צייט...

דאַוויד האָט געוואָלט דערציילן רחלען פון זיין גליק, אַז ער האָט צוריקגעפונען זיין פאָטער, ער איז שוין אַפילו געפאָרן מיטן סובטע ביז מאַלאַביאַ, אָבער אויפן וועג צום טאָזשער וואו זי אַרבעט, האָט ער זיך באַרעכנט, אַז אפשר וועט דער בריוו פון זיין פאָטער זיין אַ טרויעריקער, איז בעסער זי זאָל דערווייל נישט וויסן פון אים...

איז ער צוריקגעפאָרן אין צענטער, געוואַרט אין נערוועזער שפּאַנונג ביז צו דער אָנגעוויזענער צייט און אָט איז ער שוין געווען אין פּויליש-אידישן פאַרבאַנד, ער האָט זיך לעגיטימירט און אונטערגעשריבן און ענדלעך באַקומען אַ גרויסן בריוו מיט סטעמפּלען פון לופט-פּאָסט.

ער האָט קוים געהאַט כוח זיך צו באַהערשן ביז ער איז אַרויסגעקומען אין פאָרהויז פון פאַרבאַנד, דאָרט האָט ער נערוועז צעעפנט דעם בריוו, ער האָט באַלד דערקענט זיין פאָטערס פאַרציקטע שריפט און צו זיין גרויסער פרייד, האָט ער פון אונטן געזען אַ צושריפט מיט אַ גרוס פון זיין מאַמען.

אויפן ערשטן מאָמענט איז דאָס פאַר אים געווען גענוג. אַבי זיי לעבן ביידע... די פרייד זיינע איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז אַזש צוריק אַריין אין סעקרעטאַריאַט און אויסגערופן צום באַאַמטן מיט דעם גאָלן קאָפּ: — איך דאַנק אייך פון טיפן האַרצן! מיינע עלטערן לעבן!...

— מיר האָבן בלויז דערפילט אונדזער פליכט, האָט דער באַאַמטער ה טאַבאַקשניידער געענטפערט; — ווי נאָר דער בריוו איז אָנגעקומען, האָבן מיר אייך געמאָלדן וועגן דעם.

דאַוויד איז אַראָפּגעלאָפן אין גאַס, איצט האָט ער וואָס שנעלער געוואָלט זען רחלען.

פאָרנדיק אין סובטע, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעלייענט

דעם בריוו, יאָ, זיי זיינען געזונט... זיינע טאַטע־מאַמע האָבן אַ סך מיטגעמאַכט און איבערגעלעבט אַ סך שרעק, אָבער זיי האָבן זיך געראַטעוועט און אַפילו געראַטעוועט אַ היבשן טייל פון זייער פאַר־מעגן און זייער איינציקע זאָרג איז נאָר געווען ער, דאַוויד, צי ער לעבט נאָך ערגיץ צווישן די נעגל פון די ווילדע חיות...

די זון פון גליק האָט אויפגעשיינט איבער דעם קאָפּ פון דעם דורכגעליטענעם און היינט אַזוי פאַרליבטן דאַוויד און ער האָט גע־איילט מיט אַ בינטל שטראַלן פון דער גליקלעכער זון, צו דערוואַ־רעמען און דערפרייען אויך רחלעס האַרץ...

קאַפּיטל 45

טעג פון גליק לויפן...

ווי לאַנג עס האָבן זיך געצויגן די טעג פון ליידן און פיין, סיי פאַר דאַווידן און אַוודאי פאַר רחלען און נאָך מער פאַר דער אומ־גליקלעכער שיינדעלע, וועלכע האָט אַ גאַנץ לעבן אַזוי שווער גע־האַרעוועט, שפּייזנדיק זיך בלויז מיט דער איינציקער האָפענונג, אַז זי וועט דערציען איר איינציקע טאָכטער, איר שענסטע איבער־בלייבעניש נאָך איר אומגליקלעך אומגעקומענעם מאַן!

און פאַר רחלען?

דוכט זיך בלויז אַכט שעה אַרבעט אין טאַזשער, אָבער דאָס זיינען נישט געווען קיין אַכט שעה, נאָר אַכט אייביקייטן פון פי־זישע און גייסטיקע ליידן און רחלע האָט גוט געוואוסט, אַז זי ליידט אַזויפיל, ווייל זי איז אַביסל אַנדערש ווי די איבעריקע אַרבעטער, ווייל זי האָט אַביסל מער געלערנט און עס האָט איר טאָפּלט ווייי געטאָן, זעענדיק, אַז נאָר די קנאה פאַר איר אַנדערשקייט מאַכט זי אין די אויגן פון די אַנדערע פאַר אַ „גראַפיניע"...

לאַנג האָבן זיך געצויגן די טעג פון ליידן און פיין, אָבער שנעל, ווי אַ שיינער זיסער חלום, זיינען געלאָפן די טעג פון פרייד און גליק.

נאָך דעם בריוו וואָס דאַוויד האָט באַקומען פון זיין פאָטער דורכן פויליש־אידישן פאַרבאַנד, איז נאָכגעקומען אַ פאַרשפּעטיקטע טעלעגראַמע און עטלעכע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען פון שוויי־צאַרישן רויטן קרייץ אַ מעלדונג אַז דאַווידס פאָטער געפינט זיך אין ניו־יאָרק און אַז מען האָט אים שוין פאַרשטענדיקט וועגן זיין זונס אַדרעס און אויף דאַווידס אַ טעלעגראַמע צו די עלטערן קיין

ניו־יאָרק, איז אים בלויז עטלעכע טעג שפּעטער אָנגעקומען אַ גרויסע טעלעגראַמע, אין וועלכער מען גיט אים אָן אַדרעס צו אַ גרויסער עקספּאָרט און אימפּאָרט פירמע אין ב. איירעס, וואו מען וועט אים אויסצאָלן טויזנט דאָלאַר אין אַרגענטינער וואַליוטע...

די טעג זיינען געלאָפן שנעל און יעדער טאָג האָט פּאַר דאַווידן מיט רחלען געבראַכט נייע גליקן און נייע פריידן.

דאַוויד האָט באַקומען אויסגעצאָלט דאָס געלט און דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן איז געווען, דאָס אָפּשטעלן רחלען פון דער אַרבעט.

גענוג! — האָט ער געזאָגט, זיצנדיק מיט איר אין איר קליינעם, אָבער שיין־צוגערוימטן אויבערשטיבל; — גענוג געווען דאָס מוטשען זיך, איך וויל דו זאָלסט אָנהויבן אַ בעסער לעבן און בעסער פאַרברענגען די טעג מיט צוגרייטונגען צו אונדזער גליקלעכן צוזאַמענלעבן.

ווי רחלע האָט זיך דאָס געזעגנט מיט אירע חברים און חברטעס אין טאַזשער!

ווי זי האָט דאָס באַוויזן צו צעשמעלצן די פאַרהאַרטעוועטע כאַראַקטערן פון די אַרבעטער און אַרבעטערינס!

— זייט געזונט; האָט זי געזאָגט — און גיט קיינמאָל נישט אויף די האָפענונגען, אַז די זון וועט אויך פאַר אייך אויפשיינען!...

דער באַלעבאָס, יאָסל אָדער דאָן כאָסע, האָט געהאַט דרך־ארץ. ער האָט טאָלערירט ווען די אַרבעטער האָבן אָפּגעשטעלט די מאַשינען און בעת רחלע איז געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן און זיך אַזוי האַרציק־וואַרים געזעגנט, האָט ער מורא געהאַט, אַז זיינע געפילן זאָלן זיך אין אים נישט „צעיאַכמערן", האָט ער דערווייל זיך אַריינגעטאָן אין צונויפקלייבן שטיקלעך צוגעשניטענע סחורה וואָס האָבן זיך פאַרלוירן איינס פון אַנדערן; אָבער ער האָט עס געטאָן מעכאַניש און גלייכצייטיק נישט פאַרלוירן קיין איין וואָרט וואָס רחלע האָט געזאָגט צו די חברים און וויפל ער האָט זיך נישט באַמיט צו שטאַרקן, האָבן זיך זיינע געפילן אין אים פאָרט „צעיאַכמערט"...

די אַרבעטער האָבן שוין געוואוסט, אַז רחלען האָט געטראָפן אַ גרויס גליק און זיי האָבן זיך געוואונדערט וואָס זי קומט נאָך צו דער אַרבעט און זיי האָבן שוין די לעצטע טעג געקוקט און זיך באַצויגן צו איר גאַנץ אַנדערש און איצט האָט זי זיי געזאָגט:

— איך וויל, אַז איר זאָלט היינט צו מיר ריידן פונקט אַזוי ווי

אַלעמאַל; — בעריש, גיב די אויסגעהאָרעוועטע אַרבעטער-לאַפּע און דריק מיין האַנט פּונקט אַזוי פעסט, ווי דו דריקסט דאָס שווערע פּרעס-אייזן ביים אויפהויבן און אַראָפּלאָזן עס אויף די האַרטע שטאָפן!... אַזוי, אָ! זייט געזונט, און וואַרפט אַרוים די שפּילקעס און שטעכלקעס פון אייערע פּראָסטע, כאַראַקטעריסטיש-האַרע-פּאַשנע ערלעכע ווערטער!... און דו, נחום, איך ווינטש דיר, אַז ווי לאַנג דיר איז נאָך באַשערט צו אַרבעטן, זאָל זיך דער פאָדעם אין דיין מאַשין נישט רייסן און די נאָדל נישט ברעכן, וועסטו זיין ווייניקער נערוועז! און דו וועסט זיין אַ שיינער בחור!... און איצט דו, פייגעלע, שטיי אויף אויף אַ ווילע פון בענקעלע און גלייך אויס דיין רוקן... דו גלויבסט דאָך מיר, אַז איך פיל דיין געמיט... שעם זיך נישט, קוק מיר גלייך אין די אויגן... דו האָסט דאָך מיר נישט גע-וואָלט ווי טאָן, דו האָסט דאָך בלויז דיין אייגענעם ווייטיק געוואָלט פאַרטויבן...

און זי האָט אַרומגעכאַפּט פייגעלען און זי אַזוי האַרציק וואַרים געקושט...

יאָ, רחלע האָט באַוויזן צו צעשמעלצן די פאַרהאַרטעוועטע גע-מיטער פון אירע אַרבעטער חברים! אַלע האָבן געוויינט ביים גע-זעגענען זיך מיט איר און ווען זי האָט זיך אויפּסלעצט געזעגנט מיט יאַסלען, דעם באַלעבאָס פון טאַזשער, זיינען נאָך אַלץ די מאַשינען געשטאַנען שטיל און די מיידלעך האָבן זיך געווישט די אויגן און אין דער סאַלע האָט זיך געפילט די אַטמאָספער פון חרטה פאַר יעדן עגמת-נפש וואָס מען האָט דער וואויל-קענעוודיקער רחלע צוגע-טיילט; אין טאַזשער האָט געהערשט דער געפיל פון חרטה און פאַר-געבונג.

ווען רחלע איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר צום אַוועקגיין, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו די אַרבעטער און אויסגערופן:

— זייט גוט איינער צום אַנדערן... אַלע עסט איר דאָס זעלבע שווער פאַרהאָרעוועטע שטיקל ברויט; זייט גוט, פאַרשטייט און מו-טיקט איינער דעם אַנדערן, ביז די זון וועט אויך פאַר אייך אויפ-שיינען!...

ווען רחלע איז אַרויסגעקומען אין גאַס, האָט זי שוין דורך די פענצטער פון סאַלע געהערט דעם ריטמישן גערויש פון די מאַשי-נען, אין טאַזשער איז די אַרבעט ווידער אַריין אין פולן אימפּעט...

קאַפּיטל 46

רחלס חתונה

דער קאָנטאַקט צווישן דאַווידן מיט זיינע עלטערן אין ניו־יאָרק, איז געווען אַ רעגולמעסיקער.

יעדע עטלעכע טעג האָט ער באַקומען פון זיינע עלטערן אַ בריוו דורך לופט־פּאָסט און ער האָט באַלד געענטפערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די עלטערן איז דורך פאַרשידענע פאַרטלען גע־לונגען זיך אַרויסצובאַקומען פון די ברוינע בעסטיעס און זיי האָבן אַפילו באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך אַ היבשן טייל פון זייער פאַר־מעגן אין גאָלד און בריליאַנטן און היינט שפּילט זיין פאָטער אין ניו־יאָרק אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין געשעפטלעכע קרייזן און ער שטייט אויך אין געשעפטלעכער באַציאונג מיט אַרגענטינע, און דאַוויד איז דאָ געוואָרן זיין דירעקטער פאַרטרעטער.

דאַוויד האָט מיטגעטיילט זיינע עלטערן, אַז ער האָט שוין דאָ אַ כלה, ער האָט זיי צוגעשיקט די שיינע פאָטאָגראַפיע וואָס ער האָט געלאָזט מאַכן פון זיך צוזאַמען מיט רחלען, ווי ער האַלט זיין רעכטע האַנט אַריבערגעלייגט איבער איר אַקסל און זייערע קעפּ זיינען אָנגעבויגן צוזאַמען איין קאָפּ צום אַנדערן.

דאַווידס מוטער האָט דערויף געענטפערט, אַז אויב רחלע איז אַזוי גוט און אינטעליגענט ווי שיין זי איז, דאַן פרייט זי זיך מיט איר זונס גוטן אָפּקלויב און זי האָפט, אַז זי וועט פון זיי דערלעבן נחת.

דער פאָטער האָט געשריבן, אַז ער וועט זיך באַמיען, אָדער צו קומען קיין אַרגענטינע בייצוזיין זיין זונס חתונה, אָדער אפשר וועט מעגלעך זיין, אַז דאַוויד מיט רחלען זאָלן קומען קיין ניו־יאָרק און דאָרט פּראַווען זייער חתונה.

עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַנדערש. אַמעריקע איז אויך אַריין אין דער מלחמה, עס זיינען איינגעטראָטן אַנדערע באַדינגונגען און די עלטערן האָבן מסכים געווען, אַז דאַוויד זאָל דאָ חתונה האָבן און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, וועלן זיי זיך זען.

דאַוויד האָט דאָ זייער גוט פאַרטראָטן די געשעפטלעכע אינ־טערעסן פון זיין פאָטער; דאָס איז נישט מער דער זעלבער פאַרמרה־שחורהטער דאַוויד וואָס איז שוין געשטאַנען ביי דער שוועל פון וואנזין; ער איז געוואָרן מענישער, די ענערגיע האָט אַרויסגע־

שטראַלט פון אים און זיין ליבע צו רחלען איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג און ער האָט גלייכצייטיק מיט די געשעפטן, אויך געמאַכט די פּלענער פאַר זיין חתונה.

אויך רחלע איז געווען זייער שטאַרק באַשעפטיקט און פאַר־האַרעוועט.

זי האָט נישט אַנדערש געוואָלט, ווי אַליין נייען איר חתונה־אויסשטאַטונג.

און אַ וואונדערלעכע זאַך: — זי האָט נישט געוואָלט בייטן איר קליינע אָרימע וואוינונג אין דעם אויבערשטיבל אויף וועלאַזקאַ אין די ניין הונדערטער.

דעם האַלבן טאָג פאַרמיטיק, האָט זי פאַרבראַכט מיט גיין איינ־קויפן זאַכן, זי האָט געקויפט סחורה אויף וועש און קליידער און דאַוויד האָט אַלץ געפאָדערט זי זאָל קויפן מערער און מערער, אַז זי זאָל נישט זשאַלעווען, ער פאַרדינט שוין דאָ גענוג, עס איז שוין נישט פאַר זיין פאַטערס געלט, נאָר זיין אייגענער פאַרדינסט... און זי האָט איינגעקויפט און זי האָט געקויפט נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דאַווידן, דאָ זאָקן, דאָ קראַוואַטן, דאָ העמדער און פּיזשאַמעס און יעדע נאַכט, ווען די טייערע סחורות פאַר זייער חתונה־אויסשטאַטונג זיינען געלעגן צעוואָרפן אויפן טיש און אויף דעם אַנלען פון שטול און רחלע האָט זיך געלייגט אין בעט, האָט זי געקוקט אויפן בילד פון אירע טאַטע־מאַמע און זי האָט געזען אויף זייערע פּנימער אַזאַ הייליקע צופרידנקייט וואָס האָט זי גערירט ביז טרערן.

די טעג פון גליק זיינען געלאָפן און דערנענטערט דעם גרעסטן גליקלעכן טאָג, אויף וועלכן ביידע, סיי דאַוויד ווי רחלע האָבן שוין געוואַרט מיט אומגעדולד.

דאַוויד איז געגאַנגען צוזאַמען מיט רחלען דינגען דעם שיינעם דעפּאַרטאַמענט אויף ענטערע ריאַס אין די צוויי הונדערטער: — אוי, ווי רייך דאָס האָט אויסגעזען אין רחלעס אויגן און ווי נישט פאַר־גלייכלעך דער רוחבותדיקער דעפּאַרטאַמענט פון פיר צימערן מיט די אַלע באַקוועמלעכקייטן האָט אויסגעזען קעגן איר קליין אָרים אויבערשטיבל!...

בלויז עטלעכע טעג שפּעטער, האָט דאַוויד געלאָזן אויסמע־בלירן די וואוינונג, רחלע איז געווען אַנטציקט, זי האָט געלאָזט מאַכן אַ פאַרגרעסערונג פון דער פאָטאָגראַפיע וואָס דאַוויד האָט בעהאַט געשיקט צו זיינע עלטערן, און זי האָט אויך געמאַכט אַ נייע

קאַפּיע פון אירע עלטערנס בילד און צוויי טעג פאַר זייער חתונה, איז שוין דאָס בילד פון דעם יונגערן פּאָרל אין אַ שיינער ראַם גע־האָנגען איבערן צוקאָפּנס פון דעם שיינעם בעט און פּונקט אַנט־קעגן, אויף דער צווייטער וואַנט, איז געהאָנגען אין אַזאַ זעלבער שיינער ראַם, דאָס בילד פון רחלעס אומגליקלעכע עלטערן.

רירנדע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דעם אָרימען הויפל, ווען רחלע האָט זיך געזעגנט מיט די שכנים און זייערע קינדער.

זי האָט זיי געטיילט מתנות וואָס זי האָט איינגעקויפט פאַר זיי און עס איז רחלען נישט אַזוי לייכט געווען זיך אָפּצורייסן פון דעם אָרימען הויז, וואו זי האָט פאַרבראַכט אַזוי פיל פיינפולע יאָרן פון איר יונגסטער קינדהייט ביז צום טאָג פון איר גרויסן גליק...

לאַנג זיינען נאָך די שכנים און שכנות מיט זייערע קינדער גע־שטאַנען ביים טויער און נאָכגעקוקט ווי דער אויטאָ לויפט שנעל און פירט מיט זיך די שיינע רחלע, ז יי ע ר שיינע רחלע, וואָס איז זיי געווען אַזוי איינגעבאַקן אין הארצן פון קינדוויי אָן און ווישנדיק זייערע טרערן, האָבן זיי איר נאָכגעשיקט זייערע ברכות, אַז זי זאָל זיין געזונט און דאָס גליק זאָל זי באַגלייטן אויף איר גאַנצן לעבן!...

די חופה איז געשטעלט געוואָרן אין אַ קליינעם סאַלאָן פון אַ רייכער קאָנפיטעריע.

דאַוויד האָט שוין געהאַט אַ סך באַקאַנטשאַפט און אויף דער חתונה זיינען געקומען עטלעכע צענדלינג רייכע סוחרים, פּאַרטרע־טער פון אַמעריקאַנער פירמעס, אָבער די חופה איז געשטעלט גע־וואָרן אויפן אידישן שטייגער; אַ רב איז געווען דער מסדר־קידושין און ווען רחלע איז געשטאַנען אונטער דער חופה מיטן טיכעלע פאַר די פאַרוויינטע אויגן, האָבן אין איר געדאַנק געשוועבט די בילדער פון אירע טאַטע־מאַמע. זי האָט געזען איר פאָטער וועלכן זי האָט קיינמאָל נישט געזען לעבעדיק — אַ לעבעדיקן, ווי ער קומט אָן צו שוועבן פון ערגיץ ווייט און זיין פּנים שמייכלט אַזוי צופרידן און ער קומט צו שוועבן אַלץ נענטער און נענטער און וואָס נענטער ער קומט, אַלץ צעשטראַלטער ווערט זיין פּנים...

און אָט באַווייזט זיך אויך איר מוטער, שיינדעלע, די אומ־גליקלעכע אייביקע אלמנה שיינדעלע... אין איין סעקונדע לויפן אין רחלס מוח דורך די אַלע פּיינען וואָס איר אומגליקלעכע מאַמע האָט איבערגעליטן אין משך פון איר שווערן לעבן, אירע שטרעבונגען

צו דערציען זי אַלס זעלבסטשטענדיקן מענטש און זי האָט געהערט אירע ווערטער וואָס זי האָט איר געלערנט אויפן קראַנקן-בעט: — די אומשולד איז נישט אַזוי טייער ווי הייליק; היטנדיק די אומשולד, הייסט אָפּהיטן אַ הייליקייט וואָס באַשיצט קעגן אַלע אָפּגרונטן וואָס עגאָאיסטישע מענער שפּרייטן פאַר דער פרוי...

אויך שיינדעלעס פּנים האָט איצט אין רחלעס מוח געלויכטן פון פרייד און נחת; דער מוטערס בילד האָט צוגעשוועבט צום פאַטערס, ביידע קעפּ האָבן זיך געשלאָסן אַזוי ווי זיי זיינען אויף דעם קאָמבינירטן בילד וואָס רחלע האָט אויפגעהאָנגען אַנטקעגן איר בעט אין איינגעאָרדנטן שיינעם דעפּאַרטאַמענט און בעת דאַוויד האָט גענומען איר האַנט און אָנגעטאָן איר דאָס רינגל, זאָגנדיק דעם פּסוק „הרי-את”, האָט זי געזען ווי פון דער מאַמעס רעכטן אויג גליטשט זיך אַרוים אַ גרויסע זידיקע טרער און איר פּנים שמייכלט פון נחת...

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

ווען דאַוויד מיט רחלען זיינען נאָך דער חתונה שפּעט פאַרטאָג אַהיימגעקומען אין זייער איינגעאָרדנטן דעפּאַרטאַמענט, האָבן זיי זיך ווידער, נאָך איידער דאַוויד האָט אָנגעצונדן די ליכט, אַרומגעכאַפּט אַזוי ווי דעמאָלט, ווען דאַוויד איז צום ערשטן מאָל באַטראָטן רחלעס אָרימע אויבערשטיבל.

ווען דאַוויד האָט ענדלעך אָנגעצונדן דעם שיינעם קריסטאַלענעם הענגלאָמפּ, איז רחלע דאָס ערשטע צוגעלאָפן צום בילד פון אירע עלטערן, זי האָט זיך געוואָלט ווייזן פאַר זיי אין מאָמענט פון איר גרעסטן, פון איר הייליקסטן גליק און ווי איבעראַשט איז זי געוואָרן, ווען זי האָט אויפן בילד געזען די זעלבע צעשטראַלטע פּנימער פון אירע טאַטע-מאַמע, וואָס זי האָט געזען אין געדאַנק און זי האָט אַזש אויפגעציטערט פון הייליקן געפיל, ווען זי האָט אויפן גלאָז פון בילד, אויף דער באַק אונטער דער מאַמעס אויג, געזען הענגען אַ גרויסע טרער, די זעלבע טרער וואָס זי האָט אונטער דער חופּה געזען אַרויסגליטשען זיך פון דער מאַמעס אויג...

ס ו ף

די באַדייטונג פון שפּאַנישע ווערטער וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם בוך

אוועזשאַנעדאַ — אַ פּאַרשטעטל נעבן ב. איירעס.

„חברה-לייט" — „רופיאַנעס" (די טמאים).

„טאַזשער" (טאַזשעריסטן) — וואַרשטאַט, וואַרשטאַטן.

„טע קיעראָ מוטשאָ" — איך וויל דיך, איך באַגער דיך זייער שטאַרק...

לאַנוס — אַ פּאַרשטעטל נישט ווייט פון ב. איירעס.

„לוסטראַדאָר" — אַ פּאָלירער פון פּאָלן (אָדער פון מעבל).

„ליסעאָ" — גימנאַזיע פאַר מיידלעך.

„מאַרטשע און ביפע" — פאַרגרייט אַ ביף.

„מאָנכאַ" — אַ מאַנאַשקע.

„מענאָר" — מינדעריעריק.

„עסקריטאָריאָ" — אַ ביוראָ.

„פעאָן" — אַ טאָג-לוינער.

„פּרעסיאָסאַ" — געפּרייזטע, ווערטפולע, טייערע.

„קאַבאַזשעראָס" — קאַוואַלירן.

„קאָמפּאַדרעס" — וואוילע-יונגען (גאַסן-יונגען).

„קאַפּאַטאַס" — אַן אויפזעער ביי אַרבעט.

„קאָרעדאָר" — אַן אַגענט.

„קוענטעניקעס" — סוחרים וואָס פאַרקויפן אויף באָרג, צום אויסצאָלן אין ראַטעס.

„קינטע" — אַ באַבוימטער פּלאַץ, אַ מין גאָרטן.

„קיע פּאַפּאַ-" — וואָס פאַרא פּיין מאכל!...

„קלאַפּער" — אַ הויזירער, אַ „פּעדלער".

דערשינענע ביכער פון נחמיה צוקער

חליצה

דראמע אין דריי אקטן (אויספארקויפט).

שפאס און ערנסט

לידער און פאראדיעס (אויספארקויפט).

פאר דראמקרייזן

(צען איינאקטערס און סצענירונגען)

פון אלץ צו ביסלעך

דערציילונגען און הומארעסקעס,

אין נאמען פון גערעכטיקייט

טראגעדיע אין דריי אקטן

פאבריקאנטן

(קאמעדיע אין איין אקט)

פיר דורות אידיש טעאטער

ביאגראפישער ראמאן 512 זייטן

צווישן נעכטן און מארגן

דערציילונגען און א דראמע

מוטער און קינד

ערשטער ראמאן פון אידישן אימיגראנטן-לעבן אין בוענאס איירעס.

אונטער דער רעדאקציע פון נ. צוקער דערשינען:

פנקס גאליציע

ארויסגעגעבן פון גאליציאנער פארבאנד אין ב. איירעס

יאר - בוך

פון אידישן ישוב אין ארגענטינע, פארלאג „יידיש״.

Este libro se terminó de imprimir
el 22 *de Noviembre de* 1946 *en*
los Talleres Gráficos de
Julio Kaufman, Junín
344, *Buenos Aires,*
República Ar-
gentina.

NECHEMIAS ZUCKER

MADRE e HIJA

NOVELA

★

BUENOS AIRES

1946